STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08348

DER ONFANGER

Yaakov Levin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

דער אָנפאַנגער

לייענבוך

מיט א סך אילוסטראציעס און קונסט-בילדער אין טעקסט.

פערטער טייל

10טע אויפלאַגע

פאַרלאַג „אידישע שול"

הויפטפאַרקויף ביי

היברו פאבלישינג קאמפאני

77–79 דילענסי סטריט, ניו יאָרק

Copyright 1925, by
JACOB L. LEVIN

Printed in United States
Hebrew Publishing Company
New York

אינהאַלט:

זייט:

פֿאַבלען, מעשות און לעגענדעס.

די מאַלפּע. פֿאַבל — נחום יערוסאַלימטשיק נאָך קרילאָוו. 1
בערעלע שלימאַזל. קרינסקי. 2
דער קרומער שטיין. תשרק. 4
דער אינדיק און די אינדיטשקע. שלום־עליכם. 5
דער וואַלדקייסער. ליפשיץ פֿון געטע. 7
דריי קלוגע עצות. נאָך גיבש. 8
דער קלוגער פּאַסטוכל. פֿאָלקס־מעשה. 10
דאָס קעסטעלע. א. מייזל. 11
די פֿיש־יויך. פֿאַבל. נחום יערוסאַלימטשיק נאָך קרילאָוו. 13
דער ווינט און די זון. עזאָפּ. 14
הלל און שמאַי. אגדה. 16
די דורכגייער און די הינט. פּ. קאַפּלאַן נאָך קרילאָוו. 18
דער גאָרטן. אָ. ווײַלד. 18
די קעניגן און דער געלערנטער. אגדה. 20
גאָלדן ברויט. אַגדה. 21
דער צויבערמאַן. ליד. יהואש. 22
אַ ביסל שטרוי. אַגדה. 23
דאָס העמד. ל. טאָלסטאָי. 24
צוויי מיינונגען. א. ווילנער. 26
דער אוצר. שלום־עליכם. 27
די חלוקה. פֿאַבל. נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 28
צוויי ברידער. אַגדה. 29
דער העלד. פֿון רוסיש. 30
אַ צופֿאַל. ע. ד׳אַמיטשיס. 32
אַ פֿעסל גאָלד. ז. שניאור. 34
גערעכטיקייט. אַגדה. 36
דער מלך און דער נביא. פֿון תנך. 37
דער וואָלף און דער פֿוקס. פֿאַבל. נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 40
איך צו דיר, ווי דו צו מיר. ד. אושינסקי. 41
אין געיעג. ליד. ה. רויזנבלאַט. 43

זייט:

שבת־שירה־פֿייגעלאַך. פֿון מדרש. 44
דער קאַנאַריק. ליד. מ. ראָזנפֿעלד. 46
די קאַץ און די נאַכטיגאַל. פֿאַבל. נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 46
די ערד פֿאַלט ניט איין. שעדלאָק. 47
דער קליינער העלד. פֿון ענגליש. 50
די וואונדערלאַכע קליידער. פֿון ה. ק. אַנדערסען. 53

צווישן חיות און פֿלאַנצן.

דער אַראַבער און זיין פֿערד. אַראַביש מעשה׳לע. 57
דאָס פֿערד און דער קעמל. א. לעסינג. 60
דער וואָלף און דער הונט. פֿון רוסיש. 61
ניט די לאָך איז דער גנב. דוד׳ל. 63
דער אַלטער וואָלף. נאָך א. לעסינג. 66
רעי און נאָרד. פֿון פּ. רינדער. 69
דער לייב און דער מענש. אַלט מעשה׳לע. 73
דער האָז און דער לייב. פֿון ענגליש. 75
דער העלדישער האָז. פֿון מאַמין סיביריאַק. 79
דער האָז און דער וואָזיק. פֿון רוסיש. 82
צוויי מייז. פֿאַבל. נחום יערוסאַלימטשיק, נאָך קרילאָוו. 86
די ווערוערקעס. ש. הורוויץ. 86
צוויי פֿייגעלאַך. פֿון ענגליש. 89
דער שפּערלינג. ליד. ש. י. לאַנדינסקי. 93
דער הייפֿיש. ל. טאָלסטאָי. 93
דאָס געוועט פֿון די ביימער. פֿון ענגליש. 95
דער טאָפּאָל. ליד פֿון ב. לאַפּין. 97
דאָס ליד פֿון ברויט. ליד. מאַני לייב. 97
די גריקע. פֿון ה. ק. אַנדערסען. 99

זייט:
דער לײן. פון ה. ק. אַנדערסען. 101
דאָס ליד פון בלויען לײן. ליד. מאַני לייב. — — — — — 106
אַ וואַלד־מעשה׳לע. מאַמין סי־ביריאַק. — — — — — — — 108

אין דער היים.

קינדערלאַך. ליד. נחום יערו־סאַלימטשיק. — — — — 113
אין אָוונט אין דער היים. ז. פייערבערג. — — — — — 114
די מאַמע. ליד. ז. וויינפער. — 116
דיין מאַמע. ע. ד׳אַמיטשיס. — 117
אין דער היים. ליד. א. רייזען. 119
אַן אומזיסטער פּאַטש. י. ל. פּרץ. — — — — — — 121
אין אָוונט. ליד. מאַני לייב. — 122
ווינטער־אָוונט. ליד, נחום יע־רוסאַלימטשיק. — — — 123
דער באָבעס טאַנץ. ליד. נחום יערוסאַלימטשיק. — — — 123
דער פעטער שייע נאָטע. מלכה טוזמאַן. — — — — — — 125
דער פעטער עליע. ליד. נחום יערוסאַלימטשיק. — — — 128
וואָס דוד האָט געקויפט. תשרק. 130
דער קליינער פידל־שפּילער. תשרק. — — — — — — 132
דער שלאָף. ליד. מאַני לייב. — 136

זייט:

דאָס יאָר.

אַנטקעגן מיין פענסטער. ליד. אַב. וויקטאָר. — — — 139
דער הערבסט. ליד. א. רייזען. 140
דער וואַלד אין הערבסט. ליד. א. רייזען — — — — — 141
די בלומען אין האַרבסט. ליד. ה. רויזנבלאַט. — — — — 141
די פאַרשפּעטיקטע רויז. י. ל. פּרץ. — — — — — — 142
דער פאַרפראָרענער טייך. א. רייזען. — — — — — 144
דער מלך ווינטער. ליד. יהואש. 145
אַ קויל שניי. ע. ד׳אַמיטשיס. — 147
אין שניי. ליד. מאַני לייב. — 150
אין אַ ווינטער־נאַכט. ליד. נחום יערוסאַלימטשיק. — — 153
ווינטער־ליד. ליד. ש. פרוג. — 154
צום פרילינג. ליד. א. רייזען. 155
אָנהייב פרילינג. נחום יערוסאַ־לימטשיק. — — — — — 156
דער טייך שפּילט. א. ליטווין. 156
פרילינג. ליד. יהואָש. — — — 159
אַ מאַי־שמחה. ש. אַש. — — 162
אַ רעגן. ליד. י. א. ראָנטש. — 164
אַ זון מיט אַ רעגן. ליד. ל. נייִ־דוס. — — — — — — — 165
אַריבער דער רעגן. ליד. מ. טייטש. — — — — — — 166
ברי מיך. ליד. מ. באָגדאַנסקי. 167
אין גאַס. ליד. ד. האָפּשטיין. 167
מאַמע, מאַמעלע מיינע! י. קרעפּליאַק. — — — — 168
סוף זומער. ליד. ד. טשאַרני. 171

קונסט־בילדער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך:

זייט:
הלל און שמאי. — — — — 17
צוגעלייגט אַ האַנט. רענאָוף. — 25
אַ שטום געבעט. ב. באַרבער. — 35
טירגאַרטן. סאָנדערלאַנד. — — 57
טו מיך אַ קוש. האָלמס. — — 62
דער וואַלד. שישקין. — — 112
אַ סוד. מ. וואונש. — — — 113
מאַמע און קינד. — — — — 116

זייט:
גיט עסן אירע הינדעלאַך. מילעט. — — — — — 117
ביי דער אַרבעט. פאַעד. — — 119
אויפ׳ן ברעג פון ים. דעלאָב. — 120
זיי עסן קאַווענע. מורילאָ. — 132
קענסטו ניט רעדן? האָלמס. — 138
אויף דער נאַטור. זשאַק. — — 139
אין אַ רעגן. — — — — — — 165

פאַבלען, מעשות און לעגענדעס.



די מאַלפּע.

אַ פּויער שלעפּט זיך מיט זײַן אַקער פונדערפרי,
באַאַרבעט זײַן שטיק פעלד מיט פלײַס און מי.
פון פּ נ י ם רינט דער שוויִס;
ער פילט ניט, אַז ס׳איז היִס,
ער גיִיט זיך טריט בײַ טריט זײַן גאַנג.
דערפאַר האָט ער פון איטלאַכן אַ דאַנק:
ווער ס׳גיִיט פאַרבײַ,
דערלאַנגט אים אַ „גוט מאָרגן!“ גאַנץ געטרײַ.
אַ מאַלפּע זעט עס פון אַ צווײַגל אויבן,
און לויב־געזאַנג איר אויך פאַרווילט זיך און פאַרגלוסט
(ווער וויל דאָס ניט, מען זאָל אים לויבן?),
כאָטש ווי און וואָס האָט זי, פאַרשטיִיט זיך, ניט געוואוסט.

זי כאַפּט אַ גרויסע קלאַץ און שלעפּט, און שטעלט, און לייגט.
זי איז פון שוויים שוין אויסגעווייקט;
עס זעצט פון מויל אַ שוים,
זי אָטעמט קוים
און פאַלט צום ס ו ף אָן כ ו ח ו ת אויף דער ערד,
קיין דאַנק פון קיינעם ניט געהערט.

קיין וואונדער איז עס ניט, מיין קינד!
געהאָרעוועט אַ ס ך, נאָר אויפ׳ן ווינט.

פּ. קאַפּלאַן, נאָך קרילאָוו.

בערעלע שלימאַזל.

בערל שלימאַזל איז געבאָרן געוואָרן אין אַ בייזער ש ע ה. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרפאָלגט אים דער שלימאַזל טריט פאַר טריט.

גלייך ווי ער עפנט זיינע אויגן אינדערפרי, פליט אים אריין אַ פליגעלע אין אויג.

גייט ער אַרוים פון בעט, טרעט ער אַרויף מיט אַ באָרוועסן פוס אויף אַ שאַרפן טשוואַק.

נעמט ער אָנבייסן, געפינט ער די קאַווע קאַלט, די מילך זויער, און פליגן שווימען אַרום אין די מילך.

רויכערט ער אַ סיגאַר, פאַרטראַכט ער זיך און נעמט אַריין דעם שפּיץ מיט׳ן פייער אין מויל אַריין.

בייסט ער אָן עפּל, טרעפט ער גראָד מיט די ציין אין אַ וואָ־רעם; קנאַקט ער ניס, זיינען אַלע פּוסטע; עסט ער פיש, שטעלט זיך אים אַ ביין אין האַלז.

ווייל ער זיך שנעל אַנטאָן, רײַסט זיך איבער דאָס שנירל פון שוך, אָדער ער שטעקט אַרײַן די רעכטע האַנט אין לינקן אַרבל.

שרײַבט ער נײַטיקע בריף, מאַכט ער שטענדיק אַ פעלער בײַ דער לעצטער שורה און מוז די בריף נאָכאַמאָל איבערשרײַבן. און אַז דער בריף איז שוין ריין און ריכטיק איבערגעשריבן, פאַרגיסט ער אים מיט טינט אָנשטאָט צו פאַרשיטן מיט זאַמד.

גייט ער אויף אַ באַל, פאַרגעסט ער שטענדיק זײַן נאָזטיכל, גראָד ווען ער האָט אַ קאַטער.

זיצט ער בײַם טיש אין רעסטאָראַן, שעפּט ער מיט זײַן לעפל פון אַ פרעמדן טעלער.

דאַרף ער באַצאָלן פאַר זײַן מאָלצײַט, געפינט ער, אַז ער האָט דאָס בײַטעלע מיט'ן געלט פאַרגעסן אין דער היים.

גייט ער פון רעסטאָראַן אַהיים, נעמט ער שטענדיק אַ פרעמדן הוט און מוז אים דעם איגנטימער אומקערן אויף דער גאַס.

קומט ער שפּעט בײַנאַכט אַהיים, געפינט ער אויס, אַז ער האָט זײַן שליסל פאַרלאָרן. הייבט ער אָן צו קלינגען, רײַסט ער אָפּ דעם דראָט פון גלאָק.

פאָרט ער אויף דער אײַזנבאַן, שלאָפט ער שטענדיק אײַן צען מינוט פאַר דער סטאַנציע, וואו ער דאַרף אַראָפּ. און אַז דער קאָנ-דוקטער וועקט אים אויף, איז ער שוין אָפּגעפאָרן פון יענער סטאַנ-ציע אַ מײַל דרײַסיק.

איינמאָל האָט ער באַקומען מיט אַמאָל צוויי בריף. איינער איז געווען פון אַ שנײַדער, וואָס האָט בײַ אים געבעטן, ער זאָל אים וואָס גיכער אָפּשיקן די הונדערט דאָלער, וואָס ער איז אים שולדיק געווען פאַר קליידער. ווען ניט, — האָט דער שנײַדער געשריבן, — וועט ער אים אָנקלאָגן אין געריכט.

דער צווייטער בריף איז געווען פון זײַנעם אַ ווײַטן קרוב, אַ שנאָרער, מיט דער ביטע — צו שטיצן אים מיט עטלאָכע דאָלער.

בערל שלימאַזל האָט זיך באַלד אָנידערגעזעצט און אָנגע-שריבן צוויי בריף. אין איינעם פון זיי, צום שנײַדער, האָט ער אַרײַנגעלייגט הונדערט דאָלער פאַר'ן חוב. און אין דעם צווייטן —

האַט ער אויסגע׳בטל׳ט אַלע בײזע חלומות צום קרוב׳ס קאָפּ.

ער האָט אָבער די אַדרעסן פאַרביטן: די הונדערט דאָלער זײַנען אַװעק צום קרוב, און די בײזע חלומות — צום שנײַדער.

אײנמאָל איז בערל אין אַ נאַסן װעטער געקומען אַ מידער פון גאַס. ער האָט זיך געװאָלט צושפּאַרן אויפ׳ן בעט אַ ביסל אָפּרוען. האָט ער על־פּי־טעות אַװעקגעלײגט דעם נאַסן שירעם אין בעט און אַלײן זיך אַרײַנגעשטעלט אין װינקל.

אַזעלכע צרות לײַדט בערל שלימאַזל אַלע טאָג פון פרי־מאָרגן ביז שפּעט בײַנאַכט.

קרינסקי.

דער קרומער שטײן.

אין אַ גאַס, װאָס איז געװען ברוקירט מיט שטײנער, איז געװען אײן שטײן, װאָס איז געװען קרומלאַך. אַלע שטײנער זײַנען געלעגן גלײַך, נאָר דער שטײן האָט גלײַך ניט געקענט ליגן. ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ ביסל העכער פון די אַנדערע.

אײנמאָל איז דורכגעפאָרן אַ װאָגן און האָט דעם שטײן אַרויסגעריסן פון זײַן אָרט.

האָט דער שטײן געזאָגט:

„גוט אַזוי! מיר פּאַסט ניט צו ליגן מיט די אַנדערע שטײנער. װער בין איך, און װער זײַנען זײ? עס איז מיר געװען ענג די װעלט צוזאַמען מיט זײ, און איצט בין איך פרײַ!“

איז געקומען אַ קלײנער אינגל און האָט דעם שטײן אויפגעהויבן.

„אָט אַזוי װיל איך!“ — האָט דער שטײן געזאָגט. — „איך האָב זיך געװאָלט אויפהײבן פון דער ערד, האָב איך זיך אויפגעהויבן. גענוג געלעגן אויף דער ערד. שוין צײַט צו שטײַגן העכער“.

דער אינגל האָט גענומען און אַ װאָרף געטאָן דעם שטײן אין דער לופטן.

„אַי, גוט!“ — האָט דער שטײַן אויסגערופן. — „עס האָט זיך מיר זײַער געוואָלט פליען אַ ביסל אין דער לופטן. איך האָב אַזוי ליב די קלאָרע לופט אין דער הייך!“

דער שטײַן איז געפאַלן אין אַ פענסטער און האָט צעבראָכן אַ שויב. האָט די שויב בײַז אויסגערופן:

„אָט דאָס הייסט אַ גראָבקייט!“

אָבער דער שטײַן האָט געענטפערט מיט גרויסקייט:

„שולדיק ביסטו אַליין! פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אָפּגערוקט אָן אַ זייט? איך האָב פּײַנט, אַז מען שטעלט זיך מיר אין וועג. זײַער רעכט אויף דיר! ווײַטער וועסטו שוין וויסן“.

דער שטײַן איז געפאַלן אויף דעם טעפּיך אין הויז, און ער האָט צו זיך געזאָגט:

„אַזוי לאַנג ווי איך האָב געוואָלט פליען, בין איך געפלויגן; און איצט וויל איך זיך צולייגן און אָפּרוען“.

ווען די מענשן פון הויז האָבן געפונען דעם שטײַן, האָבן זיי אים גענומען און צוריק אַרויסגעוואָרפן אין גאַס.

און ווען דער שטײַן איז ווידער געלעגן אויף זײַן אַלטן אָרט, אויף דער ערד, האָט ער אויסגערופן צו די אַנדערע שטיינער:

„וואָס מאַכט איר, מײַנע ברידער? איך האָב געמאַכט אַ שיינע לוסט-רײַזע. מען האָט מיך אַרײַנגענומען אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, אָבער איך האָב דאָרט ניט געוואָלט זײַן מיט די שטאָלצע מענשן. איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אײַך, מײַנע איינפאַכע ברידער, און בין צוריקגעקומען צו אײַך!“

תשרק.

דער אינדיק און די אינדיטשקע.

אַמאָל איז געווען אַ פּאָרפאָלק, אַן אינדיק מיט אַן אינדיטשקע. און זיי האָבן זיך געלעבט, דאָס גליקלאַכע פּאָרל, צופרידן, ווי מען זאָגט — אין ע ו ש ר און אין כ ב ו ד.

אָבער אײנמאָל האָט זיך געטראָפן אַ מ ע ש ה. די אינ־דיטשקע האָט באַמערקט פון אַ צײַט, אַז דער אינדיק איז עפּעס שטאַרק ל א ־ ע ל י כ מ׳דיק, גײט אַרום אָנגעבלאָזן, מ ר ה־ ש ח ו ר ה׳דיק און אַראָפּגעלאָזט דעם שנאָבל.

פרעגט אים די אינדיטשקע:

— וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי מ ר ה ־ ש ח ו ר ה־דיק?

ענטפערט איר דער אינדיק:

— וואָס פרעגסטו מיך? אַמער טו אַ קוק בײַ מיר אויפ׳ן שנאָבל, וועסטו שוין זען.

הײבט אויף די אינדיטשקע די אויגן און רופט זיך אָן צום מאַן:

— בײַ דיר אויפ׳ן שנאָבל איז נישטאָ גאָרנישט, אַ ח ו ץ אַ שטרײַעלע.

רופט זיך אָן צו איר דער אינדיק:

— הערסטו, אָט דאָס שטרײַעלע טוט מיר צום טויט, עס קיצלט מיר אין נאָז, באַמבלט זיך פאַר די אויגן — האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

דערהערט אַזעלכע ד י ב ו ר י ם, צעלאַכט זיך די אינ־דיטשקע:

— דו נאַרישער אינדיק, וואָס דו ביסט! טו אַ טרײַסל מיט׳ן קאָפּ און וואַרף אַראָפּ דאָס שטרײַעלע, וועט דיר ווערן אַ ליכט אין די אויגן!

אויסגעהערט די דאָזיקע ע צ ה, האָט זיך דער ח כ ם, דער אינדיק, אָפּגעקערט אָן אַ זײַט (זיך געשעמט פאַר דער אינדיטשקע) און אַראָפּגעוואָרפן דאָס שטרײַעלע פונ׳ם שנאָבל — און ס׳איז אים געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן.

שלום־עליכם.

אַ בלינדער איז קראַנק אויף די אויגן, אַ שטומער איז קראַנק אויף דעם מויל, אַ נאַר איז קראַנק אויף אַלע א ב ר י ם. (שפּריכוואָרט).

דער וואַלדקייסער.

ווער פאָרט עס, ווער רייט עס ביינאַכט אויפ׳ן ווינט?
עס רייט דאָרט אַ פאָטער באַנאַנד מיט זיין קינד.
דאָס אינגעלע ציטערט ביים פאָטער אין שויס.
דער פאָטער — ער האַלט עס און קושט אַזוי הייס.

— וואָס ציטערסטו, קינד מיינס? וואָס איז דאָס מיט דיר?
— מיין פאָטער, דער וואַלדקייסער שטייט דאָ פאַר מיר.
זיין קרוין איז אַ טונקעלע, שוואַרץ איז זיין באָרד...
— אָ, ציטער נישט, קינד מיינס, אַ נעפּל איז דאָרט...

— מיין קינד, קוק זיך אום און שטרעק אויס מיר דיין האַנט!
עס איז אַ סך וואונדער פאַראַן אין מיין לאַנד,
העלפאַרביקע בלומען, וואָס שיינען ביינאַכט,
פון גאָלד איז מיין פּאַלאַץ דער שיינער געמאַכט.
— מיין פאָטער, דער וואַלדקייסער רופט מיך אַוועק.
ער זאָגט מיר צו וואונדער און פרייד אָן אַ ברעג.
— זיי רואיק, מיין ליבער! בלייב רואיק מיין קינד!
דאָס רוישט מיט די בלעטער פוןביימער דער ווינט!

— מיין שיינער, אין פּאַלאַץ צו מיר קום צו גיין!
דו וועסט מיינע טעכטער, די שיינע, דאָרט זען.
אין זילבערשיין וועלן זיי פליען דאָרט גיך
און פליענדיק, שפּילנדיק, איינוויגן דיך!
— מיין פאָטער, מיין טייערער, קוק זיך נאָר איין,
די וואַלדטעכטער רייטן אין זילבערנער שיין.
— זיי רואיק, מיין ליבער! עס ווייזט זיך דיר אויס,
דאָס קוקן די ווערבעס פון נעפּל אַרויס.

— מיין קינד, דו געפעלסט מיר! פאַרבלייב אין מיין וואַלד,
און וועסטו ניט וועלן, פאַרבלייבסטו מיט גוואַלד!
— מיין פאָטער, מיין פאָטער! ער יאָגט זיך אַהער,
ער רופט מיך און ציט מיך! איך קאָן שוין ניט מער!

עס יאָגט ווי דער ווינט זיך דער ריַיטער געשווינד.
עס ציטערט, עס וואַרפט זיך און ס'יאָמערט דאָס קינד.
זיי זיינען געקומען מיט מי און אין נויט...
געבראַכט האָט דער פאָטער דאָס אינגעלע טויט.

ליפשיץ, פון געטע.

דריי קלוגע עצות.

א רייַכער מאַן האָט געשפּאַצירט אין זיין גאָרטן און האָט דער־זען א פייגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין א נעץ. ער האָט באַפרייט דאָס פייגעלע פון נעץ און גענומען עס אין האַנט. פּלוצלונג האָט דאָס פייגעלע אָנגעהויבן צו רעדן צו אים אויף א מענשלאַכער שפּראַך:

— לאָז מיך אָפּ, מענש! שיין בין איך ניט; זינגען קאָן איך ניט, און צום עסן טויג איך ניט. דו וועסט פון מיר קיין שום נוצן ניט האָבן. און וועסטו מיך באַפרייען, וועל איך דיר געבן דריי נוצ־לאַכע ע צ ו ת.

דער מענש האָט איינגעשטימט, און דאָס פייגעלע האָט גע־זאָגט:

„ניט קימער זיך וועגן דעם, וואָס עס איז שוין פאַרביי.
באַגער ניט דאָס, וואָס דו קאָנסט ניט דערגרייכן.
און גלויב ניט אין דעם, וואָס עס קאָן ניט זיין".

דעם מענשן זיינען געפעלן געוואָרן די ע צ ו ת פונ'ם פיי־געלע און ער האָט עס אָפּגעלאָזן. דאָס פייגעלע איז אַרויפגעפלויגן אויף דעם נאָענטסטן בוים און האָט זיך פריילאַך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט דער מענש געפרעגט.

— איך לאַך פון דיר. — האָט דאָס פייגעלע געענטפערט. — ווען דו וואָלסט געווען קליגער, וואָלסטו געוואָרן דער רייכסטער מענש אויף דער וועלט.

— ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט ווערן? — האָט דער מענש פאַרוואונדערט געפרעגט.

— גאַנץ פּשוט: דו האָסט מיך געדאַרפֿט פֿאַרהאַלטן און ניט פֿרײַלאָזן. זײַ װיסן, שוטה, אַז איך טראָג אין זיך אַ דימענט, די גרײַס װי אַ הינערש אײַ.

דער מענש איז געשטאַנען צעמישט פֿאַר פֿאַרדראָס, און װען ער איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער אָנגעהױבן אײַנצושמועסן דאָס פֿײגעלע, עס זאָל זיך צוריקקערן צו אים.

— טײַער פֿײגעלע! — האָט ער געזאָגט. — דאָס גליק ליגט גאָרניט אין דער פֿרײַהײַט. באַלד װעט קומען דער קאַלטער װינטער, און דו װעסט אין ערגעץ ניט געפֿינען קײַן קערנדל, ניט קריגן קײַן טראָפּן װאַסער. קום בעסער צו מיר און דו װעסט פֿאַרברענגען די צײַט אין װאַרימקײַט און פֿאַרגעניגן.

דאָס פֿײגעלע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט און האָט געענטפֿערט:

— דו האָסט מיך באַפֿרײַט פֿאַר מײַנע גוטע עצות, און דו האָסט זײ גלײַך פֿאַרגעסן. דערמאָן זיך, װאָס האָב איך דיר געזאָגט: ערשטנס — „קימער זיך ניט װעגן דעם, װאָס עס איז שױן פֿאַרבײַ". און דיר פֿאַרדריסט שױן, װאָס דו האָסט מיך אָפּגעלאָזן. צװײַטנס — „ניט באַגער דאָס, װאָס דו קאָנסט ניט דערגרײכן." און דו װילסט, איך זאָל צוריקגײן צו קנעכטשאַפֿט, צום טױט. ענדלאַך — „ניט גלױב אין דעם, װאָס עס קאָן ניט זײַן." און דו, נאַרישער מענש, האָסט מיר גלײַך געגלױבט, אַז איך טראָג אין זיך אַ דימענט, די גרײס װי אַ הינערש אײַ, װען איך אינגאַנצן בין צװײ מאָל קלענער פֿון אַזאַ'ן אײַ.

בײַ די װערטער האָט זיך דאָס פֿײגעלע אױפֿגעהױבן און איז אַװעקגעפֿלױגן.

נאָר ניבש.

אַ נאַר גלױבט אין יעדער זאַך, אַ קלוגער פֿאַרשט פֿריער אױס.

(משלי).

דער קלוגער פּאַסטוכל.

אין אַ ווײַטן לאַנד האָט אַמאָל געלעבט אַ קיניג. האָט ער געהערט, אַז אין זײַן לאַנד געפינט זיך אַ יונג פּאַסטוכל, וואָס איז זייער קלוג. איז דער קיניג געפאָרן צום פּאַסטוכל און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

„אויב דו וועסט מיר ענטפערן אויף די דרײַ פראַגן, וואָס איך וועל דיר שטעלן, וועל איך דיך צונעמען אין פּאַלאַץ אַרײַן און איך וועל דיך האַלטן דײַן גאַנץ לעבן“.

— איך וועל פּרובירן ענטפערן לויט מײַן פאַרשטאַנד. — האָט דער קלײנער פּאַסטוכל געענטפערט.

„מײַן ערשטע פראַגע איז:“ — האָט דער קיניג געזאָגט: — „וויפיל טראָפּנס וואַסער זײַנען דאָ אין ים?“

— „דאָס קאָן מען לײַכט אויסגעפינען.“ — האָט דער פּאַסטוכל געענטפערט. — „זאָל נאָר דער קיניג געבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אָפּשטעלן אַלע וואַסערן, וואָס לויפן אין ים, דאַן וועל איך קאָנען איבערציילן די טראָפּנס.“

דער קיניג האָט געזען, אַז דער קלײנער פּאַסטוכל האָט אים דאָס מאָל באַזיגט, האָט ער אים געשטעלט די צווייטע פראַגע:

„איצט קענסטו מיר זאָגן, וויפיל שטערן עס זײַנען דאָ אין הימל?"

דער פּאַסטוכל האָט גענומען אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, האָט אים עטלאַכע מאָל צוזאַמענגעלייגט און נאָכדעם האָט ער גענומען אַ נאָדל, געשטאָכן און געמאַכט לעכלאַך אין אַלע זײַטן. עטלאַכע מינוט האָט ער אַזוי געשטאָכן דעם בויגן פּאַפּיר, און נאָכדעם האָט ער עס דערלאַנגט דעם קיניג און געזאָגט:

— „ווען דו וועסט איבערציילן די אַלע לעכלאַך, וואָס זײַנען דאָ אין דעם פּאַפּיר, וועל איך דיר זאָגן, וויפיל שטערן עס זײַנען דאָ אין הימל."

„איצט קומט די דריטע פראַגע:" — האָט דער קיניג געזאָגט: — „וויפיל סעקונדן איז דאָ אין דער אייביקייט?"

— „איך וועל דיר זאָגן." — האָט דער פּאַסטוכל געענטפערט. — „טויזנט מײַל ווײַט פון דאַנען געפינט זיך אַ באַרג, וואָס איז אַ מײַל די ברייט, אַ מײַל די לענג און אַ מײַל און אַ האַלב די הייך. איינמאָל אין טויזנט יאָר קומט צו דעם באַרג אַ פויגל און רײַבט אָפּ זײַן שנאָבל אָן דעם באַרג. ווען דער באַרג וועט אין גאַנצן אָפּגעריבן ווערן, וועט דאָס זײַן איין סעקונדע פון דער אייביקייט."

פאָלקס־מעשה.

דאָס קעסטעלע.

דער קלוגער קעניג שלמה האָט געהאַט אַ סך קלוגע און געלערנטע פרײַנד. ער פלעגט מיט זיי זייער אָפט פאַרברענגען, פרעגן זײַנע רעטענישן און דערציילן זײַנע חכמות.

צווישן אַלע זײַנע פרײַנד איז געווען איינער, יהוידע, אַ גרויסער חכם. ער האָט אָבער געהאַט איין גרויסן חיסרון: ער איז געווען צופיל נײַגעריק. ער האָט ליב געהאַט אַרײַנצוקוקן אין אַלע ווינקעלאַך, צוהערן זיך צו יעדער קלייניקייט און אויסגעפינען אַלץ, וואָס אים איז געווען ניט נוגע.

דער קלוגער שלמה האָט מיט זײַן אויג אַלץ באַמערקט. אים איז דאָס, פאַרשטייט זיך, זייער און זייער ניט געפעלן געווען און ער האָט באַשלאָסן, אַז איין מאָל פאַר אַלע מאָל — זײַן פרײַנד מוז גוט באַשטראָפט ווערן.

איין שיינעם פרימאָרגן האָט שלמה געהיימן שפּאַנען זײַן קאַרעט און איז אַוועקגעפאָרן צו זײַן פרײַנד יהודע, וואָס האָט געוואוינט אין אַ פּראַכטיקן פּאַלאַץ ניט ווײַט פון שלמה׳ס הויפּטשטאָט, ירושלים. יהודע האָט באַגעגנט זײַן טײַערן גאַסט מיט אָפענע אָרעמס און האָט אים אַרײַנגעפירט אין זײַנע אינ־ווייניקסטע צימערן.

דאָרט האָבן זיי, ביי אַ גלעזל ווײַן, אַ היבשע צײַט פאַר־בראַכט, ביז דער קעניג האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן פּלאַץ און גע־זאָגט, אַז ער דאַרף שוין פאָרן. ער גייט איצט אויף יאַגד אין דעם נאָענטן וואַלד, און יהודע וועט אים אַ טובה טאָן, אויב ער וועט פאַר אים האַלטן און היטן עפּעס אַ זאַך, ביז דער קעניג וועט זיך צוריקקערן. ביי די דאָזיקע ווערטער האָט שלמה אַרויסגע־נומען אַ קליין קעסטעלע, דאָס דעקל באַפּוצט מיט שניצונגען און צאַצקעלאַך, און האָט עס זאָרגפול איבערגעגעבן יהודע׳ן אין די הענט.

„נאָר געדענק, מיין פרײַנד, אַז דאָס איז דעם קעניגס טײַערער אוצר; ער וועט עס קיינעם ניט טרויען, נאָר יהודע׳ן און זײַן גלײַכן. קיין ברעקל זאָל דערפון ניט פעלן. ווען ניט, וועסטו מיט דײַן בלוט באַצאָלן״.

יהודע האָט דאָס קעסטעלע אַוועקגעטראָגן אויף די שפּיצן פינגער אין זײַן שלאָפצימער. דאָרט האָט ער עס אויף אַ בכבוד׳יקן אָרט אַוועקגעשטעלט און גענומען באַקוקן פון אַלע זײַטן. זײַן נײַגעריקײַט האָט זיך וואָס ווײַטער אַלץ מערער צעפלאַקערט. ער האָט עס באַטאַפּט, באַקוקט, געגלעט דאָס דעקעלע מיט די פינ־גער־שפּיצן, אויסגעפונען, אַז עס האָט ניט קיין שלעסל און קיין קלאַמערל.

„אָט אַזוי, מיט די צוויי פינגער דאָס דעקעלע אָן עפן געבן און

זען, אין וואָס עס באַשטייט דעם גרויסן קעניגס טײַערסטער אוצר".
— טראַכט יהוידע.

באַלד אָבער כאַפּט ער זיך ווי אַן אָפּגעבריטער צוריק. „וואָס הײַסט? עס איז דאָך דעם קעניגס סוד. זאָל ער, יהוידע, מיש־ברויכן דעם גרויסן צוטרויען פון דעם קלוגן קעניג?"

„אָבער שלמה וועט דאָך קיינמאָל גאָרנישט ניט וויסן. ער, יהוידע, איז אַזאַ'ן ערלאַכער מאַן, ער וועט קאָנען בײַשטייַן דעם גרעסטן נסיון: ער וועט קיין זאַך ניט רירן, מעג עס זײַן זילבער, גאָלד אָדער די בעסטע איידל־שטיינער. בלויז אַ קוק געבן, אײַן קליי־נינקן קוק, און נאָכדעם וועט ער עס פאַרמאַכן און רואיק אַוועקגיין".

בײַ די דאָזיקע געדאַנקען האָט יהוידע מיט אימפּעט, ווי פון אימיצן געטריבן, האַסטיק אַן עפן געטאָן דאָס דעקעלע פון קעסטל.

ציק־ציק־ציק... — אַ קליין מײַזעלע מיט אַ בענדל אויפ'ן האַלז האָט יהוידע'ן אַ שפּרונג געגעבן אויפ'ן אַקסל, פון אַקסל אויפ'ן האַנט, פון האַנט אויפ'ן דיל, פון דיל אין אַ טיפער לעכעלע אַרײַן... יהוידע איז אין חלשות געפאַלן...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז שלמה האָט זײַן בעסטן פרײַנד גע־שענקט און האָט אים דערפאַר גאָרנישט ניט געטאָן. אָבער יהוידע האָט זײַן לעקציע קיינמאָל ניט פאַרגעסן, און פון דעמאָלט אָן איז ער אויף שטענדיק אויסגעהיילט געוואָרן פון זײַן גוואַלדיקער נײַגע־ריקייט.

א. מייזל.

די פיש־יויך.

— „מײַן שכן טײַערער, וואָס עסטו אַזוי ווייניק?"
— „אַ דאַנק, איך בין שוין זאַט"... — „וואָס מאַכט דאָס אויס?
נו, נאָך אַ טעלערל; הער אויס,
די פיש־יויך איז געקאָכט אַזוי ווי פאַר'ן קעניג!"
— „איך האָב דאָך אויפגעגעסן שוין אַ טעלער דרײַ"...

— „וואָס פאַר אַ רעכענונגען פירסטו דאָ דערביי?
אויב דיר איז נאָר געפעלן, וואָס איז דאָ די רייד,
עס אויף די גאַנצע יויך געזונטערהייט!
דו זע, ווי שיין זי איז און געל,
אַזוי ווי מיט בורשטין פאַרצויגן קלאָר און העל...
טו מיר צוליב, מיין פריינט, און זאָל דיר וואויל באַקומען!
נעם העכט, נעם קאַרפ און רויג אַ שטיקעלע דערצו,
כאָטש נאָך אַ לעפל! פּרואוו, מיין וויב, אים בעטן דו"...
אַזוי האָט איינער דאָס זיין שכן אויפגענומען
און ניט געגעבן אים קיין רגע רו.
פון גאַסט ביי יעדן ביסן
האָט שווייס שוין טייכנווייז גענומען גיסן,
דאָך נעמט ער נאָך אַ טעלער צו
און עסט, כאָטש ס'גייען אים די כוחות איבער...
— „אַזוי האָב איך דיך ליב, מיין פריינט!
נאָר די, וואָס לאָזן זיך פיל בעטן, האָב איך פיינט.
נעם נאָך אַ טעלערל, מיין ליבער!"...
דאָ נעבאָך האָט דער אומגליקלאַכער גאַסט
ווי שטאַרק ער האָט ניט ליב געהאַט אַ יויך פון פיש,
ניט האָבנדיק קיין אַנדער מיטל,
געכאַפּט זיין גאַרטל און זיין היטל
און אַ צעדולטער קוים אַהיים אַנטלאָפן שנעל.
זייט דאַן — טרעט ער ניט איבער מער דעם שכנ'ס שוועל.

נחום יערושאַלימטשיק.

דער ווינט און די זון.

די זון און אַ בייזער, קאַלטער ווינט האָבן איינמאָל געשטרייט וועגן דעם, ווער פון זיי איז שטאַרקער.

זיי האָבן זיך לאַנג געקריגט, ביז זיי האָבן ענדלאַך באַשלאָסן

אויסצופּרואוון זײַער קראַפט אויף אַ מענשן, וואָס איז דעמאָלט גראָד דורכגעגאַנגען אויפ'ן וועג.

— גיב נאָר אַ קוק, — האָט דער ווינט געזאָגט, — ווי איך וועל זיך דאָס אַ לאָז טאָן אויף אים! אין אײַין אויגנבליק וועל איך פון אים זײַן מאַנטל אַראָפּרײַסן.

און ער האָט טאַקע באַלד מיט זײַן גאַנצער קראַפט אָנגעהויבן צו בלאָזן.

נאָר וואָס שטאַרקער דער ווינט האָט געבלאָזן, אַלץ פעסטער האָט זיך דער מענש אײַנגעוויקלט אין זײַן מאַנטל. ער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם שלעכטן וועטער און איז געגאַנגען ווײַטער.

דער ווינט איז בייז געוואָרן. ער האָט זיך מיט צאָרן געוואָרפן אויף דעם פוסגייער און באַשאָטן אים מיט שניי און מיט רעגן. דעמאָלט האָט דער מענש, שילטנדיק דעם ווינט, אָנגעשטעלט דעם קאָלנער, אַראָפּגערוקט דעם הוט און אַרומגעבונדן זיך מיט אַ גאַרטל.

איצט האָט דער ווינט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער וועט בײַם מענשן דעם מאַנטל ניט אַראָפּרײַסן.

ווען די זון האָט דערזען, ווי שוואַך עס איז איר געגנער, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. זי האָט פרײַנדלאַך אַרויסגעקוקט פון צווישן די וואָלקנס, באַלויכטן און דערוואַרימט די ערד און דעם מענשן, וואָס איז שיר ניט פאַרפראָרן געוואָרן פאַר קעלט.

ווען דער מענש האָט דערפילט די וואַרימע שטראַלן פון דער זון, איז ער בײַ זיך פריילאַכער און מונטערער געוואָרן — ער האָט געבענטשט און געלויבט די גוטע זון, האָט אַליין אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל, צונויפגעלייגט אים, און זיך געלייגט אונטער אַ בוים אָפּרוען.

— דו זעסט, — האָט דעמאָלט די מילדע זון געזאָגט צום בייזן ווינט, — מיט גוטן קאָן מען פיל מער אויספירן, איידער מיט בייזן.

פון עזאפ.

הלל און שמאי.

אַמאָל זיינען געווען צוויי אידישע געלערנטע, צוויי גרויסע באַוואוסטע ח כ מ י ם. איינער פון זיי האָט געהייסן ה ל ל, דער אַנדערער — ש מ א י.

די צוויי גרויסע לייט האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט איינער פונ׳ם אַנדערן. ש מ א י איז געווען אַ שטרענגער און אַ בייזער, ה ל ל — אַ מילדער און אַ גוטער.

איינמאָל קומט צו ש מ א י׳ ן אַ מאַן, אַ געצנדינער, און זאָגט:

— איך בין גרייט צו ווערן אַ איד, אויב דו וועסט מיך אויסלערנען אייער גאַנצע ת ו ר ה פאַר דער צייט, וואָס איך וועל שטיין אויף איין פוס.

איז ש מ א י אין כ ע ס געוואָרן, האָט געכאַפּט אַ שטעקן און אַרויסגעטריבן דעם מאַן.

גייט דער מאַן אַוועק צו ה ל ל׳ ן און זאָגט אים אויך דאָסזעלביקע:

— איך בין גרייט צו ווערן אַ איד, אויב דו וועסט מיך אויסלערנען אייער גאַנצע ת ו ר ה פאַר דער צייט, וואָס איך וועל שטיין אויף איין פוס.

זאָגט ה ל ל:

— גוט, מיין זון! „ו ו אָ ס ד י ר א י ז נ י ש ט ל י ב, ז אָ ל ס ט ו נ י ש ט ט אָ ן ד ע ם אַ נ ד ע ר ן" — דאָס איז די הויפּט-מ צ ו ה פון אונזער ת ו ר ה; דאָס איבעריקע גיט נאָר בעסער צו פאַרשטיין אָט די מ צ ו ה. און ווילסטו, גיי לערן, וועסטו וויסן.

דער מאַן איז געגאַנגען און געוואָרן אַ איד. ער האָט אָנגע-

הויבן לערנען און איז געוואָרן איינער פון די געלערנטסטע מענשן ביי די אידן.

האָבן קלוגע לייט געזאָגט: „ש מ א י ׳ ם כ ע ס האָט פאַר־טריבן אַ מענשן פון דער ת ו ר ה, און ה ל ל ׳ ם מילדקייט האָט אים צוגעצויגן".

אגדה.

דער כ ע ס איז אַ נאַר. (שפּריכוואָרט).

הלל און שמאי.

די דורכגייער און די הינט.

א פּאָר ח ב ר י ם גייען זיך פאַרנאַכט,
אַריינגעטאָן אין שמועסן, פאַרטראַכט.
ערשט — ס׳בילט אַ הויפהינטל אויף זיי,
באַלד נאָך אַ צווייט,
און פּלוצלונג שוין אַ גאַנצע סטאַדע,
אַ צענדליק פינף אַ ו ו ד א י.
וויל איינער אויפהייבן אַ שטיין.
— „אי, ברודער,“ — זאָגט דער צווייטער, — „ניין!
איך קען שוין אָט די בילער:
מיט שטיינער מאַכט מען זיי ניט שטילער,
זיי ווערן נאָר צערייצט. אָט לאָמיר וויטער גיין“.
און טאַקע: אָפּגעגאַנגען פּופציק טריט,
די הינט, זיי ווערן מיד,
און שפּעטער הערט מען שוין פון זיי קיין פּאַרע ניט“.

פ. קאַפּלאַן, נאָך קרילאָוו.

דער גאָרטן.

אַלע טאָג, ווען די קינדער פלעגן גיין פון שול, פלעגן זיי אַריינגיין אין גאָרטן זיך שפּילן.

דער גאָרטן איז געווען אַ גרויסער און אַ שיינער. ער איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט גרינעם גראָז. און פון׳ם גראָז האָבן, ווי אייגעלאַך, אַרויסגעקוקט טויזנטער פאַרביקע בלימעלאַך.

אין גאָרטן זיינען געוואַקסן צוועלף אייל-ביימער. אַלע פרי-לינג פלעגן זיך די ביימער אָנטאָן אין שיינע ווייסע בלומען. און שפּעטער פלעגן זיי זיך באַדעקן מיט טייערע זאַפטיקע פרוכט. און צווישן די בלומען און די פרוכט זיינען געזעסן אויף די צווייגן בלויע פייגעלאַך און האָבן זייער שיין געזונגען.

— ווי גוט דאָ איז! — פלעגן זאָגן די קינדער.

אײנמאָל איז דער באַלעבאָס פון גאָרטן געקומען אַהײם. זיבן יאָר איז ער אין דער הײם ניט געווען. אַז ער איז צום ערשטן מאָל אַרײַן אין גאָרטן און דערזען די קינדער שפּילן, האָט ער אויף זײ אָנגעשריען און אַרויסגעטריבן זײ. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ פּאַרקאַן אַרום גאָרטן און אויפגעהאָנגען אַ צעטל:

קײן פרעמדער טאָר אַהער נישט אַרײַנגײן.

פון דעמאָלט אָן האָבן די קינדער נישט געהאַט, וואו צו שפּילן זיך. אַז זײ פלעגן גײן פון שול אַהײם, פלעגן זײ קוקן אויפ׳ן צוים פון גאָרטן און בענקען:

„ווי גוט דאָס איז געווען אין גאָרטן!"

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער פרילינג. אויף דער גאַנצער ערד האָבן זיך באַוויזן בלימעלאַך און פײגעלאַך, נאָר אין גאָרטן איז נאָך אַלץ געווען ווינטער. די פײגעלאַך האָבן ניט געוואָלט זינגען, און די בײמער האָבן פאַרגעסן צו בליען.

האָט אַ בלימעלע אַמאָל אַרויסגעשטעקט זײַן שײן קעפּעלע פון גראָז, האָט עס באַלד צוריק זיך באַהאַלטן אין דער ערד. אומעטום איז געווען זון און ליכט, און בלומען, און פײגל, נאָר אין דעם גאָרטן איז געווען קאַלט און וויסט און טויט.

אײנמאָל הערט דער באַלעבאָס פון גאָרטן, ווי עס זינגען פײגל בײַ אים אין גאָרטן. קוקט ער אַרויס פון פענסטער, זעט ער — אַלע בײמער בליען, און בלומען קוקן צום הימל מיט שײַנענדיקע, שמײכלענדיקע אײגעלאַך.

גײט דער באַלעבאָס באַלד אַרויס אין גאָרטן. זעט ער, עס שפּילן זיך דאָרט ווידער קינדערלאַך. זײ זײַנען אַרײַן אַהין ערגעץ דורך אַ שפּאַלט, דורך אַן אָפּגעריסן ברעטל.

אַז די קינדער האָבן דערזען דעם באַלעבאָס, זײַנען זײ זיך מיט שרעק צעלאָפן. און אין דער מינוט, זײַנען ווידער פאַרטריקנט געוואָרן אַלע גראָזן און בלומען, און די פײגל זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן.

האָט זיך דער באַלעבאָס צום ערשטן מאָל פאַרטראַכט:

— איך האָב ניט געטאָרט טרײַבן די קינדער פון גאָרטן. איך זע, אַז נאָר צוליב זײ, צוליב די קלײנע קינדער, איז מײַן גאָרטן געװען אַזױ שײן.

האָט דער באַלעבאָס גענומען, אָראָפּגעריסן דעם אַלטן צעטל און אױפגעקלעפּט אַ נײַעם מיט דער אױפשריפט:

אַלע קינדער מעגן זיך שפּילן אין גאָרטן.

און ער האָט געעפנט אַלע טױערן פון גאָרטן.

פון דעמאָלט אָן האָט דער גאָרטן װידער געבליט, װי אַמאָל. און דער באַלעבאָס האָט אַזױ ליב באַקומען קינדער, אַז ער פלעגט זיך מיט זײ שפּילן און טײלן זײ אַלע טאָג בלומען און פרוכט.

א. װײלד.

די קעניגן און דער געלערנטער.

אַ קעניגן האָט אַמאָל פאַרלאָרן אַ ברילִיאַנט. האָט זי געלאָזט אױסרופן איבער'ן גאַנצן לאַנד:

— װער עס װעט געפינען דעם ברילִיאַנט און אומקערן אים אין פאַרלױף פון דרײַסיק טעג, װעט באַקומען אַ רײַכע מ ת נ ה. און װעט אײנער אומקערן דעם ברילִיאַנט נאָך די דרײַסיק טעג, װעט מען אים טײטן.

אַ אידישער געלערנטער האָט געפונען דעם ברילִיאַנט און האָט אים אומגעקערט נאָך די דרײַסיק טעג.

פרעגט אים די קעניגן:

— ביסטו ניט געװען דאָ אין לאַנד?

— איך בין יאָ געװען, — האָט דער געלערנטער געענטפערט.

— האָסט אַ פ ש ר ניט געהערט, װאָס איך האָב אױסגע־רופן?

— איך האָב יאָ געהערט. דו האָסט געלאָזט װיסן, אַז װער עס װעט אומקערן דעם ברילִיאַנט פאַר די דרײַסיק טעג װעט באַקומען אַ מ ת נ ה; און װעט אײנער אים אומקערן נאָך די דרײַסיק טעג, װעט מען יענעם טײטן.

— הײַנט פֿאַרוואָס קערסטו אים אום איצט, נאָך די דרײַסיק טעג? — האָט די קעניגין געפֿרעגט. — איצט דאַרף מען דיך דאָך טײַטן!

— איך האָב געוואָלט באַווײַזן, — האָט דער געלערנטער גע־ענטפֿערט, — אַז איך קער אום די א ב ד ה ניט אױס מ ו ר א פֿאַר'ן טױט, אויך ניט צוליב דער מ ת נ ה, נאָר דערפֿאַר, וואָס עס איז ניט ערלעך צו האַלטן פֿרעמד גוטס.

די קעניגין האָט געלױבט דעם געלערנטן פֿאַר זײַן ערלאַכקײַט און מוט. זי האָט אים געגעבן רײַכע מ ת נ ו ת און אָפּגעלאָזט ב ש ל ו ם אַהײם.

אגדה.

אַז מען היט אָפּ פֿרעמדס, קומט מען צו אײגנס (שפּריכוואָרט).

גאָלדן ברױט.

אַמאָל איז בײַ די גריכן געװען אַ קעניג, האָט ער געהײסן אַלעקסאַנדער מוקדון. האָט זיך אָט דער קעניג אַלעקסאַנדער אַמאָל אױסגעקלאָזן קײן קאַרטאַגען, אַזאַ מ ד י נ ה, וואו פֿרויען האָבן געהערשט. האָט ער געוואָלט מיט זײ פֿאַרפֿירן מ ל ח מ ה.

זאָגן זײ צו אים: „ווען סטו אונז בײַקומען, וועט מען זאָגן: אַ גרויסע זאַך, פֿרויען האָט ער באַזיגט! ווען מיר אָבער דיך בײַ־קומען, וועט מען זאָגן: אָט אַ קעניג, וואָס איז דורך פֿרויען באַזיגט געוואָרן!"

הײסט אַלעקסאַנדער זיך אַרויסטראָגן ברויט. טראָגט מען אים אונטער גאָלדענע ברויטן מיט גאָלדענע עפּל און מילגרוימען.

וואונדערט ער זיך: „וואָס? גאָלד עסט מען אין אײַער מ ד י נ ה?"

— מײנסטו, הײסט דאָס, געוואוינלאַך ברויט? צו וואָס זשע האָסטו זיך באמת קומען אַהער? פֿעלט דיר דען געוואוינלאַך ברויט בײַ דיר אינדערהײם?

אגדה.

דער צויבערמאַן.

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם גֿעשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענעם האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופן שטאַרק:
„כ׳האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי...“

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ׳האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ“.

איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער.
קלער אַהער און קלער אַהין,
פאָלג אַ גאַנג מיך און געפין,
וואָס איז בעסער, דאָס צי יענעם;
שרייען אַלע ווי די גענז.
פון די אַלע מענשן פיל
ווייסט ניט איינער, וואָס ער וויל;
זיינען אַלע אין אַ קלעם.

פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואס נעמט ער? און וואס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו־טרו־טרו!
בלאזט א זילבערנער טראמפייט,
און פארשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאן
מיט דעם גילדערנעם געשפאן...

יהואש.

ווי וואלט איר, קינדער, געטאן אין אזא פאל?
וואס וואלט יעדערער פון אייך, קינדער, געבעטן ביים צויבערמאן?

א ביסל שטרוי.

אמאל זיינען געווען אן ארימער מאן און אן ארימע פרוי. זיי האבן געוואוינט אין א האלב איינגעפאלן הייזל, וואס איז געווען ענג און פינסטער. קיין מעבל איז אין שטוב נית געווען: נית קיין טיש, נית קיין שטול, נית קיין בעט. נאר א ביסל שטרוי איז געווען פארשפרייט אויפ'ן דיל, און אויפ'ן שטרוי זיינען זיי געשלאפן.

און עסן האבן זיי אויך נית געהאט וואס: זיי האבן שוין לאנג נית געהאט קיין ארבעט און האבן גארנישט נית פארדינט.

נאר ליב האבן זיי איינער דעם אנדערן געהאט, און זיי האבן געלעבט בשלום צוזאמען: צוזאמען געהונגערט, צוזאמען געליטן.

איינמאל האט דער הונגער צו שטארק אנגעהויבן צו דריקן דאס פאר פאלק. האט די פרוי זיך מער נית געקאנט איינהאלטן און האט זיך אנגעהויבן צו קלאגן:

— מיר זיינען די אומגליקלאכסטע מענשן אויף דער וועלט. פארוואס קומט עס אונז, וואס מיר זיינען אזוי ארים?

פלוצלונג האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר, און עס איז אריינגעקומען אן אלטע באבע.

די באבע האט געזאגט:

— טײַערע מענשן! אַ פרוי, דאָ ניט װײַט פון אײַך אויף דער זעלבער גאַס, איז קראַנק געװאָרן, און זי האָט אפילו ניט קײַן ביסל שטרוי, אויף װאָס צו ליגן. האָט רחמנות אויף איר און גיט איר אַ ביסל שטרוי.

האָט דאָס פּאָר פאָלק געאײַלט און געגעבן דער באָבען אַ טײל פון'ם שטרוי, אויף װעלכן זײ זײַנען געשלאָפן. און די פרוי האָט געזאָגט:

— אומזיסט זיך געקלאָגט. עס זײַנען פאַראַן מענשן נאָך אָרימערע פאַר אונז.

אגדה.

דאָס העמד.

אַ קיניג איז געװאָרן געפערלאַך קראַנק, און זײַנע דאָקטוירים האָבן ניט געפונען קײַן מיטל, װי אים אויסצוהײלן.

אין הױפּטשטאָט איז געװען אַן אַלטער מאַן. האָט ער געזאָגט:

„װען מען זאָל אָנטאָן דעם קיניג אַ העמד פון אַ גליקלאַכן מענשן, װאָס איז צופרידן מיט זײַן לעבן, װעט ער באַלד געזונט װערן“.

האָט מען ארויסגעשיקט מענשן איבער'ן לאַנד זוכן אַ גליקלאַכן.

האָט מען געזוכט און געזוכט און מען האָט ניט געפונען. אײנער איז רײַך, איז ער אָבער קראַנק, דער צװײטער איז געזונט, איז ער אָרים. דער דריטער איז געזונט און רײַך, האָט ער קײַן קינדער ניט. דער פערטער האָט קינדער, זײַנען זײ שלעכטע, און ער האָט פון זײ צרות.

אַזױ האָט זיך יעדערער באַקלאָגט אויף זײַן מזל. און אין גאַנצן לאַנד האָט זיך ניט אָפּגעזוכט קײַן אײנער, װאָס זאָל זיך בעטן פאַר גליקלאַך.

אײנמאָל, אָװנט-צײַט, האָט דעם קיניגס זון געשפּאַצירט הינ-

טער׳ן שטאָט. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ נידעריק, אָרים שטיבעלע. הערט ער, ווי אײַינער אין שטיבעלע רעדט צו זיך:

— געלויבט איז גאָט! איך האָב מיר געענדיקט מײַן אַרבעט און אָפּגעגעסן צו זאַט. איצט ליג איך מיר רואיק אין בעט און רו זיך אויס. וואָס פעלט מיר נאָך? ה ל ו א י זאָל מיר אויך אויף ווײַטער, אויף מײַן גאַנץ לעבן, אַזוי קײַין זאַך ניט פעלן!

דער פרינץ האָט דאָס דערהערט און זיך דערפרײַט. ער איז שנעל אַרײַן צו דעם גליקלאַכן מענשן אין שטוב און געבעטן בײַ אים זײַן העמד.

דער גליקלאַכער האָט אָבער קײַן העמד אויף זיך ניט געהאַט.

ל. טאָלסטאָי.

ווער איז אַ רײַכער מאַן? — דער וואָס איז צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט.

(פון פרק).

צוגעלייגט א האנט. רענאָוף.

צוויי מיינונגען.

צוויי ברידער פון א קליין שטעטל זיינען אפגעוועזן א יאר ציים אין א גרויסער שטאט און דארט געלערנט אין א שול. אויף די וואקאציעס זיינען זיי ביידע געקומען אהיים, אין זייער קליין שטעטל. דער פאטער זייערער האט זיך באלד גענומען נאכפרעגן, ווי געפעלט זיי די גרויסע שטאט און אירע איינוואוינער.

— „ע! — האט דער איינגערער זון א מאך געטאן מיט דער האנט. — די שטאט איז ניט ווערט, וואס זי שטייט אויף דער וועלט. די מענשן דארטן זיינען שלעכטע. זיי האבן אויף קיינעם קיין רחמנות נים. יעדער איינער זוכט דארט אפצונארן דעם צווייטן. זיי זיינען דארט אלע מיאוס'ע מענשן".

— „און מיר — האט געזאגט דער עלטערער — געפעלט גראד די שטאט. יעדער איינער איז דארט איידל און פיין. מען גיט דארט א סך צדקה, און לערנען און קענעוודיקייט שטייט דארט העכער פון אלץ. איך האב די בעסטע מיינונג וועגן דער שטאט".

דער פאטער זייערער, א קלוגער מענש, האט זיך א ווײַלע פארטראכט און דערנאך זיך אנגערופן צו זיינע צוויי זין:

„יעדערער פון אייך, מיינע ליבע קינדער, האט אן אנדער מיינונג וועגן דער שטאט. איך פארשטיי, פארוואס דאס איז אזוי. הפנים דו, מיין עלטערער זון, האסט געהאט צו טאן מיט איידעלע, פיינע און ערלאכע לייט; זאגסטו דעריבער, אז ס'איז א פיינע שטאט. און דו, מיין איינגערער זון, האסט דארט מסתמא אנגעטראפן שלעכטע און נידעריקע מענשן; מיינסטו דערפאר, אז די גאנצע שטאט איז א שלעכטע און א מיאוס'ע".

א. ווילנער.

דער אוצר.

אויף יענער זײַט באַרג, אונטער׳ן אַלטן בית-המדרש, געפינט זיך אַן אוצר.

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטל.

נאָר קומען צום אוצר איז ניט אַזוי גרינג; אַז אַלע אידן אין שטעטל וועלן לעבן בשלום און וועלן זיך נעמען אַלע אים זוכן, דעמאָלט וועט מען אים געפינען.

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטל.

און אַז אַלע אידן וועלן לעבן צופרידן, עס וועט ניט זײַן קײַן קנאה בײַ אידן, קײַן שנאה, קײַן קריג, קײַן לשון-הרע, קײַן רכילות, און מען וועט זיך נעמען אַלע, וועט מען אָפּזוכן דעם אוצר; און אַז ניט, וועט ער אַרײַן טיף-טיף אין דער ערד אַרײַן...

אַזוי האָט מען געשמועסט בײַ אונז אין שטעטל און מען האָט אָנגעהויבן זוכן דעם אוצר, דער דאָ און דער דאָרטן; און מען האָט אָנגעהויבן זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבער׳ן אוצר. דער האָט געזאָגט: ער דאַרף זײַן דאָ, דער האָט געזאָגט: דאָרטן. און מען האָט ניט אויפגעהערט זיך צו שפּאַרן און איבערשפּאַרן, צו אַמפּערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואָס ווײַטער אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער, און אַלץ איבער׳ן אוצר. און דער אוצר... האָט געזונקען אַלץ טיפער און טיפער אין דער ערד אַרײַן.

שלום-עליכם.

אויף שלום שטייט די וועלט. (שפּריכוואָרט).

בעסער אַ שטיקל טרוקן ברויט ערוואָרבן אין פרידן, איידער אַ פול הויז מיט שפּײַז, ערוואָרבן דורך קריג. (משלי).

די חלוקה.

פאַרמאָגנדיק אַ הויז און אַ געשעפט אינאײנעם,
גענומען האָבן ש ו ת פ י ם אין אַ טאָג אַ שײנעם
פאַנאַנדערטײלן זיך דאָס אײגנס און דאָס געלט;
עס פירט זיך דאָך אַזוי שוין אויף דער וועלט,
אַז בײַ אַ ח ל ו ק ה הײבט מען אָן זיך קריגן.
אויך דאָ האָבן די ש ו ת פ י ם ניט געשוויגן...
ערשט מיט אַמאָל ווערט אַ געשרײ: „עס ברענט דאָס הויז!“
— „שנעל ראַטעוועט פון דאָרט אַרויס
דאָס געלט, די ס ח ו ר ו ת און פּאַפּירן!“ —
האָט אײנער אָנגעהויבן שרײַען הויך. —
„דעם ח ש ב ו ן וועט איר שפּעטער אײַך דערפירן!“
— „מײַן טויזנטער! אויב ניט, טרעט איך ניט אָפּ פון אָרט!“—
האָט נאָך אײנער געגומען טומלען דאָרט.
— „און מיר צוויי טויזנט נאָר,
איז שוין דער גאַנצער ח ש ב ו ן קלאָר!“...
— „וואָס הײסט! פאַרוואָס? ווי קאָן דאָס זײַן?
איך שטים אויף דעם ניט אײַן!“...
דאָ האָבן זיך די שרײַער
אײנגאַנצן גאָר פאַרגעסן אָן דעם פײַער
און האָבן אַזוי לאַנג געאַמפּערט זיך, געקריגט,
ביז וואַנען ס'האָט זײ אַלעמען דער רויך דערשטיקט...
און אומגעקומען זײַנען זײ אין פלאַמען
מיט זײער האָב און גוטס צוזאַמען.

פיל ווײַכטיקע ע נ י נ י ם ווערט מען אָן דערפאַר,
ווײַל ווען מען דאַרף זיך אײניקן און זען באַזײגן
די אַלגעמײנע צ ר ה און געפאַר,
הײבט מען זיך אָן פאַר אײגענע געשעפטלאַך קריגן.

נחום יערושאַלימטשיק.

צוויי ברידער.

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט ניט געהאַט ניט קיין ווייב, ניט קיין קינדער; דער אינגערער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קליינע קינדערלאַך. זיי זיינען ביידע געווען אָרימע ערד־אַרבעטער און האָבן געהאַט נאָר איין שטיקל ערד, וואָס דער פאָטער האָט זיי איבערגעלאָזן ב י ר ו ש ה. די ברידער האָבן ניט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך זייער י ר ו ש ה, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן. זיי פלעגן באַארבעטן די ערד צוזאַמען און פלעגן דערנאָך צעטיילן זיך מיט די גאַרבן גלייך אויף גלייך, און יע־דער פון זיי פלעגט אַוועקלייגן די קופּעס גאַרבן לעבן זיין געצעלט.

איינמאָל איז דער עלטערער ברודער, באַלד נאָכ'ן אָפּשניידן די ת ב ו א ה, געלעגן ביינאַכט אויף זיין געלעגער און ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער: „ער האָט אַ פרוי מיט קינדער און דאַרף זיי געבן עסן און מאַכן פאַר זיי אַ קלייד און אַ שוך. אָבער איך בין מיר איין מענש אויף דער וועלט; וואָס דאַרף איך? — אָפּעסן און גאָר! פאַר וועמען האָב איך צו זאָרגן? הייַנט ווי אַזוי נעם איך דאָס פון דער ת ב ו א ה אַזאַ ח ל ק, ווי מיין ברודער? דאָס איז ניט קיין י ו ש ר!“

און ער איז אויפגעשטאַנען אָרום האַלבער נאַכט פון זיין גע־לעגער און האָט אין דער שטיל איבערגעלייגט אַ טייל פון זיינע גאַרבן אין דעם ברודערס קופּע. און ווען ער האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און איז גלייך זיס איינגעשלאָפן.

די זעלבע נאַכט האָט אויך דער אינגערער ברודער ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער איז געלעגן און האָט געטראַכט וועגן זיין עלטערן ברודער: „אַ ר ח מ נ ו ת אויף אים. ער איז נעבאַך עלנד. איך האָב אַ ווייב מיט קינדערלאַך, זאָלן לעבן און געזונט זיין; אויף דער עלטער וועלן מיינע קינדער מיך אויסהאַלטן. אָבער וואָס וועט מיט אים זיין אויף דער עלטער? הייַנט ווי אַזוי טיילן מיר דאָס די ת ב ו א ה פון פעלד גלייך אויף גלייך? דאָס איז ניט קיין י ו ש ר. ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערן ח ל ק!“

און נאָך גאַנץ פרי, פאַרטאָג, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט שטילערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פון זיינע גאַרבן אין דעם ברו־דערס קופּע. נאָכדעם האָט ער זיך צוריק געלייגט און איז באַלד איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן זעען די ברידער, אַז זייערע קופּעס זיינען ביידע גלייך; האָבן זיי זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגן.

די אַנדערע נאַכט האָבן די ברידער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס נעכטן. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן זיי דערזען, אַז זייערע קופּעס זיינען ווידער גלייך. האָבן זיי זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן איינער צום אַנדערן געטראָגן זייערע גאַרבן, האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מיטן וועג. זיי זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפ׳ן האַלז און מיט טרערן אין די אויגן גענומען קושן און האַלזן זיך. אגדה.

ווי גוט און אַנגענעם עס איז, ווען ברידער לעבן פריינדלאַך צוזאַמען! (משלי).

זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער א פ י ל ו אין האַרצן!
(פון חומש).

וואו ליבשאַפט איז קיין ענגשאַפט. (שפּריכוואָרט)

דער העלד.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער שנייאיקער ווינטער. ווען ס׳איז אָנ־געקומען דער פרילינג, האָט דער שניי אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן. צום אומגליק זיינען נאָך געשטאַנען רעגנדיקע וועטערן, און עס איז געוואָרן אַ געוויסער.

אין איין שטאָט האָט דאָס וואַסער פאַרגאָסן אַלע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג טייך; די קריעס האָבן זיך געקלאַפּט אָן די הייזלאַך און געבראָכן זייערע ווענטלאַך; אַלע מענשן פון אָט די הייזלאַך האָבן זיך באַצייטנס געראַטעוועט. מער ניט אין איין

קלײַן שטיבל איז פֿאַרבליבן אַ מוטער מיט צװײ קלײנע קינדער־לאַך. זי האָט גענומען די קינדערלאַך אויף די הענט, האָט זיך אַרומ־געבויגן דורכ'ן פֿענסטער און האָט שרעקלאַך געשריען פֿון שרעק. אַרום שטיבל זײַנען געשוואומען גרויסע קריעס, האָבן זיך אָנגע־קלאַפּט אָן די ווענט, און דאָס שטיבל האָט זיך קוים־קוים געהאַלטן.

דאָס האָבן געזען מענשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף יענער זײַט טײַך. אַ גרויסער רחמנות האָט זײ אָנגענומען אויף דער אומגליקלאַכער מוטער מיט אירע קינדערלאַך. אײניקע האָבן אפֿילו געוויינט פֿון צער, צוזעענדיק, ווי די אָרימע מאַמע פּײַניקט זיך, נאָר העלפֿן האָט מען ניט געקאָנט. ס'איז אפֿילו געווען אַ שיפֿל, נאָר ווי זאָל מען שווימען צווישן אַזעלכע קריעס? מען קאָן נאָך אַלײן דערטרונקען ווערן.

מיט אַ מאָל איז פֿון געזעמל אַרויס אַן אומבאַקאַנטער מענש, אָרים געקלײדט, און האָט געזאָגט:

— ווי לאָזט מען דאָס מענשן אומקומען? איך שווים זײ צו ראַטעווען.

ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שיפֿל און זיך געלאָזן שווימען צום שטיבל. אַלע זײַנען מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן געקוקט, ווי דער אומבאַקאַנטער האָט זיך דורכגעשטופּט מיט זײַן שיפֿל צווישן די שטיקער אײַז. ער האָט דערגרײכט ביז'ן שטיבל. אַ געשרײ פֿון פֿרײד האָט זיך בײַ אַלעמען אַרויסגעריסן, ווען דער דרײסטער אומבאַקאַנטער האָט אַרײַנגעזעצט אין שיפֿל די מוטער מיט אירע צװײ קינדער.

— אָט דאָס איז אַ העלד! אָט דאָס איז מיט אַן אמת אַ גוט האַרץ! — האָבן אַלע זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן.

דער אומבאַקאַנטער איז צוגעשוואומען צום ברעג, האָט אַרויס־געזעצט די פֿרוי מיט די קינדער און איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

פֿון רוסיש.

אַ צופֿאַל.

גייענדיק אין דער פֿרי אין שול אַרײַן, האָבן מיר דערזען אויף דער גאַס אַן ע ו ל ם מענשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צו די טירן פֿון אונזער קלאַס. — דער טאַטע האָט באַלד געזאָגט:

— אַ צופֿאַל עפּעס, דאָס יאָר הייבט זיך שלעכט אָן...

מיר האָבן זיך דורכגעשטופּט מיט אָנשטרענגונג. דער גרויסער זאַל איז געווען פֿול מיט עלטערן און אינגלאַך, וועלכע די לערער האָבן ב ש ו ם א ו פ ן נישט געקענט אײַנהאַלטן אין די קלאַסן, און אַלע־מענס אויגן זײַנען געווען געווענדט צו דער קאַנצעלאַריע פֿון דירעק־טאָר. עס האָבן זיך געהערט שטימען: „אָרים אינגל, אָרימער ראַ־בעטי!“ — איבער די קעפּ אין דער טיף פֿון זאַל, וואָס איז געווען אָנ־געפּאַקט מיט מענשן, האָט זיך געזען דאָס מיליטערישע היטל פֿון אַן אָפֿיצער און דער ליסער קאָפּ פֿון דירעקטאָר. נאָכדעם איז געקומען אַ מענש אין אַ צילינדער, דער דאָקטער.

— מײַן טאַטע האָט געפֿרעגט אײנעם פֿון די לערער:

— וואָס איז דאָ געשען?

— אַ ראָד איז אַריבער אַ אינגל איבער אַ פֿוס. — האָט דער לערער געענטפֿערט.

— דער פֿוס איז אים צעבראָכן. — האָט אַ צווייטער געזאָגט. דאָס אינגל איז אַ שילער פֿון דעם צווייטן קלאַס. גייענדיק אין שול אַרײַן, האָט ער דערזען, ווי אַ קלײנטשיק אינגעלע פֿון דעם ערשטן קלאַס האָט זיך אויסגעריסן בײַ דער מוטער פֿון דער האַנט און געפֿאַלן אויף דער גאַס נאָענט, נאָענט פֿון אַן אָמניבוס. ער האָט זיך גלײַך אַ וואָרף געטאָן צו דעם קלײנטשינקן, אַ כאַפּ געטאָן אים פֿון דער ערד און אָוועקגעשטעלט אויף אַ זיכערן אָרט. ער אַלײן אָבער האָט שוין נישט באַוויזן צוריקצוכאַפּן דעם אויסגעצויגענעם פֿוס, און די רעדער פֿון אָמניבוס האָבן אים צעבראָכן. דאָס איז געווען אַ זון פֿון אַן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן.

פלוצלונג איז ווי אַ מ ש ו ג ע׳נע אַרײַנגעפאַלן אין זאַל עפּעס אַ פרוי. דער ע ו ל ם האָט פאַר איר געמאַכט אַ וואַרע. דאָס איז געווען ראָבעטים מוטער, נאָך וועלכער מען האָט געשיקט. באַלד איז צוגעלאָפן צו איר אַ צווייטע פרוי און הויך כליפּענדיק פאַרוואָרפן איר די הענט אַרום האַלז. דאָס איז געווען די מוטער פון געראַטעוועטן אינגעלע. בײדע זײַנען אַרײַנגעלאָפן אין צימער פון דירעקטאָר, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווײפלטער אויסגעשריי:

— אָ, מײַן יוליק! אָ, קינד מײַנם!

דערווײַל האָט זיך פאַר די טירן פון שול אָפּגעשטעלט אַ צוגעמאַכטער קאָטש, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזן דער דירעקטאָר, טראָגנדיק אויף די הענט דאָס אָרימע אינגל. דער קאָפּ איז בײַ אים געווען אַראָפּגעהאַנגען איבער׳ן אָרעם, דער פּ נ י ם בלײך און די אויגן געשלאָסן. אַלע זײַנען שטיל געבליבן. עס האָט זיך געהערט דאָס הויכע כליפּען פון דער מוטער. דער דירעקטאָר האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, איז בלײך געוואָרן און אויפגעהויבן אויף בײדע הענט דאָס אינגל, צו ווײַזן אים דעם ע ו ל ם. די לערער, לערערנס, עלטערן און קינדער האָבן אַלע אינײנעם אָנגעהויבן שעפּטשען מיט אַ גערירטער שטימע: „טײַערער ראָבעטי! מיכטיק, אָרים אינגעלע!“ — און האָבן אים געשיקט לופט-קושן. די, וואָס זײַנען געווען נענטער, האָבן געקושט זײַנע אומבאַוועגלאַך-אַראָפּגעהאַנגענע הענט; ער אָבער האָט געעפנט די אויגן און געזאָגט:

— מײַן רענצל?

די מוטער פון געראַטעוועטן אינגל האָט אים געוויזן דאָס רענצל און געזאָגט:

— איך טראָג אים דיר, טײַערער מ ל א ך, איך טראָג אים...

און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען. ראָבעטים מוטער האָט געהאַט דעם פּ נ י ם פאַרדעקט מיט בײדע הענט. זיי האָבן אַרײַנגעלײגט דאָס אינגל אין קאָטש אַרײַן. דער קאָטש האָט זיך גערירט, און מיר זײַנען שטילשווײַגנדיק אַרײַנגעגאַנגען אין שול.

ע. ד׳אַמיטשיס.

אַ פּעסל גאָלד.

אַן אָרימאַן האָט געהאַט זײַן אײגנם אַ פערדל. יעדן טאָג פלעגט דער אָרימאַן אײַנשפּאַנען דאָס פערדל, פאָרן אין וואַלד, אָנ־קלײַבן דאַרע, טרוקענע צווײַגן, אָנלײגן אויפ'ן וואָגן און אַרויספירן אויפ'ן מאַרק. דאָרט פלעגט ער עס פאַרקויפן פאַר עטלאַכע גראָשן, קויפן פאַר'ן געלט ברויט מיט ציבעלעס און ברענגען אַהײם. מיט דעם פלעגט ער דערנערן זײַן הויזגעזינד, זײַנע נאַקעטע און באָרוועסע קינ־דערלאַך.

ער אַלײן פלעגט נעמען דאָס קלענסטע שטיקל ברויט; און ווען ער פלעגט אָפּעסן, פלעגט ער אַרויסנעמען פון אַלמער אײנעם פון די הײליקע ספרים, וואָס זײַנען דאָרטן געשטאַנען, פלעגט אַרויף אויפ'ן אַלטן האַלב־צעבראָכענעם אויוון און נעמען לערנען. זײַנע אויגן פלעגן אָנהײבן לײַכטן, זײַן שטימע קלינגען. און ווען זײַן זיסע שטימע פלעגט זיך צעטראָגן איבער'ן הויז, פלעגן די האַלב־הונ־געריקע קינדער פאַרגעסן זײער הונגער, זיך צוועקזעצן שטיל און צו־הערן זיך, ווי דער טאַטע לערנט.

אַזוי האָט דער אָרימאַן געלעבט אַ לאַנגע צײַט.

אײנמאָל האָט מען בײַ אים בײַנאַכט צוגע'גנב'עט דאָס פערדל. קײנער האָט ניט געוואוסט, ווער עס האָט צוגע'גנב'עט. דאָס הויז־געזינד פונ'ם אָרימאַן האָט געוויינט און געקלאָגט: „גוואַלט, וואָס וועט איצט זײַן, וואָס וועלן מיר איצט עסן?"

נאָר דער אָרימאַן אַלײן האָט ניט געוויינט. ער האָט זיך פאַרקליבן אויפ'ן אויוון און אָנגעהויבן לערנען הויך אויפ'ן קול. און זײַן פּנים האָט געלויכטן ווי שטענדיק, אַזוי ווי עס וואָלט גאָר קײן צרה מיט אים ניט פּאַסירט. און זײַן שטים האָט וואָס ווײַ־טער געקלונגען אַלץ העלער און שענער.

זײַנע קינדער האָבן דערהערט, ווי ער לערנט, האָבן זײ פאַר־געסן זײער הונגער, זיך אַרומגעקליבן אַרום אויוון, וואו דער טאַטע איז געזעסן, געשטאַנען שטיל און געהערט.

און דער גנב, וואָס האָט צוגענומען דאָס פערדל פונ'ם

אָרימאַן, איז אַוועקגעפאָרן אָנגראָבן לײַם אונטער אַ באַרג. גראָבט ער אַזוי און וואַרפט דאָס לײַם אויפ'ן וואָגן. דערזעט ער — ער האָט אויסגעגראָבן אַ פעסל פול מיט גאָלדענע מטבעות; האָט ער זיך דערפרײַט, אַרויסגעגראָבן דעם אוצר, אַרויפגעלייגט אים אויפ'ן וואָגן און צוגעדעקט מיט לײַם. פלוצלונג אָבער האָט זיך אָפּ־געריסן אַ שטיק ערד פונ'ם באַרג, וואו ער האָט געגראָבן, איז אַרויפ־געפאַלן אים אויפ'ן קאָפּ און אים דער'הרג'עט.

דאָס פערדל האָט געוואַרט און געוואַרט, און ווען אים האָט דערעסן צו וואַרטן און עס איז געוואָרן הונגעריק, איז עס אַליין אַוועק מיט'ן וועג, וואָס פירט צום אָרימאַנס הויז, צו זײַן אמת'ן באַלע־באָס, און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר. דער אָרימאַן האָט זיך זייער דערפרײַט, וואָס זײַן פערדל האָט זיך צוריקגעקערט, און ער האָט גענומען אַראָפּשיטן דאָס לײַם פון וואָגן.

ווי גרויס אָבער איז געווען זײַן פאַרוואונדערונג, ווען ער האָט דערזען אויפ'ן וואָגן אַ פעסל פול מיט גאָלד!

פון דעמאָלט אָן האָט דעם אָרימאַן גאָרנישט ניט געפעלט; און ער האָט נאָך לאַנג געלעבט און געטאָן גוטס, און ער האָט געגעבן צדקה, כל־זמן ער האָט געלעבט.

ז. שניאור.

א שטום געבעט. ב. באַרבער.

נערעכטיקייט.

דער גריכישער קעניג אַלעקסאַנדער מוקדון איז אויף זיין מלחמה־וועג פאַרגאַנגען אין אַ קעניגרייך. באַווייזט אים דער קעניג פון דעם קעניגרייך זיינע אוצרות. זאָגט אים אַלעקסאַנ־דער: „נישט אָנצוקוקן אייער גאָלד און זילבער בין איך אַהער גע־קומען; מיר ווילט זיך באַקענען מיט אייער אויפפירונג און אייערע געזעצן."

אין דעם קומען אָן צוויי מענשן לאָדן זיך פאַר'ן קעניג.

— קעניג, — האָט איינער גע'טענה'ט, — איך האָב פון דעם מאַן געקויפט אַ חורבה. ווי איך נעם זיך אָפּרוימען דעם פּלאַץ, געפין איך דאָרט באַהאַלטן אין דער ערד אַן אוצר. וויל איך, ער זאָל זיך צונעמען דעם אוצר, ער געהערט אים; איך האָב דאָך נאָר די חורבה אַליין, אָן אַן אוצר, געקויפט.

דער צווייטער טענה'ט פאַרקערט: „איך וויל אויך נישט, גלייך ווי דו, פאַרנעמען פרעמדס. פאַרקויפט האָב איך די חורבה מיט אַלצדינג, וואָס אין איר געפינט זיך, פונ'ם אָפּגרונד ביז דער הייך פון הימל".

אויסגעהערט די טענות, ווענדט זיך דער קעניג צו אײ־נעם פון די בעלי־דינים:

— האָסטו אַ זון?

— יאָ.

דערנאָך צום צווייטן:

— און דו האָסט אַ טאָכטער?

— יאָ.

— אויב אַזוי, לאָזן זיי איינער מיט דער אַנדערער חתונה האָבן, און דער אוצר וועט זיין זייער נדן.

אַלעקסאַנדער האָט עס אויסגעהערט און איז ערשטוינט גע־וואָרן.

— וואָס, אפשר ניט גוט גע'פסק'נט? — פרעגט אים יענער קעניג.

— געווים. — ענטפערט אַלעקסאַנדער.

— און דו אין דיין מדינה ווי וואָלסטו גע'פּסק'נט אין אַזאַ פאַל?

— איך וואָלט אַרויסגעטראָגן אַזאַ פּסק: מען זאָל קעפּן אי דעם אי יענעם, און דער אוצר זאָל געהערן דער קרוין.

— אַזוי גאָר! — זאָגט יענער קעניג. — זאָג זשע מיר: די זון שיינט אויף אייך?

— געווים. — ענטפערט אַלעקסאַנדער.

— און רעגנס גייען ביי אייך?

— געווים.

— אפשר איז קלײנע פי ביי אייך אין דער מדינה פאַראַן?

— געווים. — זאָגט אַלעקסאַנדער און קוקט אים אָן פאַר־וואונדערט.

— אויב אַזוי, — פירט אויס דער קעניג, — איז טאַקע נאָר צוליב דעם זכות פון די קלײנע פי שיינט אויף אייך די זון און עס גייען אין אייערע מדינות רעגנס.

אגדה.

דער מלך און דער נביא.

אַמאָל איז ביי די אידן געווען אַ קעניג, האָט ער געהייסן אחאָב.

לעבן אחאָב'ס אַ פּאַלאַץ האָט זיך געפונען אַ וויינגאָרטן, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ אידן מיט'ן נאָמען נבות. האָט אחאָב געזאָגט צו נבות'ן: „גיב מיר דיין וויינגאָרטן; איך וויל פון אים מאַכן אַ גרינסגאָרטן פאַר מיר, ווייל ער ליגט לעבן מיין פּאַלאַץ. איך וועל דיר דערפאַר געבן אַ בעסערן וויינגאָרטן, אָדער איך וועל דיר באַצאָלן מיט געלט“.

האָט נ ב ו ת געענטפערט: „איך קאָן דיר דעם ווייַנגאָרטן ניט אָפּגעבן, ווייַל איך האָב אים באַקומען ב י ר ו ש ה פון מייַנע עלטערן".

איז אַ ח אָ ב אַוועק אַהיים אַן אומעטיקער. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס נ ב ו ת האָט אים אָפּגעזאָגט און ניט געוואָלט אים געבן דעם ווייַנגאָרטן.

האָט זיך אַ ח אָ ב געלייגט אויף זייַן בעט, זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט און ניט געוואָלט נעמען עסן.

קומט צו אים זייַן פרוי א י ז ב ל און פרעגט אים: „וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, פאַרוואָס עסטו ניט?"

האָט איר אַ ח אָ ב דערציילט, אַז ער האָט געבעטן בייַ נ ב ו ת'ן דעם ווייַנגאָרטן, און נ ב ו ת וויל עס אים ניט געבן.

זאָגט א י ז ב ל: „שטיי אויף, עס, זייַ פריילאַך; איך וועל דיר שוין געבן נ ב ו ת'ס ווייַנגאָרטן".

האָט זי אין אַ ח אָ ב'ס נאָמען אָנגעשריבן בריף צו די עלטסטע פון דער שטאָט, וואו נ ב ו ת האָט געוואוינט. און זי האָט זיי געבעטן: „דינגט אַ פּאָר שלעכטע מענשן; זאָלן זיי זאָגן אויף נ ב ו ת'ן, אַז ער האָט געזידלט דעם קעניג. און איר וועט נעמען נ ב ו ת'ן צום געריכט; און די פאַלשע מענשן זאָלן ע ד ו ת זאָגן געגן אים. און איר וועט צו'מ ש פּ ט'ן נ ב ו ת'ן צום טויט און אים פאַרשטייניגן".

האָבן די עלטסטע פון נ ב ו ת'ס שטאָט אַזוי געטאָן, און זיי האָבן פאַרשטייניגט נ ב ו ת'ן.

ווען א י ז ב ל האָט דערהערט, אַז נ ב ו ת איז טויט, איז זי געקומען צו אַ ח אָ ב'ן און געזאָגט:

„גיי איצט, נעם צו אומזיסט נ ב ו ת'ס ווייַנגאָרטן, וואָס ער האָט דיר ניט געוואָלט געבן פאַר געלט".

איז אַ ח אָ ב געפאָרען נעמען נ ב ו ת'ס ווייַנגאָרטן. ווען ער איז געווען אין ווייַנגאָרטן, איז צו אים צוגעקומען א ל י ה ו

דער נביא און מיט כעס געזאָגט: „דו האָסט אים דער'הרג'עט

און איצט ווילסטו אים נאָך ירש'ענען? דערפאַר וועלן הינט אַמאָל לעקן דײַן בלוט דאָרט, וואו זיי האָבן געלעקט נבות'ס בלוט. עס וועט קומען אַן אומגליק אויף דיר, און איך וועל אויסראָטן דיך און דײַן גאַנץ הויזגעזינד, ווײַל דו האָסט געטאָן שלעכטס".

ווען אַחאָב האָט דערהערט אָט די רייד, האָט ער צעריסן זײַנע קליידער, אָנגעטאָן אַ זאַק און געפאַסט און איז קוים אַרומגע־גאַנגען.

האָט אליהו געזאָגט: „ווײַל אַחאָב האָט חרטה גע־האַט, וועט דאָס אומגליק קומען ניט בײַ זײַן לעבן, נאָר בײַם לעבן פון זײַן זון". פון תנך.

ווערטער פון חכמים.

זאָלסט ניט מאָרדן! (חומש).

זאָלסט ניט זאָגן קײַן פאַלשע עדות! (חומש).

זאָלסט ניט שווערן אויף פאַלש! (חומש).

מיט דײַן גאַנצן האַרצן זאָלסטו קעמפן פאַר'ן אמת! (בן סירא).

דער וואָלף און דער פוקס.

מיר שענקען יענעם אַלץ, וואָס טויג אונז ניט אַליין;
איך וועל דאָס אין אַ פאַבל געבן צו פאַרשטיין,
ווייל ווי עס ווייס די גאַנצע וועלט,
איז אונז דער אמת ליבער האַלב־פאַרשטעלט.

אַ פוקס האָט אָנגעגעסן זיך מיט עוף
און פיינעם ביליק;
באַהאַלטנדיק אויף שפּעטער, נאָכ'ן שלאָף,
אַ היפּשן חלק,
האָט ער זיך צוגעלייגט ביים סטויג אַ דרימל טאָן;
ערשט מיט אַמאָל — אַ הונגעריקער וואָלף קומט אָן.
— „ווען דו וואָלסט וויסן, ליבער פריינט,
וואָס איך האָב זיך דאָס אויסגעשטאַנען היינט! —
האָט זיך דער וואָלף באַקלאָגן דאָ געגומען. —
איך האָב קיין ביינדל ערגעץ ניט געקאָנט באַקומען:
די הינט, די בייזע, בילן אָן אַ סוף,
און אויך דעם פּאַסטוך נעמט גאָר ניט קיין שלאָף;
דער הונגער מאַטערט מיך אַזוי, אַז כ'ווייס ניט וואָס צו טאָן,
כאָטש נעם אַ מיתה טו זיך אָן!"...

— „אַזוי, מיין טייערער? אוי, וויי!
צי ווילסטו אפשר ניט אַביסל היי?
מיר האָבן אָט אַ גאַנצע קופּע דאָ,
און איך בין גרייט צו יעדער שעה
אַ גוטן חבר צו באַדינען"...

נאָר ניט פון היי האָט אונזער וואָלף געטראַכט,
ער האָט אַ פלייִשיקס גאָר געהאַט אין זינען...
נאָר פון דעם פלייש האָט אונזער פוקס אַ שווייג געמאַכט;
און אָט אַזוי, מיט גרויסן כבוד אויפגענומען.

איז נעבאך אונזער וואלף אוועק אהיים פארשמאכט,
א הונגעריקער, ווי ער איז געקומען...

נחום יערוסאלימטשיק.

איך צו דיר, ווי דו צו מיר.

אין א הייסן זומער-טאג איז געפארן א פארמער מיט אן אנגע־לאדענער פור סחורה איבער א פארוואָרפענעם וועג, ווייט פון שטאט און פון א דארף. מיט אמאל האט דער פארמער באמערקט, אז די פאדערשטע אקס פון זיין וואגן האט זיך אנגעהויבן צו רייכערן. דאס האט די טרוקענע אקס זיך אנגעצונדן פון רייבן זיך אן דעם ניט־געשמירטן ראד. דער פארמער האט גענומען לעשן די אקס מיט וואַ־סער, מיט ערד — ס'האט אבער ניט געהאלפן; די אקס רייכערט זיך און רייכערט זיך, כאטש נעם און בלייב דא שטיין אין מיטן סטעפ.

ווי ער איז אזוי געשטאנען א פארטראכטער, דערזעט ער, אז צו אים פארט עמיצער. און אין א ווײַלע ארום האט אים אנגעיאגט זיינער א שכן; אין יענעמס וואגן איז געלעגן א נייע אקס. דער פארמער האט זיך דערפרייט; זיין שכן וועט אים געוויס אפגעבן די אקס.

— גיב מיר דיין אקס. — זאגט דער פארמער צו זיין שכן.
— זעסט דאך — ס'האט מיר אן אומגליק געטראפן.

— נעם! — האט דער שכן געענטפערט. — נאר די אקס קאסט פינף דאלער.

ביים פארמער האבן זיך די האר אויפ'ן קאפ קאפויר גע־שטעלט פון אט די ווערטער.

— סטייטש, — האט ער אויסגעשריען, — אזא אקס קאן מען דאך אויפ'ן מארק קויפן פאר פופציק סענט!

— גיי און קויף! — האט אים דער געטרייער שכן קאלט־בלוטיק געענטפערט. דער פארמער האט זיך גענומען קראצן אין פאה, קלערן, נאר לסוף האט ער ארויסגענומען פינף דאלער און באצאלט זיין שכן.

זאָל דיר גאָט העלפן, דו זאָלסט ווערן אַ נ ג י ד פון די פינף דאָלער מיינע. — האָט ער צוגעוואונשן דעם ש כ ן.

— קאָנסט נאָך ח ר ט ה האָבן; וועל איך בלייבן ביי מיין ס ח ו ר ה און דו ביי דיין געלט. — האָט דער ש כ ן זיך באַליידיקט.

דער פאַרמער האָט מער ניט גערעדט, האָט אַרויסגענומען די אַלטע אַקס, אַריינגעשטעלט די נייע, און ביידע ש כ נ י ם האָבן זיך געלאָזן פאַרן איניינעם ווייטער.

מיט אַמאָל איז ביים ש כ ן אַראָפּגעפאַלן איינס פון די הינ־טערשטע רעדער; ער האָט אין וועג פאַרלאָרן דאָס פלעקל פון אַקס, וואָס פאַרהאַלט דאָס ראָד, עס זאָל ניט אַראָפּפאַלן.

ביידע פאַרמערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַרום איז אַ הוילע סטעפּ; ס'איז ניטאָ קיין ברעקל האָלץ צו מאַכן אַ ניי פלעקל.

— גיב מיר אַ שטיקל פון דיין אַלטער אַקס, וועל איך דערפון זיך מאַכן אַ פלעקל; אַ האַק האָב איך. — האָט זיך דער ש כ ן גע־ווענדט צום פאַרמער.

— נעם ברודערל, — האָט אים דער פאַרמער געענטפערט, — נאָר זיי וויסן, אַז דאָס קאָסט פינף דאָלער.

פינף דאָלער?! — איז דער ש כ ן אויפגעשפּרונגען. — דאָס טויג דאָך צו קיין זאַך ניט; דאָס איז דאָך א פ י ל ו קיין פּעני ניט ווערט.

— נו, ווי דו ווילסט זיך! לוינט דיר ניט, קויף ניט. — האָט דער פאַרמער אָפּגעענטפערט קאַלטבלוטיק.

דער ש כ ן איז געבליבן ווי געפּלעפּט. נאָר וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט אַרויסגעצויגן פון בוזים־קעשענע זיין ביי־טעלע און אָפּגעציילט פינף קלינגענדיקע דאָלערס פאַר'ן שטיקל צעבראָכענער אַקס.

אושינסקי.

וואָס פאַר אַ „גוט מאָרגן," אַזאַ „גוט יאָר". (שפּריכוואָרט).

ווער עס פאַרשטאָפּט זיין אויער פון הערן דאָס געשריי פון גע־דריקטן, וועט זיך קיינער ניט אָפּרופן, ווען ער אַליין וועט רופן נאָך הילף. (משלי).

אין נעיע.

א.

געקומען איז אַ פייגעלע
צוריק אַהיים פאַרנאַכט
און האָט פאַר אירע קינדערלאַך
אַ ווערעמל געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפט: די נעסט איז לער —
אַ צענדליק ווייסע פעדערלאַך
און קיין זאַך, קיין זאַך מער!

עס וויינט דאָס אָרימע פייגעלע
און כליפעט אָן אַ סוף...
עס הערט דער וואַלד דער טונקעלער
און זיפצט, און זיפצט פון שלאָף.

ב.

געקומען איז אַ שוואַרצע קראָ
אַהיים גאַנץ שפעט ביינאַכט,
און האָט פאַר אירע קינדערלאַך
אַ פייגעלע געבראַכט.

זי קומט צום בוים, זי קומט צום צווייג
און טרעפט: די נעסט איז לער —
אַ צענדליק שוואַרצע פעדערלאַך
און קיין זאַך, קיין זאַך מער!

עס שרייט די שוואַרצע קראָ און שרייט
און קראַקעט אָן אַ סוף;
עס כאַפט זיך אויף דער שוואַרצער וואַלד
מיט אַנגסט און גרויל פון שלאָף.

ג.

אנטקעגן זונען־אויפגאַנג פליט
אין פרײַען, ברייטן רוים
דער שטאָלצער אָדלער, און ער טראָגט
אַ יונגע קראָ אהיים.

אָט דאָרטן ליגט זיין פעלזן־שלאָס
אין העלן זונען־שײַן.
הײַנט וועט בײַ זײַנע אָדלערלאַך
אַ גרויסע ס ע ו ד ה זײַן.

„די העלדן מײַנע!" — און דאָס האַרץ
מיט שטאָלץ ווערט איבערפילט.
און אונטער'ן הויכן פעלזן שטייט
אַ יעגער און ער צילט.

ה. רויזנבלאַט.

ווער עס פאַרגיסט דעם צווייטנס בלוט, וועט זײַן אייגן בלוט פאַרגאָסן ווערן. (חומש).

שבת־שירה־פייגעלאַך.

קנעכט זײַנען געווען אונזערע עלטערן בײַ פ ר ע ה'ן אין מ צ ר י ם. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי שווער געאַרבעט. אויך בײַנאַכט האָבן זיי קיין רו ניט געהאַט. נאָך איי־דער דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען, איז שוין דער אויפזעער מיט דעם רוט געקומען: „שטייט אויף, קנעכט, צו דער אַרבעט!"

דאָס פאָלק פאַרלאָזט די געצעלטן, גייט אַוועק אין פעלד אַרײַן צו דער אַרבעט. די מוטערס שטייען אויף, גרייטן צו שפּײַז פאַר זיי־ערע מאַנען, איבערלאָזנדיק די קינדער אַליין אין די געצעלטן. די עלנדע קינדער זאַמלען זיך צונויף אויפ'ן פעלד און שפּילן זיך. זיי

זעען, ווי גאַנצע מ ח נ ו ת פֿייגל פֿליען אַרום מיט אַ הילכיקן געזאַנג אונטער'ן בלויען הימל. אָפּטמאָל לאָזן זיך די פֿייגל אַראָפּ אויף דער ערד, און די קינדער וואַרפֿן זיי צו שטיקלאַך ברויט. די פֿייגעלאַך דערציילן זיי וועגן דעם שיינעם לאַנד, וואָס געפֿינט זיך אויף יענער זייט באַרג; פֿון די טייכן, וואָס פֿליסן דאָרט; פֿון די בלומען, וואָס בליען אַזוי שיין. און זיי זינגען פֿריילאַכע לידער פֿון פֿרייהייט.

שטיל הערן זיך די קינדער צו און פֿרעגן: „זאָגט אונז, ליבע פֿייגעלאַך, זייט איר פֿריי, אָדער איר לעבט אין קנעכטשאַפֿט?“

און די פֿייגעלאַך ענטפֿערן מיט פֿרייד: „פֿריי זיינען מיר, ליבע קינדער! וואוהין מיר ווילן, פֿליען מיר. ניטאָ קיין בעסערע זאַך פֿון פֿרייהייט! האָט ליב, קינדער, די פֿרייהייט, און אַז איר וועט גרעסער ווערן, זאָלט איר זען באַפֿרייען זיך פֿון אייער קנעכטשאַפֿט“. אַזוי האָבן די פֿייגל געזונגען.

אַמאָל אין אַ שיינעם פֿרילינג-פֿרימאָרגן זיינען די פֿייגעלאַך געקומען צופֿליען צו זייערע גוטע פֿריינד און האָבן דערזען, ווי די אידן שטייען אָנגעטאָן, גרייט אין וועג אַריין. זיי שטייען מיט די שטעקנס אין די הענט און איילן זיך צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואו זיי זיינען קנעכט געווען; און די געזיכטער זייערע זיינען געווענדט צו דעם שיינעם לאַנד, וואָס אויף יענער זייט באַרג.

די קינדער האָבן דערזען די פֿייגל און אויסגערופֿן מיט גרויס פֿרייד:

— פֿריי זיינען מיר, ליבע פֿייגעלאַך! מיר פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד פֿון קנעכטשאַפֿט!

און די פֿייגל האָבן געענטפֿערט מיט פֿריילאַכן געזאַנג, ווי זיי וואָלטן געגריסט די קינדער אויף דעם וועג פֿון פֿרייהייט און גליק.

און אַ מ נ ה ג איז דערפֿאַר ביי אידן פֿאַרבליבן: אַלע ש ב ת - ש י ר ה וואַרפֿט מען פֿאַר די הונגעריקע פֿייגעלאַך שטיקלאַך ברויט און קערנער. פֿון מדרש.

בעסער צו שטאַרבן פֿאַר פֿרייהייט, איידער צו לעבן אין קנעכטשאַפֿט! (שפּריכוואָרט).

דער קאַנאַריק.

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרײַען וואַלד אַלײן;
ווער קאָן זײַן שׂמחה פילן?
ווער קאָן זײַן פרייד פאַרשטײן?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רײַכסטן פּאַלאַץ שוין;
ווער קאָן זײַן ווײטיק פילן?
ווער קאָן זײַן שמערץ פאַרשטײן?

מ. ראָזנפעלד.

די קאַץ און די נאַכטיגאַל.

אַ קעצל האָט געכאַפּט אַ נאַכטיגאַל אין וואַלד
און, האַלטנדיק זי אין די נעגל, האָט זי באַלד
פאַרפירט מיט איר אַ רייד: „איך האָב געהערט,
אַז פאַר דײַן זינגען ביסטו אומעטום גערט;
מיר האָט דער פוקס דערציילט ניט לאַנג,
אַז פון דײַן שטים, פון דײַן געזאַנג
פאַרלירן גאָר די פּאַסטוכער דעם זינען;
איך וואָלט אַליין דאָס זייער וועלן אויסגעפינען...
ניט ציטער, טײַערע, ווײַל ווי דו קוקסט מיך אָן,
וועל איך דיר איצטער גאָרנישט טאָן;
בלויז מיר צוליב, זינג עפּעס אויס, —
דאַן לאָז איך דיך צוריק אין וואַלד אַרויס.
כ'האָב ליב מוזיק ניט ווייניקער פון דיר!
עס האָט ניט איינמאָל שוין מיט מיר געטראָפן,
אַז מורמשענדיק אַ לידל ווער איך זיס אַנטשלאָפן.“
די נאַכטיגאַל דערווײַל האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן

אין אירע נעגל דאָרט דעם אָטעם קוים געצויגן.
— "נו וואָס?" — האָט נאָכגעפרעגט די קאַץ. —
„ווּעסטו זינגען עפּעס וואָס פאַר מיר?"
נאָר אונזער זינגער נעבאַך האָט ביי איר
געקוויטשעט, ניט געזונגען...
— „מיט דעם האָט דיר געלונגען
די הערצער אַלעמענס צו פאַנגען?" —
האָט זי די קאַץ געפרעגט מיט שפּאָט. —
„און דאָס זיינען די צאַרטע ריינע קלאַנגען,
פון וועלכע אַלע רעדן דאָס אויף יעדן טראָט?
איך קאָן אַ קוויטשעריי אַזאַ, מוז איך דיר זאָגן,
פון מיינע קעצעלאַך אפילו ניט פאַרטראָגן!
אַ זינגער, זע איך, ביזט דו גאָר אַ קליינער;
נאָר לאָמיך זען, צי טויגסטו פאַר די ציינער"...
ניט לאַנג געטראַכט,
האָט זי פון אונזער זינגער דאָ אַ סוף געמאַכט.

נחום יערוסאַלימטשיק.

די ערד פאַלט ניט איין.

אַמאָל איז געווען אַ יונגער האָז. ער איז געווען זייער נערוועז, און אים פלעגט זיך אַלעמאָל דוכטן, אַז אָט, אָט וועט פּאַסירן עפּעס מיט אים עפּעס שרעקלאַכס.

ער פלעגט אַלעמאָל זאָגן: „און וואָס, ווען די ערד זאָל איינ-פאַלן? וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיר?" און ער פלעגט דאָס זאָגן אַזוי אָפט, אַז ער האָט צולעצט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דאָס וועט טאַקע באַלד פּאַסירן.

איינמאָל, ווען ער האָט ביי זיך ווידעראַמאָל געטראַכט: „און וואָס, ווען די ערד זאָל טאַקע איינפאַלן? וואָס וועט דעמאָלט זיין מיט מיר?" האָט ער פּלוצלונג דערהערט עפּעס אַ גערויש. דאָס איז בלויז געווען אַ שאָרך פון דעם, וואָס אַ שווערע פרוכט איז אַראָפּ-

געפאלן אויף א בלאט. אבער דער האז איז געווען אזוי נערוועז, אז ער איז געווען גרייט צו גלויבן אלצדינג, און ער האט אויסגערופן מיט שרעק:

„די ערד פאלט איין!"

ער האט זיך געלאזן לויפן אזוי שנעל, ווי ער האט נאר גע־קאנט. אויפ'ן וועג האט ער באגעגנט אן עלטערן האז. יענער האט אים געפרעגט: „וואוהין לויפסטו אזוי, ברודער האז?"

— איך האב ניט קיין צייט צו שטעלן זיך ריידן מיט דיר. — האט אונזער דערשראקענער האז געענטפערט. — די ערד פאלט איין, אנטלויף איך.

— די ערד פאלט איין? — האט דער עלטערער האז איבער־געזאגט מיט ערשטוינונג. — דו הערסט, — האט ער צוגעגעבן צו זיינעם א שכן — דו הערסט, די ערד פאלט איין!

און דער שכן זיינער האט דאס דערציילט צו זיינעם א ברו־דער, און זיין ברודער צו זיינעם א פריינד, ביז טויזנטער האזן האבן געוואוסט פון די נייעס, און אלע האבן געהאלטן אין איין שרייען: „די ערד פאלט איין! די ערד פאלט איין!"

און דאס געשריי און די נייעס זיינען דערגאנגען אויך צו די גרעסערע חיות. צוערשט האט דאס דערהערט דער הירש. פון דעם הירש האט זיך די נייעס דערוואוסט די שעפס; פון דער שעפס דער ווילדער חזיר; פון דעם חזיר דער בופלאקס; פון דעם בופלאקס דער קעמל; פונ'ם קעמל איז עס דערגאנגען צום טיגער, און פון טיגער צום העלפאנד. און אלע זיינען זיי געלאפן און גע־שריען: „די ערד פאלט איין! די ערד פאלט איין!"

און די נייעס האט זיך דערטראגן אויך צום לייב. ער האט דערהערט דעם טומל און זיך געוואונדערט: „דאכט זיך, — האט ער געטראכט, — עס זיינען ניטא קיין שום סימנים, אז די ערד האלט אין איינפאלן. אבער מסתמא האבן זיי עפעס געהערט".

און ער האט אפגעשטעלט די חיות, וואס זיינען געלאפן, און זיי געפרעגט: „וואס אזעלכעס דערציילט איר דארטן?"

האַט דער העלפאַנד געזאָגט: „איך האָב באַמערקט, אַז די ערד פאַלט איַין“.

— פון וואַנען נעמסטו דאָס? — האָט דער לייב געפרעגט.

— פון וואַנען? איך האָב דאָס אַליין געהערט פונ׳ם טיגער.

און דער טיגער האָט געזאָגט: „איך האָב דאָס אַליין געהערט פון קעמל“.

און דער קעמל האָט געזאָגט: „איך האָב דאָס אַליין געהערט פון בופלאָקס“.

און דער בופלאָקס האָט געזאָגט, ער האָט דאָס געהערט פונ׳ם חזיר, און דער חזיר — פון דער שעפּס, און די שעפּס — פונ׳ם הירש, און דער הירש — פון די האָזן, און די האָזן האָבן געזאָגט: „מיר האָבן דאָס געהערט פון אָט דעם יונגן האָז“.

האָט דער לייב אָפּגעשטעלט דעם יונגן האָז און ביַי אים געפרעגט: „וואָס האָט דיך געצוואונגען צו זאָגן, אַז די ערד פאַלט איַין?“

האָט דער יונגער האָז געענטפערט: „איך האָב דאָס אַליין געזען“.

— דו האָסט דאָס אַליין געזען? — האָט דער לייב איבערגעפרעגט. — וואו האָסטו דאָס געזען?

— דאָרטן ביַים בוים.

— אויב אַזוי, קום צו יענעם בוים און מיר וועלן זען“... — האָט דער לייב געזאָגט.

— אָ, ניין, — האָט זיך דער האָז מיט שרעק אָפּגערופן, — איך וועל פאַר קיין געלט ניט גיין צו יענעם בוים. איך בין אַזוי נערוועז.

— אָבער איך וועל דיך נעמען אויף מיַין רוקן; דו האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן. — האָט דער לייב געזאָגט. און ער האָט גענומען דעם האָז אויף זיַין רוקן, און ער האָט געהייסן אַלע חיות וואַרטן דאָרט, ביז ער וועט קומען צוריק, און ער איז אַוועק מיט׳ן האָז צו יענעם בוים. און ווען ער איז געקומען צום בוים, האָט ער באַוויזן דעם האָז, אַז דאָס געררויש, וואָס האָט אים אַזוי דערשראָקן,

איז פאַרגעקומען בלויז פון דעם, וואָס אַ פּרוכט איז אַראָפּגעפאַלן אויף אַ בלאַט.

האָט דער האָז געזאָגט: „איצט זע איך, אַז די ערד פאַלט ניט איַין".

האָט דער לייב געזאָגט: „אפשר וועלן מיר איצט גייִן און אָנזאָגן דאָס אַלע אַנדערע חיות?"

און זיי זײַנען געגאַנגען צוריק צו די חיות, און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר זיי אַלעמען און געזאָגט: „די ערד פאַלט ניט איַין."

און אַלע חיות האָבן דאָס אָנגעהויבן איבערצוחזר'ן אײַנע צו דער אַנדערער: „די ערד פאַלט ניט איַין! די ערד פאַלט ניט איַין!"

און זיי האָבן זיך ביסלאַכוויַיז צוריק צעשפּרייט איבער'ן וואַלד, און מען האָט נאָך פון דערווײַטנס אַלץ געקאָנט הערן: „די ערד פאַלט ניט איַין! די ערד פאַלט ניט איַין!"

שערלאַק.

דער קליינער העלד.

א.

עס איז פאַראַן אַ לאַנד, וואָס הייסט האָלאַנד. דאָס לאַנד איז נידעריקער פונ'ם ים, און די איַינוואוינער פון דעם לאַנד האָבן גע־מוזט אויפבויען דאַמבעס פון ערד, פון שטיין און פון האָלץ, כדי צו פאַרהאַלטן דעם ים, ער זאָל ניט פאַרפלייצן דאָס לאַנד.

אין איין האָלענדישן דאָרף האָט געוואוינט אַ אינגל מיט'ן נאָמען פעטער. זיַין פאָטער איז געווען אַן אויפזעער פון אַ דאַמבע.

איינמאָל זאָגט צו פעטערן זיַין מוטער: „אָט האָסטו עטלאַכע פּלעצלאַך. נעם, טראָג זיי אָפּ צום בלינדן פויער אויף דער אַנדער זיַיט דאָרף. ווען דו וועסט קומען צוריק, וועט דער טאַטע שוין זיַין אין דער היים, און מיר וועלן עסן וועטשערע".

פעטער האָט גענומען דאָס קערבעלע מיט די פּלעצלאַך און איז אַוועקגעגאַנגען. אויפ'ן וועג האָט ער אָנגעריסן בלומען. ווען ער

איז געקומען צום בלינדן פויער, האָט ער אים אָפּגעגעבן די פּלעצלאַך און די בלומען. ער איז נאָך דאָרטן געזעסן אַ ווײַלע און גערעדט מיט׳ן בלינדן; דערנאָך איז ער אַוועק צוריק אַהיים.

אויף זײַן וועג צוריק איז פּעטער פאַרבײַגעגאַנגען די דאַמבע, וואו זײַן פאָטער איז געווען דער אויפזעער. דער פאָטער איז שוין דאָרטן ניט געווען. ער איז אַוועק אַהיים. די זון איז שוין פאַר־גאַנגען, און עס איז געווען טונקל.

פּלוצלונג האָט פּעטער דערהערט אַ קלאַנג, ווי וואַסער וואָלט גערונען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, ווי דורך אַ קלײנער עפענונג אין דער דאַמבע רינט אַ דינער שטראָם וואַסער פון ים.

פּעטער האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסע געפאַר דאָ שטײט פאָר. דאָס וואַסער קאָן פאַנאַנדערוואַשן די עפענונג און מאַכן פון איר אַ גרויסע לאָך, און דער ים קאָן פאַרטרינקען דאָס דאָרף מיט דער גאַנצער געגנט אַרום.

פּעטער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז עפּעס באַלד טאָן דערצו. אָבער וואָס? לויפן אַהיים? — איז ביז ער וועט קומען אַהין און ביז מענשן וועלן קומען צוריק, קאָן דער ים שוין אַראָפּטראָגן די דאַמבע און פאַרטרינקען די גאַנצע געגנט.

ער האָט אָנגעהויבן שרײַען און רופן: „פאָטער, פאָטער! אין דאַמבע איז אַ לאָך געוואָרן, קום העלף!“ אָבער זײַן פאָטער איז גע־ווען ווײַט, און קײן אַנדערע מענשן זײַנען אויך ניט געווען נאָענט. קײנער האָט אים ניט געהערט.

האָט פּעטער אַראָפּגעוואָרפן פון האַנט דאָס קערבעלע, צוגע־לאָפן צו דער דאַמבע און אַרײַנגעשטעקט זײַן קלײן הענטל אין דער לאָך. דאָס וואַסער האָט גלײַך אויפגעהערט צו רינען. פּעטער האָט נאָך אַלץ געשריען און גערופן, אָבער קײנער האָט אים ניט געהערט.

דערווײַל איז געוואָרן פינסטער. פּעטערן איז געוואָרן קאַלט. און הונגעריק איז ער געווען, און אַ ביסל מורא׳דיק איז אויך געווען: ביז דעם מאָל איז ער קײנמאָל ניט געווען אין ערגעץ בײַנאַכט אַלײן. אָבער פּעטער האָט ניט געטראַכט אַפילו וועגן גײן אַהײם. ער האָט געוואוסט, אַז עפענען די לאָך איז אַ סכנה, ווײַל דאָס הײסט לאָזן דעם ים פאַרפלײצן זײַן דאָרף.

בּיסלאַכווײַז האָט אים די האַנט אָנגעהויבן ווײַ צו טאָן, זי איז געוואָרן קאַלט און ווי אַ האָלץ. פּעטער האָט געציטערט פאַר קעלט; ער האָט געוויינט און געדופן צו הילף. אָבער זײַן האַנט האָט ער אַלץ געהאַלטן אין לאָך און אײַנגעהאַלטן דעם ים.

ב.

ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, און פּעטער איז ניט געקומען אַהיים, איז זײַן מאַמע געוואָרן אומרואיק. זי האָט אים אָנגעהויבן ארומזוכן און רופן, אָבער פּעטער איז ניט געווען.

— עס קאָן זײַן, אַז ער איז געבליבן נעכטיקן בײַם בלינדן פּויער; — האָט דער פאָטער געזאָגט; — דער בלינדער איז עפּעס קראַנק, און פּעטער איז אפשר פאַרבליבן דאָרטן.

זײ האָבן דעריבער אָפּגעגעסן וועטשערע אָן פּעטערן.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי איז דער פאָטער אַוועקגעגאַנגען זוכן פּעטערן, די מוטער איז געבליבן שטײן בײַ דער טיר און וואַרטן אויף אים.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערזען, ווי עס קומט אָן אַ גאַנצער עולם מיט מענשן. פאָרויס איז געגאַנגען דער פאָטער און געטראָגן אויף די הענט פּעטערן. אַ סך פון דעם עולם האָבן געפּאַטשט מיט זײערע היט און געשריען: „לאַנג לעבן זאָל פּעטער! ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם ים! ער האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד! ער איז אַ העלד! לאַנג לעבן זאָל פּעטער דער העלד!“

טרערן פון פרײד זײַנען גערונען פון׳ם פאָטערס אויגן. און די מוטער האָט צערטלאַך געקושט איר פּעטערן.

און פּעטער אַלײן האָט שוין פאַרגעסן וועגן זײַן ווײטיק, וואָס ער האָט געליטן די גאַנצע נאַכט, וועגן זײַן קעלט און הונגער. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט געטאָן אַ העלדישע זאַך און האָט געראַטעוועט זײַן לאַנד פון׳ם הונגעריקן ים.

און ער האָט פון דאַמאָלסט אָן אויף שטענדיק באַקומען דעם נאָמען: דער קלײנער העלד פון האָלאַנד.

פון ענגליש.

די וואונדערלאַכע קליידער.

עס איז אַמאָל געווען אַ מלך, וואָס האָט זייער ליב געהאַט שיינע קליידער. זיין גאַנצע צייט פלעגט ער אָפּגעבן אויף פּוצן זיך און אויף זוכן שיינע שטאָפן פאַר מלבושים. אין יעדן לאַנד אויף דער ערד האָט ער געהאַט אַגענטן, וואָס האָבן פאַר אים געזוכט די פיינסטע קליידער-שטאָפן, וואָס יעדעס לאַנד האָט פּראָדוצירט.

איינמאָל זיינען צום קעניג געקומען צוויי שווינדלער, וואָס האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַלס וועבער, און זיי האָבן געזאָגט:

„גרויסער קעניג! מיר זיינען אין שטאַנד צו וועבן פאַר דיר אַזאַ שטאָף, וואָס איז שענער און רייכער פון אַלץ, וואָס איז ווען אַרויף אויף דיין קערפּער ביז היינטיקן טאָג. און דער שטאָף האָט נאָך אַ מעלה: און דאָס איז, וואָס ער איז אומזיכטבאַר. קיינער קען דעם שטאָף ניט זען, סיידן ער איז אַ פּייאיקער מענש און מיט שכל“.

„אַזאַ שטאָף איז פאַר מיר זייער נייטיק“, — האָט דער קעניג געענטפערט, — ווייל מיט אַזאַ שטאָף וועל איך קענען אויספּרובירן אַלע מיינע דינער און באַאַמטע פון לאַנד, איך וועל וויסן, ווער פון זיי האָט שכל און ווער ניט. ווער איז פייאיק פאַר זיין אַמט און ווער ניט. אַלזאָ, איך נעם אָן אייער פאָרשלאַג און וועל אייך לאָזן פאַר מיר וועבן די וואונדערלאַכע קליידער“.

דער קעניג האָט די וועבער אָפּגעגעבן אַ גרוים צימער צו אַר-בעטן און צוויי וועב-מאַשינען. ער האָט זיי אויך געגעבן אַ גרויסן זאַק מיט זיידענע און גאָלדענע פעדים צו וועבן פון דעם די וואונ-דערלאַכע שטאָף. די שווינדלער האָבן די זיידנס מיט די גאָלד באַ-האַלטן, און זיי האָבן זיך געמאַכט, ווי זיי אַרבעטן פלייסיק אויף די ליידיקע וועב-מאַשינען.

דריי טעג שפּעטער האָט דער קעניג געשיקט זיין פינאַנץ-מי-ניסטער זען, ווי די אַרבעט גייט צו. דער קעניג האָט טאַקע פאַר איין וועג געוואָלט פּרובירן זיין מיניסטער, צי ער האָט שכל און פייאיקייטן צו זען די וואונדערלאַכע שטאָף. דער מיניסטער איז גע-

קומען און האָט געזען, אַז די וועבער דרייען מיט די הענט איבער ליידיקע וועב־מאַשינען, און קיין שטאָף האָט ער ניט געזען. האָט זיך דער פינאַנץ־מיניסטער דערשראָקן. ער האָט זיך געטראַכט: „איך מוז זיין אַ מענש אָן שכל און ניט פּאַסיק פאַר מיין אַמט; אַנדערש וואָלט איך דאָך געקענט זען דעם שטאָף, וואָס זיי וועבן“.

— „נו“, — האָט איינער פון די שווינדלער געפרעגט דעם פינאַנץ־מיניסטער, — „ווי געפעלט אייך דער שטאָף, וואָס מיר וועבן פאַר דעם קעניג?“

— „גרויסאַרטיק“. — האָט דער פינאַנץ־מיניסטער געענטפערט און גענומען כלומר'שט טאַפּן די שטאָף, וועלכע איז אויף דער וועלט ניט געווען. — אַזאַ שטאָף האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען. וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע קאָלירן! וואָס פאַר אַ פּראַכטפול געוועב! מיין קעניג וועט עם פאַרשאַפן פיל פאַרגעניגן“.

— „טאָ זייט אַזוי גוט און זאָגט אייער קעניג, אַז עס פעלט אונז אוים מאַטעריאַל“. — האָבן די שווינדלער געזאָגט.

דער פינאַנץ־מיניסטער איז אַוועק און האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט צום קעניג.

דער קעניג האָט זיך שטאַרק געפרייט, און ער האָט גלייך געשיקט די וועבער מער זייד און מער גאָלדענע פעדים. נאָכדעם האָט ער געהייסן זיין שני־למלך, ער זאָל אויך גיין אַ קוק טאָן אויף דער אַרבעט פון די וועבער.

מיט דעם שני־למלך איז געווען די זעלבע זאַך, ווי מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער. ער איז אַריינגעקומען און האָט געזען, ווי די וועבער פירן מיט די הענט אויף די וועב־מאַשינען, אָבער קיין שטאָף האָט ער ניט געזען; האָט ער זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער זעט ניט, און ווען די שווינדלער האָבן אים געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגן די שטאָף, וואָס זיי וועבן, האָט ער פאַרגלאָצט די אויגן און אויסגערופן:

— „אַזאַ דערהויבענע קונסט־שטיק איז איבער אַלע ערוואַרטונגען! נאָר פאַר אַזאַ גרויסן און מעכטיקן קעניג פּאַסן זיך אַזעלכע קונסטפולע קליידער. איך גראַטוליר אייך מיט אייער גרויסן ער־

פאָלג, און איך וועל זאָגן דעם קעניג, אַז ער זאָל אײַער באַצאָלט פאַרדאָפּלען״.

— „מיר דאַנקען אײַך פאַר די קאָמפּלימענטן״. — האָבן די שווינדלער געענטפערט. — „מיר בעטן אײַך, זאָגט דעם קעניג, אַז מיר דאַרפן האָבן נאָך זײַדענע און גאָלדענע פאָדים״.

נאָכדעם ווי דער קעניג האָט אויסגעהערט דעם גוטן באַריכט פון זײַן ש נ י - ל מ ל ך, איז ער אַלײן אַוועק צו די וועבער, אַ קוק טאָן אויף די וואונדערלאַכע שטאָף. און ווען דער קעניג איז אַרײַנגעקומען און האָט געזען לײדיקע וועב-מאַשינען, האָט ער זיך פאַרשעמט, און אין האַרצן האָט ער זיך געטראַכט: „איך מוז אַלײן זײַן אָן אַ ברעקל ש כ ל, אַנדערש וואָלט איך דאָך געקענט זען די וואונדערלאַכע שטאָף, וואָס זײ וועבן. עס איז אָבער גלײַכער, אַז קײנער זאָל ניט וויסן, אַז איך זע ניט; אַז ניט, וועט דאָס פאָלק מיך אַראָפּוואַרפן פון מײַן קעניגלאַכן שטול״.

האָט דער קעניג אויך גענומען לויבן, רימען און באַוואונדערן די שטאָף, וואָס ער האָט גאָר ניט געזען.

עס איז געקומען דער טאָג, ווען די שווינדלער האָבן געמאָלדן דעם קעניג, אַז די קלײדער זײַנען שוין פאַרטיק. דער קעניג האָט באַשטימט, אַז אין דעם טאָג זאָל זײַן אַ גרויסע פּראָצעסיע אין דער הויפּטשטאָט, און אַז ער זאָל מאַרשירן מיט אַלע זײַנע מיניסטאָרן און גענעראַלן איבער די גאַסן, כ ד י דאָס פאָלק זאָל אים קענען אָנקוקן אין די וואונדערלאַכע קלײדער. און אַז עס איז געקומען דער טאָג פון דער פּראָצעסיע, זײַנען אַלע גאַסן געווען פול געפּאַקט מיט מענשן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט צו זען זײער קעניג אין זײַן גרעסטער פּראַכט און גלאַנץ. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן פינף מײַל לאַנג. פאָרויס איז געגאַנגען דער קעניג אונטער אַ חופּה, נאָך אים זײַנע מיניסטאָרן, נאָכדעם די גענעראַלן און די גרעסטע לײַט פון לאַנד, און נאָך זײ די סאָלדאַטן. און וואו דער קעניג איז דורכגעגאַנגען, האָבן מענשן מיט באַוואונדערונג אויסגערופן: „וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע קלײדער! ווי שײן, ווי הערלאַך זײ קלײדן אונזער הערשער! זײ ליגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן!״

אָבער צווישן די מענשן האָט זיך געפונען אײנער אַ זאָקנמאַ-

כער, אַן אײַנפאַכער מענש. האָט ער אומשולדיקערהײַט באַמערקט:
„דאַכט מיר, ‚אַז דער קעניג גײַט אָן זאָקן“.

„אמת טאַקע“. — האָט געזאָגט אַ שנײַדער, וואָס איז געשטאַנען לעבן זאָקנמאַכער. — „און מיר דאַכט נאָך, אַז ער טראָגט ניט קײַן וועסטל און קײַן ראָק“.

„דאַכט זיך, ער גײַט גאָר אַ נאַקעטער“. — האָט באַמערקט אַן אַנדערער.

פון מויל צום אויער זײַנען געגאַנגען די אַלע באַמערקונגען, ביז עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַלגעמײַנער געשרײַ פון גאַנצן עולם: „דער קעניג גײַט גאָר אַ נאַקעטער!“

און ווען די מיניסטאָרן מיט די גענעראַלן האָבן דערהערט דאָס געשרײַ פון פאָלק, האָבן זײַ זיך גענומען בײַזערן: „עולם — גולם! איר האָט דאָך קײַן שכל ניט! ווי קומט איר צו זאָגן אַ מײַנונג איבער קונסט?“ — אָבער דאָס בײַזערן זיך האָט זײַ ניט געהאָלפן. דער קעניג האָט פאַרשטאַנען, אַז דער עולם האָט רעכט, און ער איז אַרײַנגעלאָפן אין דעם נאָענטסטן הויז און געוואַרט, ביז מען האָט אים געבראַכט עפּעס צו פאַרדעקן זײַן נאַקעטקײַט.

ה. ק. אַנדערסען.

צווישן חיות און פלאַנצן.

טירגאַרטן. סאַנדערלאַנד.

דער אַראַבער און זײַן פערד.

ערגעץ, גאַנץ ווײַט פון אונז, איז פאַראַן אַ לאַנד אַראַביען. אין יענעם לאַנד זײַנען פאַראַן די שענסטע און די שנעלסטע פערד. די אײַנוואוינער פון דעם לאַנד, די אַראַבער, האָבן ליב זײערע פערד. און די קינדער פון די אַראַבער זײַנען די בעסטע גוטע פרײַנד פון די פערד און שפילן זיך מיט אַט די שײנע און אײדעלע באַשעפעניש.

ווען אַן אַראַבער האָט אַ פערד, איז ער צופרידן און גליקלאַך, ווען ער איז אפילו אָרים. דאָס פערד איז גיכער אַ פרײַנד פון דעם אַראַבער, אײדער זײַנער אַ קנעכט. און עס האָט ניט אײנמאָל געטראָפן, אַז אַן אַראַביש פערד האָט געראַטעוועט זײַן באַלעבאָס.

אַמאָל איז געווען אַן אַראַבער מיט'ן נאָמען אַבו. אײַנמאָל איז אַבו געפאָרן רײַטנדיק אויף זײַן פערד, ווײַט פון זײַן געצעלט. אַבו האָט געהאַט פײַנד. די פײַנד האָבן אים דאָס מאָל אַרומגע־רינגלט און גענומען געפאַנגען.

די פענגער האָבן געבונדן אַבון הענט און פיס, צוגעבונדן אים צו זײַן אייגן פערד און אַוועקגעפירט אים אַ סך מײַלן ווײַט פון זײַן דאָרף. בײַנאַכט האָבן זיך די פענגער אָפּגעשטעלט אָפּרוען. זיי האָבן אַראָפּגענומען אַבון פון פערד און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, און זײַן פערד האָבן זיי אַוועקגעפירט אַ ביסל ווײַטער און צו־געבונדן אויף אַ לאַנגער שטריק צו אַ בוים.

אַבו האָט געוואוסט, אַז מען וועט אים פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט. זײַן האַרץ האָט אים ווי געטאָן, וואָס ער וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט זען מיט זײַן הײם, מיט זײַן ווײַב און קינדער, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. אָבער ניט ווייניקער האָט אים פאַרדראָסן, וואָס מען וועט אים צעשיידן מיט זײַן פערד, וואָס איז געווען זײַן שטענדיקער באַגלייטער און זײַן בעסטער פרײַנד.

אין מיטן נאַכט איז אַבו געלעגן און געווײנט, טראַכטנדיק וועגן זײַן הײם און וועגן זײַן פערד. פּלוצלונג האָט ער דערהערט דאָס הירזשען פון זײַן געליבט פערד. אַבו האָט זיך דערפרייט. און ווי ער איז געווען געבונדן הענט און פיס, האָט ער דאָך גענומען קײַקלען זיך נעענטער צום פּלאַץ, וואו דאָס פערד איז געווען.

דאָס פערד האָט אים דערקענט און אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר פרייד. אַבו האָט אויך אָנגעהויבן צו ציטערן, אָבער פאַר ווייטיק און פאַרדראָס. ער האָט בײַ זיך באַשלאָסן צו באַפרײַען זײַן טײַערן פרײַנד.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער און געכאַפּט מיט די ציינער די שטריק, מיט וועלכער דאָס פערד איז געווען צוגעבונדן צום בוים. ער האָט אָנגעהויבן צו נאָגן די שטריק, ביז ער האָט זי צעריסן. און דאַן האָט ער מיט אַ שוואַכער שטימע באַפוילן דעם פערד, ער זאָל אַוועקלויפן.

אָבער דאָס טרײַע באַשעפעניש האָט הײַנט צום ערשטן מאָל ניט אויסגעפאָלגט זײַן באַלעבאָס. עס האָט אַרומגעשמעקט די

שטריק, מיט וועלכע עס זײַנען געווען געבונדן די פיס פון זײַן באַ־לעבאָס, און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי עס וואָלט ניט גע־וואָלט פאַרלאָזן זײַן פרײַנד אַלײן.

דאָס פערד איז, קענטיק, געשטאַנען און געטראַכט. ווײַל אין אַ ווײַלע אַרום האָט עס מיט זײַנע צײנער פעסט אָנגענומען אַבון פאַר'ן גאַרטל, אויפגעהויבן אים פון דער ערד און איז מיט אָט דער שווערער משא אַוועקגעלאָפן איבער'ן פעלד.

מײַלנווײַט איז געלאָפן דאָס טרײַע באַשעפעניש, האַלטנדיק זײַן באַלעבאָס אין מויל און אײַלנדיק אַהײם. עס האָט זיך אין ערגעץ ניט אָפּגעשטעלט. און פאַרטאָג איז עס געקומען צום הויז פון זײַן באַלעבאָס און פאַמעלאַך אַוועקגעלײגט אים פאַר דער טיר.

אַבוס ווײַב און קינדער האָבן זיך זײער דערפרײט, ווען זײ האָבן דערזען זײער מאַן און פאָטער. אָבער זײער פרײד האָט זיך באַלד פאַרביטן אויף טרויער. דאָס אומגליקלאַכע פערד האָט אַ ווײַלע געציטערט און איז געפאַלן טויט, אויסגעשעפּט פון לאַנגן וועג און פון דער שווערער משא. עס האָט געראַטעוועט זײַן באַלעבאָס, אָבער עס האָט דערפאַר באַצאָלט מיט זײַן אײגן לעבן.

אַראַביש מעשה'לע.

דאָס פערד און דער קעמל.

— פּאַטער אין הימל! — האָט אַמאָל געזאָגט דאָס פערד, צוגייענדיק צום באַשעפער. — מען זאָגט, אַז איך בין איינע פון די שענסטע באַשעפענישן אויף דער וועלט. איך אַליין דענק אויך, אַז דאָס איז ריכטיק. מיר דוכט אָבער, אַז אייניקע אברים מיינע וואָלט מען נאָך געקאָנט פאַרפיינערן.

— וואָס, למשל, וואָלט מען געדאַרפט, נאָך דיין מיינונג, אויסבעסערן אין דיר? — האָט דער באַשעפער געענטפערט מיט אַ שמייכל. — זאָג, איך בין גרייט צו לערנען זיך ביי דיר.

— איך דענק, אַז מיינע פיס וואָלטן געדאַרפט זיין אַ ביסל דינער און העכער. אַ ביסל אַ לענגערער האַלז וואָלט מיר אויך צו־געגעבן מער שיינקייט. אַ ברייטע ברוסט וואָלט פאַרגרעסערט מיין קראַפט. און אַזוי ווי דו האָסט מיך באַשטימט צו טראָגן אויף זיך דעם מענשן, די קרוין פון אַלע באַשעפענישן, וואָלט דאָך פיל גליי־כער געווען, איך זאָל האָבן אויף מיין רוקן אַ נאַטירלאַכן זאָטל!...

— גוט. — האָט געענטפערט דער באַשעפער.

ער האָט געזאָגט זיין וואָרט, און די ערד האָט באַלד אַרויסגע־בראַכט — אַ קעמל.

ווען דאָס פערד האָט דערזען דאָס נייע באַשעפעניש, האָט עס אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר שרעק און עקל.

— אָט האָסטו דיר — האָט דער באַשעפער געזאָגט — אַ באַ־שעפעניש מיט הויכע, דינע פיס, מיט אַ לאַנגן האַלז, מיט אַ ברייטער ברוסט און מיט אַ נאַטירלאַכן זאָטל — אַלץ, וואָס דו באַגערסט! ווילסטו, איך זאָל דיך איבערמאַכן אַזוי, ווי אָט דאָס באַשעפעניש?

— ניין, ליבער פּאַטער, ניין! לאָז מיך שוין בעסער בלייבן אַזוי, ווי איך בין איצט. — האָט דאָס פערד געענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

— טאָ גיי זשע אין שטאַל אַריין און באַקלאָג זיך ניט אומ־זיסט. — האָט דער באַשעפער געזאָגט.

— און דו, קעמל, — האָט ער צוגעגעבן, — פאַרבלייב אויך,

און זאָל דיר ניט פאַרדריסן דײַן געשטאַלט, וואָס איז ניט שײן. דו וועסט דערפאַר זײַן זײער אַ קלוג און נוצלאך באַשעפעניש אויף דער ערד.



פון יענער צײַט אָן עקזיסטירט דער קעמל אויף דער ערד. נאָר יעדעס מאָל ווען דאָס פערד דערזעט אים, ווערט עס אַזש פאַרציטערט פאַר שרעק און עקל.

א. לעסינג.

דער וואָלף און דער הונט.

אַ הונגעריקער, אויסגעמאָגערטער וואָלף האָט אײנמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט באַגעגנט לעבן דאָרף אַ גרויסן פעטן הונט. דער וואָלף האָט אים געפרעגט:

„זאָג מיר, הונט, וואו נעמסטו עסן?"

— דער באַלעבאָס גיט מיר עסן.

„געווים מוזסטו שווער אַרבעטן".

— נײן, — האָט דער הונט געענטפערט, — מײַן אַרבעט איז ניט קײן שווערע; איך היט בײַנאַכט דעם הויף.

„אויב אַזוי, — זאָגט דער וואָלף, — נעם מיך אויך מיט. מיר קומט אָן אַזוי שווער צו קריגן שפּייז“.

זיינען ביידע, דער הונט און דער וואָלף, געגאַנגען אין דאָרף. דער הונט האָט דאָרטן געוואָלט קריגן אַ שטעלע פאַר דעם הונגעריקן וואָלף.

ווען זיי זיינען שוין געווען ניט ווייט פון דאָרף, האָט דער וואָלף באַמערקט, אַז ביים הונט אויפ׳ן האַלז איז די פעל אָפּגעריבן. פרעגט ער אים:

„פון וואָס איז דאָס דיר געקומען?“

— דאָס איז פון דער קייט, אויף וועלכער איך בין דעם גאַנצן טאָג צוגעבונדן. — האָט דער הונט געענטפערט.

„אויב אַזוי, — האָט דער וואָלף געזאָגט, — זיי זשע מיר געזונט! כ׳וויל ניט גיין דינען ביי מענשן און ווערן זייערער אַ קנעכט. געוויס, איצט קומט מיר אַמאָל אוים צו הונגערן, דערפאַר אָבער בין איך פריי און ניט געבונדן“.

פון רוסיש.

טו מיר אַ קוש. האַלמס.

ניט די לאָך איז דער גנב.

ס'איז אויפ'ן האַרצן רב וועלוועלען טרויעריק, ס'פּייניקט אים
הונגער אַ גרויל.
אַט איז דער דריטער שוין טאָג, ווי קיין ביסן נאָך האָט ער גענומען
אין מויל.

גייט מיט אַ ליידיקן מאָגן אום וועלוועלע נעבאָך דריי נעכט און
דריי טעג,
אָפּגעצערט, אויסגעדאַרט, מאָגער און אויסגעקוואַרט; קוקן אויף אים
איז אַ שרעק.

גייט אום פאַרטרויערט, פאַר'חושכ'ט רב וועלוועלע, גייט ער
פון פרי און ביז שפּעט,
פּלוצלונג דערזען האָט ער פּיקסלען און פאַלט צו אים צו מיט אַ
האַרציק געבעט:

— „ריינעקע־פּיקסעלע, ליבער פלימעניקל, גאָט האָט געשיקט דיך
אַליין,
ס'האַלט די נשמה זיך קוים אין מיין קערפּער שוין, כ'קען אויף
די פיס מער ניט שטיין!

הונגעריק בין איך, אַז איין גאָט זאָל אויסהיטן, כ'וועל עס ניט
אויסהאַלטן מער,
ריינעקע, פּיקסעלע, ליבער פלימעניקל, ס'איז דיר קיין זאַך דאָך
ניט שווער!

נעם־זשע, מיין ליבער, כ'וועל קיינמאָל פאַרגעסן דיר, זעסט דאָך,
איך האַלט שוין גאָר שמאָל,
קריג מיר צו עסן וואָס, גלויב מיר, אַז אָפּדאַנקען וועל איך דיר
אויבעט אַמאָל!" —

— „יאָ, פעטער וועלוול, האָסט גראָדע געטראָפן איצט, גראָד גיי
איך איצט אין אַן אָרט,

וואו עס געפינען פון כל-טוב מאכלים זיך, אלץ וואס עס
שטייט נאר אין קארט!

פליייש אלערלייאיקע, פעטע, גרייכערטע, מיט זאלץ און אויכעט
אן זאלץ,
לעבער און פופקעלאך, לונגען און אינגעווייד, טעפ פול מיט טייערן
שמאלץ;

ווילסטו, דאן לאמיר צוזאמען א גיי טאן גלייך, בלייבן וועסט זאט,
אויף מיין ווארט״! —
— „גייען מיר!״ — ענטפערט אין איין אטעם וועלוול און ס'לאזן
זיך ביידע צום ארט.

קומען זיי. זעען א שפייכלער, און ס'שלאגט פון אים ריחות
געשמאקע, א גרויל.
צינדן ביי וועלוולען די אויגן זיך תיכף אן, ס'הייבט אים אן
קיצלען אין מויל.

א לאך צו געפינען אין וואנט גיט זיך אויכעט אים נאך קנאפע
זוכעניש איין,
ווארט ניט רב וועלוול קיין רגע, קיין איבעריקע, קריכט גלייך
אין שפייכלער אריין!

וועלוול איז איינמאל א פרעסער, דערצו איז ער גוט אויסגעהונגערט
געווען,
האט ער זיך צוגעכאפט איינמאל פאר אלעמאל, פרעסן געגומען
פאר צען.

זאט איז ער שוין, נאר ווי קען מען זיך אפרייסן אט פון אזעלכענע
שמאלץ?
פרעסט ער און פרעסט, ביז ער קען מער ניט צונעמען, ס'קריכט
שוין ניט מערער אין האלז!

וויל ער צוריק דורכ'ן לאך שוין ארויסקריכן, פרואווט ער זיך, נאר —
אי, געוואלט!

פינסטער ווערט גלייך אין די אויגן ר ב וועלוועלען: קליין איז
געוואָרן דער שפּאַלט.

ער האָט אַזוי מיט דעם עסן זיך אָנגעפּאַקט, אַז ס'איז די לאָך פּאַר
אים שמאָל,
שילט ער מיט קללות די לאָך און ער זידלט זיך, וואַיעט און
שילט אויפ'ן קול.

האָבן דערהערט אינ'ם דערפל די פויערים וועלוועלעס היזיריקע שטים,
האָט מען געכאַפּט ווער אַ האַק, ווער אַ לאָפּעטע און זיך געלאָזן
צו אים.

ס'איז אין דעם דערפל געוועזן ר ב וועלוועלע שוין ניט פון נעכטן
באַקאַנט,
ווער ס'האָט אין הארצן נאָר גאָט, איז מכבד אים, ס'האָגלט מיט
קלעפּ נאָכאַנאַנד!

זיינען געקומען צולויפן פון דערפעלע אַלע, סיי קליין און סיי גרויס.
עס איז פון זייערע הענט נעבאַך וועלוועלע קוים מיט'ן לעבן אַרויס.

ראַפּטום לויפט וועלוול, וואו ס'טראָגן די אויגן אים, נעבאַך
צע'מזיק'ט צום טויט,
האָט ער זיך מורא אפילו אַרומקוקן, טראָגט פּשוט זיך
אויס'ן הויט!

לויפט ער און לויפט און ער טרעפט ווידער פּיקסעלען, נעמט ער
עם שילטן די לאָך:
שולדיק איז זי נאָר אַליין, די פּאַרפּירערקע, שילט ער זי נאָך
אַלץ און נאָך!

קוקט מיט אַ שמייכל מיין פּיקסל ר ב וועלוולען אָן, קוקט ווי ער
קאָכט זיך און זידט,
קוקט און זאָגט רואיק: „ניט שולדיק די לאָך איז, נאָר שולדיק
איז דיין אַפּעטיט!...“

דוד'ל.

דער אַלטער וואָלף.

א.

דער בייזער וואָלף איז געוואָרן אַלט. האָט ער באַשלאָסן, אַז מען דאַרף לעבן ב ש ל ו ם מיט די פּאַסטוכער. איז ער אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען צום פּאַסטוך, וואָס האָט געפּיטערט די שאָף נאָענט צו זיין נאָרע.

— פּאַסטוך, — האָט ער אים געזאָגט, — דו רופסט מיך בלוט־דורשטיקער רויבער. איך בין דאָס אָבער אין דער א מ ת'ן ניט. געוויס קומט מיר אוים צו נעמען אַמאָל דיינע אַ שעפּס, ווען איך בין הונגעריק; דער הונגער איז פיינלאַך. אָבער באַשיץ מיך נאָר פון הונגער; מאַך מיך נאָר זאַט, און דו וועסט מיט מיר זיין זייער צופרידן. ווייל איך בין אין דער א מ ת'ן די שטילסטע און גוטמוטיקסטע ח י ה, ווען איך בין נאָר זאַט.

— ווען דו ביסט זאַט? — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט. — דאָס קאָן זייער זיין. אָבער ווען ביסטו דען זאַט? דו ווערסט דאָך קיינמאָל ניט זאַט! גיי זיך דיר דעריבער פון דאַנען!

ב.

גייט דער וואָלף צו אַ צווייטן פּאַסטוך און זאָגט: „עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, וואָס איך האָב צווישן אייך, פּאַסטוכער, אַ ש ם פון דער גרויזאַמסטער און אומערלאַכסטער באַשעפעניש. איך וויל דיר איצט באַווייזן, ווי ניט ריכטיק די מענשן האַנדלען קעגן מיר. גיב מיר נאָר איין שעפּס, און דיין טשערעדע וועט זיך קאָנען פריי און זיכער פּיטערן אין יענעם וואַלד, וואָס איז געוועזן ניט זיכער טאַקע נאָר צוליב מיר. איין שעפּס! דאָס איז דאָך נאָר אַ קלייניקייט! קאָן מען דען זיין נאָך איידעלער, נאָך גרויסמוטיקער?“

דער פּאַסטוך האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו? — האָט דער וואָלף פאַרוואונדערט געפרעגט.

— אזוי זיך; — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט; — אָבער ווי אַלט ביסטו, גוטער פריינד?

— וואָס גייט עס דיר אָן, ווי אַלט איך בין? אַלנפאַלס גענוג שטאַרק צו דערווערגן דיינע בעסטע שעפּסן.

— זיי ניט אין כ ע ס, גוטער וואָלף! עס פאַרדריסט מיך, וואָס דו ביסט מיט דיין פאָרשלאַג געקומען אויף עטלאכע יאָר צו שפּעט. דיינע אויסגעגעסענע ציין באַווייזן דעם א מ ת. דו גיסט זיך אַרויס פאַר אייגעם, וואָס טוט אַלץ ניט צוליב זיין נוצן; אָבער אין דער א מ ת'ן טוסטו דאָס, כ ד י צו קאָנען באַקוועמער און מיט ווייניקער געפאַר געפינען פאַר זיך שפּייז. גיי זיך דיר דעריבער פון דאַנען!

ג.

דער וואָלף איז געוואָרן אין כ ע ס. נאָר ער האָט באַשלאָסן צו גיין נאָך צו אַ פּאַסטוך. ביי דעם פּאַסטוך איז ניט לאַנג אוועקגעפאַלן זיין געטרייער הונט, און דער וואָלף האָט זיך דערמיט געוואָלט באַנוצן. קומט ער צו אים און זאָגט:

— איך האָב זיך צעקריגט מיט מיינע ברידער אין וואַלד, און אַזוי שטאַרק צעקריגט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל מיט זיי צוריק גוט ניט ווערן. דו ווייסט דאָך, ווי שטאַרק דו דאַרפסט מ ו ר א האָבן פאַר זיי! נעמסטו אָבער מיך פאַר אַ דינער אַנשטאָט דיין פאַרשטאָרבענעם הונט, גיב איך דיר מיין וואָרט, אַז זיי וועלן דיינע שעפּסן א פ י ל ו ניט וואַגן אָנצוקוקן.

— ווילסטו, הייסט עס, באַשיצן מיינע שעפּסן אין וואַלד קעגן דיינע אייגענע ברידער?

— נו, געוויס! דאָס האָב איך דאָך געזאָגט.

— דאָס וואָלט געווען ניט שלעכט. — האָט דער פּאַסטוך געזאָגט. — אָבער ווען איך נעם דיך אַריין אין מיין טשערעדע, ווער וועט מיינע אָרימע שעפּסעלאַך קעגן דיר באַשיצן? גיי זיך דיר געזונטערהייט!

ד.

„ווען איך וואָלט נאָר אינגער געוועןו!" — האָט זיך דער וואָלף געטראַכט. — „איך וואָלט זיך שוין מיט זיי אָפּגערעכנט. נאָר איצט איז פאַרפאַלן, מען מוז זיך רעכענען מיט דער צייט". און ער איז אַוועק נאָך צו אַ פּאַסטוך.

— דו קענסט מיך? — האָט ער בײַם פּאַסטוך געפרעגט.

— אַזעלכע ווי דו, ווײַניקסטנס, קען איך.

— אַזעלכע ווי איך? אַ, אין דעם צווייפל איך. איך בין גאָר אַן אַנדער מין וואָלף. איך בין ווערט, אַז דו און אַלע אַנדערע פּאַסטוכער זאָלן מיט מיר גוט פרײַנד זײַן.

— און מיט וואָס ביסטו דאָס אַנדערש פון אַנדערע וועלף?

— דערמיט, וואָס איך קאָן ניט דערווערגן און עסן קיין לעבעדיקע שעפּסן, ווען דאָס זאָל מיר אַ פּ י ל ו גיין אום לעבן. איך שפּײַז זיך נאָר מיט טויטע שעפּסן. איז דאָס ניט שיין פון מײַן זײַט? לאָז מיך דערפאַר נאָר פון צײַט צו צײַט קומען צו דײַן טשערעדע און געוואָר ווערן, צי עס איז אַוועקגעפאַלן, ח ל י ל ה, אַ שעפּס...

— עס זײַנען אומזיסט דײַנע רייד! — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט. — ווילסטו מיך ניט האָבן פאַר דײַן פײַנד, דאַרפסטו קיין טויטע שעפּסן אויך ניט פרעסן. אַ ח י ה, וואָס פרעסט טויטע שעפּסן, קאָן אַמאָל אויס הונגער אַ קראַנקע שעפּס פאַררעכענען פאַר טויט און אַ געזונטע פאַר קראַנק. האָסט דעריבער ניט וואָס צו רעכענען אויף מײַן פרײַנדשאַפט. גיי זיך דיר געזונטערהייט אַוועק!

דער וואָלף האָט פאַרביסן די ציינער, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז אַ הונגעריקער אַוועק אין זײַן נאָרע.

נאָך א. לעסינג.

ש פּ ר י כ ו ו ע ר ט ע ר.

אַ וואָלף פאַרלירט זײַנע האָר, אָבער ניט זײַן נאַטור.

האָדעווע דעם וואָלף ווי לאַנג, קוקט ער אַלץ אין וואַלד אַרײַן.

דער וואָלף כאַפּט אַזוי לאַנג די ציגעלאַך, ביז דער ר ו ח כאַפּט אים אַליין.

רעי און נאַרד.

1.

רעי און נאַרד זײַנען געווען צוויי וואוילע פיקסלאַך. זיי זײַנען ביידע געבאָרן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך אויף די בערג. נאָר פון צײַט צו צײַט פלעגן זיי אַראָפּ אין דער נידער, אין טאָל, אויס־זוכן פאַר זיך אַן אָנבײַסן. זיי האָבן געפילט, אַז דאָרט אין דער נידער, לויערט אויף זיי די געפאַר; און זיי זײַנען געווען אָפּגעהיט אַ פ י ל ו בײַנאַכט, ווען די לאַנגע שאָטנס באַדעקן אַלץ און לאָזן זיך לײַכט באַהאַלטן.

איינמאָל האָט דער ווינט געבראַכט רעיען די נײַעס פון טאָל, אַז אויף אַ פאַרם זײַנען פאַראַן שיינע יונגע הינדעלאַך. רעי האָט דעם ס ו ד ניט געוואָלט אַנטדעקן אַ פ י ל ו פאַר זײַן פרײַנדן נאַרד. און ווען די נאַכט איז געוואָרן זייער פינסטער, האָט ער זיך שטיל אַראָפּגעגנ׳בעט פון באַרג, אויסגעפונען אַ שטעגל צווישן די געדיכטע שטרויכן און אַוועקגעלאָזט זיך איבער׳ן טאָל צו דער פאַרם.

אין דער פרי איז רעי ניט געקומען צוריק. און ווען עס איז אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג און ער האָט זיך ניט צוריקגעקערט, האָט נאַרד באַשלאָסן בײַ זיך — גיין אויפזוכן איר פרײַנד. זי האָט זיך געלאָזט אויף דעם זעלבן וועג וואָס רעי, נאָכגייענדיק יענעמס פוסטריט. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ פאַרם. זי האָט אויפגעהויבן איר שפּיציקע נאָז אין דער לופטן, האָט אַרומגעשמעקט, האָט אַרומגעקוקט זיך און ווידער געשמעקט. זי האָט זיך געלאָזט גיין אַרום דער פאַרם.

גייענדיק אַזוי, האָט זי דערזען אַ האָן זיצנדיק אויף אַ שטרויך. „אַ פײַן אָונטערברויט!“ — האָט נאַרד אַ טראַכט געטאָן. זי האָט אַ שפּרונג געטאָן און געכאַפּט דעם האָן. אָבער גלײַך האָט זיך דער־הערט אַ קלאַפּ. נאַרד האָט אַ קוויטשע געטאָן: אַ פאַסטקע האָט פעסט צוגעדריקט אירס אַ פיסל. נאַרד האָט זיך אָנגעהויבן דרייען

און רייסן; זי האָט געוויינט און געקרעכצט און אַ גאַנצע נאַכט גע־קעמפט פאַר איר פרייהייט. אָבער אומזיסט. די פאַסטקע איז געווען שטאַרקער פאַר איר.

אין דער פרי איז געקומען דער פאַרמער. מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן האָט ער באַפרייט נאַרדן פון דער פאַסטקע. ער האָט איר ניט נאָר ניט געטאָן קיין שלעכטס, נאָר פאַרקערט — זייער פאָרזיכ־טיק פאַרבונדן איר פאַרוואונדעטע פיסל. ער האָט זיך אַזוי פיין באַ־גאַנגען מיט נאַרדן, אַז זי האָט אים אַ פּ י ל ו ניט אַ בים געטאָן קיין איין מאָל. ער האָט זי גענומען אונטער'ן אָרעם און אַוועקגעגאַנגען מיט איר אויפ'ן פאַרם.

2.

דער פאַרמער איז מיט נאַרדן געקומען אין אַ מאַראַנצן־גאָרטן. און דאָס ערשטע, וואָס נאַרד האָט דערזען, איז געווען רעי! ער איז געשטאַנען ביי אַ בוים, מיט אַ שיינעם האַלזבאַנד אויפ'ן האַלז און צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער קייט צום בוים. רעי האָט אויסגעזען גאַנץ פריילאַך, נאָר איין פיסל האָט ער געהאַלטן אין דער לופטן; קענטיק, ער האָט פאַרזוכט די פאַסטקע, אַזוי ווי זיין פריינדן. באַלד האָט דער פאַרמער געשענקט נאַרדן אַ שיינעם האַלזבאַנד און צוגעבונדן זי צו דעם זעלבן בוים, וואָס רעיען.

די פריינד זיינען צוגעגאַנגען איינער צום אַנדערן, און רעי האָט געפרעגט:

— ביסטו געגאַנגען זוכן מיך?

— יע, און איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ פאַסטקע.

— מיט מיר האָט אויך געטראָפן דאָס זעלבע. — האָט רעי מיט אַ קרעכץ געזאָגט, אויפהייבנדיק זיין קראַנק פיסל.

— יאָ, ווען דו וואָלסט ניט געמאַכט קיין ס ו ד פון דער גאַנ־צער זאַך, — האָט נאַרד אויפגעוואָרפן איר פריינד, — ווען דו וואָלסט מיר אויך דערציילט וועגן דער פאַרם, וואָלטן מיר געגאַנגען צוזאַמען און עס וואָלט מיט אונז דעמאָלט, קאָן זיין, דאָס אומגליק ניט גע־טראָפן. כ'ווייס, דו האָסט געוואָלט די הינדלאַך אַליין אויפעסן, יאָ, יאָ!

— האָסטו אַ בים געטאָן דעם מאַן, וואָס האָט דיך געכאַפּט?—
האָט רעי זי איבערגעשלאָגן. ער האָט, קענטיק, געוואָלט ענדערן
די טעמע פון זייער געשפּרעך.

— ניין. — האָט נאַרד געענטפערט.

רעי און נאַרד זיינען ביידע צורעשט געוועזן זייער ווילד. אָבער
מיט יעדן טאָג זיינען זיי געוואָרן צאַמער, און זיי האָבן קיינמאָל
אפילו נישט געפּרובירט צו בייסן זייער באַלעבאָסטע. זיי האָבן גע־
געסן פון איר האַנט און געלאָזן זי גלעטן און באַרשטן זייער גלאַטע
ווייכהאַריקע פעל.

מיט יעדן טאָג זיינען די פּיקסלאַך געוואָרן פעטער. דאָך
פלעגט מען אָפט קענען זען, ווי זיי שטייען מיט זייערע אויערן אָנ־
געשפּיצט אין דער זייט פונ׳ם קליינעם טייכל, וואָס האָט געפּליסט
דערביי; דאָס האָבן זיי זיך, קענטיק, צוגעהערט צום ריזלען און
פליסן פונ׳ם וואַסער, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון זייער היים אויף
די בערג.

געוויינטלאַך פלעגט מען זיי אויף בייַנאַכט אַרייַנגעמען אין
שטאַל. איינמאָל אָבער האָט מען זיי פאַרגעסן אַרייַנצונעמען. איז
געקומען אַ סטעפּ־וואָלף, און ער וואָלט פון זיי זיכער געמאַכט פאַר
זיך אַ וועטשערע. האָבן אים אָבער די פּיקסלאַך שיין אָפּגעטאָן.
זיי האָבן ביידע אַרויפגעקלעטערט, שפּרינגענדיק פון צווייַגל אויף
צווייַגל, אויפ׳ן שפּיץ פון בוים. דער וואָלף האָט בלויז געקאָנט
שטעלן זיך אויף זייַנע הינטערשטע פיס און בילן אַזוי הויך, ווי ער
האָט געקאָנט. אָבער קיין שלעכטס האָט ער זיי נישט געקאָנט טאָן.

3.

ווען ביי די פּיקסלאַך האָבן זיך פאַרהיילט זייערע פיסלאַך, זיי־
נען זיי געוואָרן אמת פריילאַכע חברה. און שיין זיינען זיי אויך
זייער געווען. האָבן זייערע באַלעבאַטים באַשלאָסן אַראָפּצונעמען פון
זיי אַ בילד און זיי האָבן גערופן אַ פאָטאָגראַפער.

דאָס איז אָבער געווען ניט אַזוי לײַכט. מען האָט ארויפגעזעצט די פיקסלאַך אויפ'ן שטאַקעט פון ווערַאנדע, אָבער זײ האָבן



ניט געוואָלט קוקן, וואוהין מען דאַרף. עטלאַכע דערוואַקסענע און קינדער האָבן דורך קלאַפּן און טומלען זיך געפלײַסט צוצוציען זײער אויפמערקזאַמקײַט, אָבער גראָד אין דער מינוט, ווען דער פאָטאָגראַפער איז געווען גרײט אַראָפּצוכאַפּן זײ, האָט רעי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און יאַרד האָט אים נאָכגעטאָן. ענדלאַך האָט דער פאָטאָגראַפער אַלײן אָנגעהויבן נאָכצומאַכן דאָס בילן פון הינט און דאָס מיאַוקען פון קעץ און דאָס בילן און וואָיען און רעווען פון אַנדערע ח י ו ת; די באַלעבאָסטע האָט אומגעפאָכעט מיט אַ גרויסן ווײַסן טוך און דער באַלעבאָס — מיט אַ בײַטש. צווישן אַש דעם גאַנצן טומל האָבן רעי און נאַרד אויפגעהויבן זײערע קעפּ און אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון פאָטאָגראַפער. די קאַמערע האָט אַ קלאַפּ געטאָן און אַראָפּגענומען דאָס בילד פון די בײדע פיקסלאַך.

אינגיכן איז רעי אַנטלאָפן געוואָרן. צי ער האָט זיך דערשראָקן בײַם פאָטאָגראַפירן אים, צי עס האָט זיך אים שוין צו שטאַרק פאַרבענקט נאָך דער הײם, — דאָס ווײס קײנער ניט. נאָר אײנמאָל אַ פרימאָרגן איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן. און אינגיכן האָט אים נאַרד נאָכגעטאָן און איז אויך אַנטלאָפן געוואָרן.

פּ. ריגדער.

דער לייב און דער מענש.

אַמאָל איז אַ קנעכט אַנטלאָפֿן פֿון זיין האַר, ווייל דער האַר האָט זיך מיט אים זייער שלעכט באַגאַנגען. אין אַ צייט אַרום האָט מען דעם קנעכט געפֿאַנגען. מען האָט אים גע׳משפּט און צוגע־פּסק׳נט אַרויפֿלאָזן אים אין אַ צירק אויף דער אַרענע, וואו אַ לייב זאָל אים צערייסן.

אַ גרויסער עולם מענשן האָט זיך צונויפֿגעקליבן אין צירק, צוזען די שטראָף פֿונ׳ם קנעכט. מען האָט דעם קנעכט אַרויפֿגעלאָזן אויף דער אַרענע. באַלד נאָכדעם האָט מען פֿון אַן אייזערנער שטייג אַרויסגעלאָזן אַ גרויסן לייב, וואָס מען האָט פֿריער דריי טעג נאָכ־אַנאַנד געלאָזט הונגערן.

מיט אַ שרעקלאַכן כּעס האָט זיך די הונגעריקע חיה אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן פֿאַר׳משפּט׳ן און גענומען ברומען. פֿון זיין ברומען האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן די ווענט פֿון צירק.

נאָר פּלוצלונג האָט זיך דער לייב אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען ציען אין זיך דעם אָטעם, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַרום־שמעקן דעם קנעכט, און האָט גענומען שלאָגן זיך אַליין מיט׳ן עק און שפּרינגען אַרום דעם פֿאַר׳משפּט׳ן.

אַלע צוזעער זיינען אָפּגעשטאַרבן. אַלע האָבן זיך געריכט, אַז אָט, אָט וועט די בייזע, ווילדע חיה מיט איין קלאַפּ פֿון איר לאַפּע אַ שליידער טאָן דעם פֿאַר׳משפּט׳ן אויף דער ערד און אים פֿאַרצוקן.

נאָר ווי גרויס איז געווען אַלעמענס וואונדער, ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער לייב האָט גענומען לעקן די האַנט ביים מענשן, ווי אַ הונט לעקט די האַנט ביי זיין באַלעבאָס.

דער פֿאַר׳משפּט׳ער האָט צוערשט גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַ־נען; ער איז געווען אין טויט־שרעק. נאָר בּיסלאַכווייז איז ער גע־קומען צו זיך. און ווען דער לייב האָט זיך נאָך אַלץ געטוליעט צו אים, האָט ער אָנגעהויבן צו גלעטן מיט זיין האַנט דעם קעניג פֿון דער וויסטעניש.

דער פֿאַרוואונדערטער עולם האָט אָנגעהויבן שרייען: „זאָל

מען דעם מענשן מוחל זיין!" מען האט אים מוחל געווען. און ווען מען האט אים גענומען פאנאנדערפרעגן, האט ער דערציילט אזא געשיכטע:

„ווען איך בין אנטלאפן פון מיין באלעבאס, איז מיר אויסגעקומען צו גיין דורך א ווּסטעניש. דער הייסער זאמד האט מיר געברענט די פיס; די זון האט מיך געבראטן אן רחמנות. און ארום איז ניט געווען ניט קיין וואסער, ניט קיין ביימעלע, ניט קיין גרעזל. אומעטום איז נאר געווען זאמד און שטיינער. איך בין שרעקלאך מיד געווארן. לסוף האב איך דערזען א הייל; בין איך אריין אהין און בין גלייך איינגעשלאפן.

אויפגעכאפט האב איך זיך פון א שרעקלאך ברומען; דאס האט געברומט א לייב. ער איז געשטאנען ביים אריינגאנג פון הייל, זיין לאפע איז געווען פארבלוטיקט. ער איז צוגעגאנגען צו מיר. איך בין אפגעשטארבן פאר שרעק. נאר דער לייב האט אויפגעהויבן זיין פארבלוטיקטע לאפע און האט זי אויסגעצויגן צו מיר, אזוי ווי ער וואלט ביי מיר געבעטן הילף. איך האב דערזען ביי אים אין לאפע אריינגעשטאכן א גרויסן דארן, איך האב גענומען זיין לאפע אין מיינע הענט און ארויסגענומען דעם דארן. דערנאך האב איך אפגעריסן א שטיק לייוונט פון מיין העמד און ארומגעבונדן די וואונד. דער לייב האט ארויפגעלייגט זיין קאפ אויף מיין האנט און איז אנטשלאפן געווארן.

פון דעמאלט אן האבן מיר געוואוינט צוזאמען. דער לייב פלעגט ברענגען פלייש, איך פלעג עס בראטן אויף דער זון און עסן. אז איך פלעג אוועקגיין פון הייל, פלעגט דער לייב בענקען נאך מיר און מיך אויפזוכן.

נאר איך האב זיך פארבענקט נאך מענשן און בין אוועק פון דעם לייב. אין א צייט ארום האט מען מיך געכאפט און פאר'משפט צום טויט. דעם לייב האט מען, קענטיק, דערווייל אויך געפאנגען. און איצט א האבן מיר זיך צום ערשטן מאל ווידער באגעגנט נאך אונזער לאנגער צעשיידונג, און מיר האבן איינער דעם אנדערן דערקענט.

אלט מעשה'לע.

דער האָז און דער לייב.

פּערזאָנען: לייב, הירשן, העלפאַנד, קעמל, פוקס, העזל און אַנדערע באַשעפענישן.

ערשטע סצענע. — (אין וואַלד.)

הירשן: גרויסער, בראַווער לייב! גיב מיר אָפּ מײַן הירשעלען.

לייב: איך וועל ניט אָפּגעבן. הירשעלע איז מײַנס.

הירשן: אַ, גרויסער לייב! דאָס איז מײַן אייִנציק קינד. איך בעט דיך, גיב מיר אים אָפּ צוריק.

דער לייב: אַ לייב גיט ניט אָפּ צוריק דאָס, וואָס ער האָט איינמאָל אַרײַנגענומען אין זײַנע הענט. טרעט אָפּ, אַז ניט וועל איך דיך אויפעסן!

צווייטע סצענע. — (אין אַן אַנדער פּלאַץ אין וואַלד.)

הירשן (צו די באַשעפענישן אַרום): ליבע פרײַנד! קענט איר מיר פּילײַכט העלפן? דער לייב האָט צוגענומען מײַן זונעלע, דעם אייִנציקן, וואָס איך האָב געהאַט.

ה ע ל פ א נ ד : עס פארדריסט מיך, אבער איך קען דיר ניט העלפן. דער לייב איז דער קיניג פון וואלד. ער נעמט, וואס ער וויל, און ער האלט, וואס ער וויל.

ה י ר ש ן : פיליכט קענסטו, קעמל, מיר העלפן? דו ביסט אלעמאל גוטהארציק און איידל.

ד ע ר ק ע מ ל : דער לייב איז באגאנגען אן אומרעכט, ווען ער האט צוגענומען דיין זון. יא, ער איז באגאנגען א גוואלדיק אומרעכט; אבער איך קען דיר ניט העלפן.

ה י ר ש ן : איך האף, פיקסל, אז דו וועסט מיר העלפן.

פ ו ק ס : ש! ש! איך שרעק זיך אליין פאר'ן לייב. מיר זיינען קיינמאל ניט געווען קיין איבעריק גוטע פריינד, נאר איך וואלט דיר זייער געוואלט העלפן מיט עפעס. ווארט אויס, דוכט מיר, איך האב א פלאן. יא. גיי צו העזלען. ער איז א קליינינקער, אבער דערפאר א קלוגער יונג און א דרייסטער דערצו.

ה י ר ש ן : זאגסט — ער איז קלוג?

פ ו ק ס : יא, ער איז קלוג.

ה י ר ש ן : און ער איז אויך דרייסט?

פ ו ק ס : יא, ער איז אויך דרייסט.

ה י ר ש ן : וועל איך טאקע גלייך צוגיין צו אים.

ד ר י ט ע ס צ ע נ ע. — (פאר העזלס נארע.)

ה ע ז ל : גוט מארגן, מוטער הירש! וואס האט דיך גע־בראכט אהער?

ה י ר ש ן : טייערער העזל! דער שלעכטער לייב האט צוגעכאפט מיין קליין זונעלע און וויל מיר אים צוריק ניט אפגעבן. איך האב דא אין וואלד שוין אלעמען געבעטן העלפן מיר, אבער קיינער פון זיי איז ניט דרייסט גענוג דאס צו טאן.

ה ע ז ל : און דער העלפאנד, און דער קעמל, און דער פוקס — זיי אויך ניט?

הירשן: קיין איינער ניט פון זיי. איך האב זיי אלעמען געבעטן. זיי זאגן אלע, אז זיי פארדריסט. נאר מיר דוכט, אז זיי אלע שרעקן זיך גוואלדיק פאר'ן לייב.

העזל: אבער וואס ביסטו געקומען צו מיר? איך בין דאך אזא קליין באשעפעניש.

הירשן: דער פוקס האט מיר געזאגט, אז דו ביסט קלוג און דרייסט. ער האט מיר אויך געזאגט, אז דו וועסט מיר העלפן.

העזל (דערלאנגט א טראכט): גיי, זאג זיי אלעמען, זיי זאלן זיך צונויפקלייבן דא, פאר מיין נארע. מיר וועלן די זאך באטראכטן און זען, וואס מען קען טאן. (די הירשן גייט אוועק. העזל גראבט אויס א לאנגע היול אונטער דער ערד און קומט ארויס פון דער צווייטער זייט הינטער א שטרויך).

פערטע סצענע. — (פאר דער נארע.)

(העזל און די אנדערע וואלד-באשעפענישן. דער לייב שטייט פון דערווייטנס און קוקט, אבער נאר דער העלפאנד און דער קעמל האבן אים באמערקט).

העזל: העלפאנד! ווי דענקסטו? דארף דער לייב האלטן הירשעלען?

העלפאנד: דער לייב איז דער קיניג פון וואלד; ער דארף און וועט האלטן הירשעלען.

העזל: און דו, קעמל, וואס זאגסטו?

קעמל: וויי איז מיר! וואס קאן איך זאגן? עס איז ניט ריכטיק פון זיין זייט. אבער איך בין זיכער, אז ער וועט האלטן הירשעלען.

העזל: א, ווי דו ציטערסט, פוקס! וואס איז דיין מיי-נונג?

פוקס (דערזעט דעם לייב): איך ציטער דען? ניין, יא, ניין, יא, יא. איך דענק, ער דארף האלטן הירשעלען.

העזל (הויך): דער לייב טאר ניט האלטן הירשעלען! דער לייב איז א געמיינער גנב!

(דער לײב טוט אויף אים אַ שפּרונג. העזל טוט זיך אַ לאָז אין הײל אַרײַן).

לײב (קוקט אַרײַן אין נאָרע): איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין הײל, פאַרשוואונדן. וואַרט, וואַרט! איך וועל זיך מיט אים אָפּרעכענען! איך וועל דאָ שטײן, ביז ער וועט אַרויסקומען. איך וועל דאָ באַדײַ שטײן און שטײן, ביז ער וועט בײַ מיר שטאַרבן פון הונגער.

פינפטע סצענע. — (אַן אַנדער פּלאַץ אין וואַלד.)

העזל: לויף, מוטער הירש, און נעם צו דײַן הירשעלען.

הירשן: וועט דער שלעכטער לײב ניט אונטערקומען?

העזל: אַ, נײן! ער שטײט בײַ מײַן נאָרע, און ער וועט דאָרט שטײן, ביז איך וועל אַרויס. האַ, האַ, האַ! ער וועט אַלײן שטאַרבן פון הונגער, אויב ער וועט וואַרטן ביז דאַמאָלסט.

(הירשן לויפט צונעמען איר הירשעלע. בײדע פאַרשווינדן אין וואַלד).

פון ענגליש.

דער העלדישער האָז.

קורץ־עק איז געבאָרן געוואָרן טיף אין דעם געדיכטן וואַלד; זיין ווײַדל איז געווען אַזוי קליין, אַז ער האָט זיך קוים אַרויסגעזען; האָט אים קרום־אויג, זיין מאַמע, דערפאַר גערופן קורץ־עק.

פונ׳ם געבאָרן־טאָג אָן האָט קורץ־עק פאַר אַלץ מורא געהאַט. טוט אַ קנאַק אַ טרוקן צווײַגל אונטער׳ן פיסל, טוט אַ פלי אויף אַ פויגל, אָדער אַ קאָם שניי פאַלט פון בוים אַראָפּ, — האָט קורץ־עק שוין זיין האָזן־נשמה אין די פיסלאַך.

שרעקט זיך קורץ־עק איין טאָג, שרעקט ער זיך צוויי, אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר. ער איז שוין אויסגעוואַקסן, אַ גרויסער בחור געוואָרן, און איז אַלץ שרעקעדיק. לסוף איז אים נמאס געוואָרן מורא צו האָבן.

— מער האָב איך פאַר קיינעם קיין מורא נית! — האָט איינמאָל קורץ־עק אויסגעשריען איבער׳ן וואַלד. — אפילו אויף אַ האָר נית. אויס מורא און גאָר!

האָבן זיך צונויפגעקליבן די אַלטע האָזן, געבראַכט אַלע יונגע העזלאַך; זיינען געקומען צו שלעפּן זיך די אַלטע העזיכעס, צעזעצט זיך אין אַ קרײַז אויף אַ לאָנקע אין מיטן וואַלד און הערן, ווי קורץ־עק באַרימט זיך; הערן און גלויבן נית זייערע אויערן: ס׳האָט נאָך נית געטראָפן, אַז אַ האָז זאָל פאַר קיינעם קיין מורא נית האָבן.

— העי, קורץ־עק, און פאַר אַ וואָלף האָסטו אויך קיין מורא נית?

— זיכער נית, פאַר׳ן פוקס אוודאי נית, אפילו פאַר׳ן בער נית, פאַר קיינעם נית.

דאָס האָט אויסגעזען אַזוי קאָמיש, אַזוי לעכערלאַך, אַז די פאַרזאַמלטע האָבן זיך מער נית געקענט איינהאַלטן, און אַ שטאַרקער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן: עס לאַכן פאַרשייט די יונגאַטשעס און קלאַפּן זיך מיט די לאַפּקעס אין די מאָרדעטשקעס; עס טרייסלען זיך פון געלעכטער די גרויס־בײַכיקע באָבעס, אפילו די זיידעס־האָזן, וואָס האָבן אויף זייער לײַב געטראָגן די שפּורן ווער פונ׳ם פיקסלס

נעגל און ווער פונ'ם וואָלפס ציינער, אפילו זיי האָבן זיך ניט גע־קענט איינהאַלטן פון אַ שמייכל.

— אָך, ס'אַרא קאָמישער האָז! אָך, ס'אַרא נאַרישער קורץ־עק!

און פּלוצלונג איז אַלעמען אַזוי פריילאַך געוואָרן! ווער עס קוליעט זיך אין שניי, ווער עס שפּרינגט, אַנדערע טאַנצן, — ממש משוגע געוואָרן. און קורץ־עק ווילדעוועט מער פון אַלעמען און ווי אַן עכטער כוואַט שרייט ער אוים אויפ'ן גאַנצן וואַלד:

— וואָס זאָל מען דאָ אַ פּולע ברייען, — זאָל זיך נאָר דער וואָלף באַווייזן, וועל איך אים גלייך דערווערגן און אויפעסן!...

— אָך, ס'אַרא נאַרישער האָז! אָך, ס'אַרא נאַרישער! — לאַכן אַלע.

פּלוצלונג, אין רעכטן מיטן פריייד, אַהאַ! — רב וועלפל איז דאָ.

געגאַנגען איז ער איבער'ן וואַלד נאָך זיינע וועלפישע גע־שעפטן, האָט זיך אַביסל פאַרזאַמט, דערפילט דעם הונגער, און ווי נאָר ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „ס'וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען אַ נאַש טאָן אַ שטיקל האָזן־פלייש" — האָט ער דערהערט די האָזן שרייען, רעש'ן און טאַקע וועגן אים, וועגן רב וועלפלען אַליין. גלייך גיט ער זיך אַ שטעל אָפּ, אַ צי מיט דער נאָז און אויף די שפּיצן פינגער גענומען גנב'ענען זיך צו די העזלאַך. אָט זעט ער שוין די גאַנצע חברה, אָט הערט ער, ווי זיי שפּאָטן פון אים, איבערהויפּט איינער מער ווי אַלע.

— וואַרט אַקאָרשט, ברודערל, אָט באַלד וועל איך דיך אַ פּראָווו טאָן אונטער מיינע ציין! — און האָט אָנגעהויבן אויסקוקן, ווער איז דאָס דער העלד, וואָס באַרימט זיך אַזוי.

די האָזן באַמערקן גאָר ניט זייער מלאך־המות און פרייען זיך אַלץ מער און מער. פּלוצלונג שפּרינגט קורץ־עק אַרויף אויף אַ פּיען, שטעלט זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס און רופט אוים אויפ'ן קול:

— העי, טרוסן, קוקט אַהער אויף מיר, איך וועל אייך גלייך וויזן אַזאַ קונץ, אַזאַ...אַ...

קורץ־עק איז פלוצלונג געוואָרן שטום, זײַנע אויגן שפּאַרן פון שטערן אַרויס, די הויט ציטערט אויף אים. — ער האָט דערזען דעם וואָלף.

ווײַטער האָט פּאַסירט עפּעס אויסערגעוויינלאַכס.

קורץ־עק האָט ווי אַ גרויסע פּילקע אַ שפּרונג געטאָן אין דער הייך, ווי אַ באָמבע אַראָפּגעפאַלן גלײַך דעם וואָלף אין קאָפּ אַרײַן, ווי אַ קויל זיך איבערגעקוליעט איבער דער גאַנצער לענג פון וואָלפס רוקען, זיך אַ דריי געטאָן אין דער לופטן און איז אַוועקגעפלויגן ווי אַ פײַל פון בויגן. געלאָפן און געלאָפן ביז ער איז אָן כוחות גע־בליבן, איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ גריבל אונטער אַ שטרויך, אויסגע־צויגן זיך און אַזוי געבליבן ליגן אַ פּאָר חלש'טער.

און דער וואָלף? ער האָט זיך ווי אַ וויכער געטראָגן אין דער אַנדער זײַט. אַז דער האָז האָט פון דער הייך אויף אים אַ פאַל גע־טאָן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מען האָט עס אין אים פון אַ ביקס אויסגעשאָסן און ער איז אַנטלאָפן, וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט.

די איבעריקע העזלאַך האָבן זיך אַזוי צעשראָקן, אַז זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט ניט געקענט קומען צו זיך, און אַ לאַנגע צײַט זײַנען זיי געלעגן אין די לעכער, וואוהין יעדערער איז פון שרעק פאַרקראָכן. שוין גאַנץ שפּעט האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַווײַזן זיך פון זייערע באַ־העלטענישן און האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט אויף דער לאָנקע אַרום דעם פּיען.

— אי, האָט ער דעם וואָלף דערשראָקן! אַ כוואַט אונזער קורץ־עק, אַ העלד! — האָבן די העזלאַך געלויבט זייער חבר. אָבער וואו איז ער, אונזער כוואַטסקער האָז? אפשר האָט אים אַן אַנדער וואָלף געפּאַקט? און חברה האָט זיך צעלאָזן איבער'ן וואַלד זוכן דעם העלד פון טאָג. געזוכט און גענישטערט און געפונען. קורץ־עק איז קוים אַ לעבעדיקער געלעגן אין גריבל אונטער'ן שטרויך.

— בראַוואָ, קורץ־עק! — האָבן די האָזן אויסגעשריען אין איין קול. — אי, האָסטו אָנגעשראָקן דעם וואָלף! אַ דאַנק, ברודערקע! דו האָסט דאָך אונז פון טויט געראַטעוועט. און מיר האָבן געמיינט, אַז דו מאַכסט נאָר קוראַזש.

קורץ-עק האָט זיך מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן, אָפּגעטרייסלט זיך, אַ וואונק געטאָן מיט איין אייגל און אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? אַך, טרוסן!...

פון דעמאָלט אָן האָט קורץ-עק אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז אין דער אמת'ן אַ העלד, און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט.

מאַמין סיביריאַק.

דער האָז און דער וואָזיק.

אינדערפרי; אין'ם פאַרמערס קרויט-גאָרטן. דער וואָזיק און די וואָזיכע גייען אום איבער'ן גאָרטן.

דער וואָזיק: פיינע קרויט אויסגעוואַקסן. עס וועט זיין גענוג צום עסן אויף אַ גאַנצן זומער.

די וואָזיכע: יאָ, אויב נאָר די האָזן וועלן אונז לאָזן עסן.

דער וואָזיק: פאַר וואָס ניט? עס איז פאַראַן גענוג פאַר אונז פאַר אַלעמען: פאַר די וואָזיקעס, פאַר די האָזן און פאַר דעם פאַרמער.

די וואָזיכע: ווען די האָזן וואָלטן נאָר אויך אַזוי דענקען, ווי דו!

דער וואָזיק: מיר וועלן זיי לאָזן צורו, ווי מיר טוען אַלע-מאָל.

די וואָזיכע: צי וועלן אָבער די האָזן אונז לאָזן צורו? נעכטן זיינען זיי געקומען אַהער, ווען איך האָב דאָ געגעסן, און זיי האָבן מיך אָנגערופן מיט די מיאוס'סטע נעמען: „קורצפיסלער", „שליאַפּוכע".

די וואָזיכע: דאָס איז טאַקע איינער פון די, וואָס איז דאָ נעכטן געווען. איך וועל זיך באַהאַלטן, ביז ער וועט דורכגיין.

(זי באַהאַלט זיך צווישן די קרויט. עס קומט אָן דער האָז).

דער וואָזיק: גוט מאָרגן, הער האָז!

דער האָז: וואָס רעדסטו צו מיר?

דער וואָזיק: איך רעד אַלעמאָל מיט מײַנע שכנים.

דער האָז: גײַ רעד מיט דײַנע קרובים. איך האַלט זיך פאַר צו הויך צו רעדן מיט אַ וואָזיק.

דער וואָזיק: אָבער וואָס איז דער מער?

דער האָז: גאָר פשוט. גיב נאָר אַ קוק אויף דײַנע מיאוס'ע קורצע פיסלאַך.

דער וואָזיק: זײ זײַנען גאָר ניט ערגער פאַר דײַנע. אויב דו ווילסט, לאָמיר זיך וועטן, ווער פון אונז וועט בעסער לויפן.

דער האָז: האַ, האַ, האַ! ביסט משוגע געוואָרן?

דער וואָזיק: איך בין גאָר ניט משוגע. לאָמיר אָנ-הייבן לויפן אָט דאָ אין דער באַראָזנע און מיר וועלן זען, ווער וועט פריער קומען צולויפן אָט צו יענעם צוים.

דער האָז: האַ, האַ, האַ!... לויפן איז לויפן. נאָר ביז דו וועסט זיך דאָ אויסקלײַבן, וועל איך נאָך צולויפן צום קוואַל און אָנ-טרינקען זיך און צוריק קומען.

(דער האָז לויפט אַוועק).

די וואָזיכע: (קומט אַרויס, זי זאָגט): איך האָב געהערט, וואָס דו האָסט גערעדט מיט'ן האָז. דו ביסט אפנים משוגע געוואָרן. ווי וועסטו דאָס לויפן אין געוועט מיט'ן האָז?

דער וואָזיק: וועסט שוין זען. גײ נאָר אַהין אין דעם צווייטן עק פון דער באַראָזנע. דער האָז וועט לויפן, און ווען ער וועט קומען אַהין, זאָלסטו זאָגן: „איך בין שוין דאָ“.

די וואָזיכע: קלוג, מײַסטעריש! ער וועט מיינען, אַז דו ביסט דאָס! האָסט אפילו קורצע פיס, מײַן מאַנעלע, אָבער דער-פאַר לאַנגן שכל.

(זי גייט איבער צום צווייטן עק פון דער באַראָזנע. דער וואָ-זיק שטעלט זיך בײַ דעם עק. עס קומט דער האָז).

דער האָז: ביסט פאַרטיק? קאָנען מיר לויפן?

דער וואָזיק: יאָ.

דער האַז: אײנס, צװײ, דרײַ, לויף!

(דער האַז לויפט שנעל. דער װאָזיק בלײַבט זיצן. דער האַז קומט צום צװײטן עק פון באַראָזנע. די װאָזיכע הײבט אויף איר קאָפ און זאָגט):

די װאָזיכע: איך בין שוין דאָ.

דער האַז: װאָס? װי קאָן דאָס זײַן? לאָמיר פּרואװן נאָך אַ מאָל. ביסט פּאַרטיק?

דער װאָזיק: פּאַרטיק.

דער האַז: אײנס, צװײ, דרײַ, לויף!

(דער האַז לויפט. די װאָזיכע בלײַבט אויף איר אָרט. דער האַז קומט צום צװײטן עק פון באַראָזנע. דער װאָזיק הײבט אויף זײַן קאָפ און זאָגט):



דער װאָזיק: איך בין שוין לאַנג דאָ.

דער האַז: װאָס איך הער? איך קאָן דאָס גאָר ניט באַנעמען. עפּעס אַ מאָדנע זאַך. מיר װעלן פּרואװן נאָך אַ מאָל.

דער װאָזיק: גײט עס. איך בין גרײט.

דער האַז: אײנס, צװײ, דרײַ, לויף!

(דער האַז לויפט נאָך שנעלער. װען ער קומט צום צװײטן עק פון באַראָזנע, הײבט די װאָזיכע אויף דעם קאָפּ און זאָגט):

די וואזיכע: וואס האסטו זיך אזוי פארשפעטיקט? איך בין שוין לאנג דא.

דער האז: ווי, דו ביסט שוין ווידער דא? עס קאן ניט זיין. מיר מוזן פרואוון נאך איין מאל. שטעל זיך: איינס, צוויי, דריי, לויף!

(דער האז לויפט מיט אלע כוחות. ער קומט צום צווייטן עק פון באראזנע א פארסאפעטער, א נאסער פון שווייס. דער וואזיק הייבט אויף דעם קאפ און זאגט):

דער וואזיק: פארוואס אזוי שפעט? איך בין שוין לאנג דא.

דער האז: שוין לאנג דא? א וואונדער!

דער וואזיק: ווילסט אפשר נאך א מאל פרואוון? איך בין גרייט.

דער האז: ניין, ניין. דו האסט געוואונען דאס געוועט, טייערער שכן, און איך וועל דיך בעטן, הער וואזיק, קומען צו מיר אמאל אין געסט. איך בין זייער צופרידן אויפצונעמען דיך.

דער וואזיק: און איך וועל מיט פרייד קומען צו דיר.

(דער האז גייט אפ א פארוואונדערטער. עס קומט אן די וואזיכע, זי זאגט א צופרידענע):

די וואזיכע: יא, יא, מיין מאנעלע! עס איז אמת, דו האסט קורצע פיס, אבער דערפאר לאנגן, זייער לאנגן שכל.

פון רוסיש.

צוויי מייז.

— „דו האָסט געהערט די נייעס,
וואָס האָט פאַרשפּרייט זיך ביי די מייז?“ —
האָט איבערראַשט געפרעגט איין מויז די צווייטע. —
„מען האָט געפונען דאָך די קאַץ אַ טויטע
אין נעגל ביי דעם לייב!“ — „ווי לייכטזיניק דו ביסט;“ —
האָט זי די צווייטע אָפּגעשטעלט אין מיטן וואָרט; —
„ניט גלויב און פרייז זיך ניט אומזיסט:
מען דאַרף פאַרשטיין,
אַז ווען ביי זיי זאָל צו די נעגל דאָרט דערגיין,
וועט שוין דער לייב ניט בלייבן לעבן;
ווייל שטאַרקער פאַר אַ קאַץ קען אויף דער וועלט ניט געבן“...

נחום יערוסאַלימטשיק.

די וועווערקעס.

ס'איז אָנהייב פרילינג. די פלינקע לוסטיקע וועווערקע, וואָס האָט פאַרבראַכט אַ שווערן לאַנגן ווינטער, האָט אַראָפּגעוואָרפן איר גרויען ווינטערדיקן פוטער און האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ לייכט, געל-רויט זומערדיק קלייד. אין אַ שיינעם פרילינג-מאָרגן האָט זי פאַר-ביסן מיט פרישע גרינע בלעטלאַך און האָט גענומען בויען אַ נעסט. און אין אַ קורצער צייט אַרום איז איר נעסט פאַרטיק געוואָרן — זייער אַ באַקוועמע ד י ר ה פאַר איר מיט די קינדערלאַך. דאָס איז געווען אַ הייזל, געמאַכט פון דינע טרוקענע צווייגעלאַך, כ מ ע ט אין סאַמע שפּיץ פון אַ הויכער סאָסנע, און אינווייניק האָט זי דאָס שטיבעלע אויסגעבעט מיט ווייכן מאָך, כ ד י די קינדערלאַך זאָל זיין ווייך און וואַרים.

מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער איז די װעװערקע געװאָרן אַ מוטער פֿון זעקס קלײנע קינדערלאַך, און זי האָט מיט גרױס ליבע גענומען זיך צו האָדעװען זײ. זעלטן װען זי פֿלעגט פֿאַרלאָזן איר נעסט. אַ ביסל נים האָט זי נאָך געהאַט אָנגעגרײט פֿון פֿאַר־אַ־יאָרן אין אַן אַלטער אױסגעהױלטער סאָסנע. און װען די נים זײַנען אױס־געגאַנגען, פֿלעגט זי זיך פֿלינק אַראָפּלאָזן פֿונ׳ם בױם אױף דער ערד, כאַפּן ערגעץ אַ גרינע יאַגעדע, אַ שװאָם און באַלד צוריק אַרױפֿ־קלעטערן אױפ׳ן בױם צו אירע קינדערלאַך.

אױפ׳ן אַכטן טאָג האָבן זיך בײַ די קלײנע װעװערקעלאַך גע־עפֿנט די אױגן; דאָך זײַנען זײ נאָך געװען שװאַך און הילפֿלאָז. ס׳איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ װאָך, און די קלײנע ח ב ר ה איז ניט גע־װען צו דערקענען: דאָס געל־רױטע פֿעלכעלע גלאַנצט, דאָס קעפּעלע מיט די שפּיציקע אױערן און שײנינקע קלוגע אײגעלאַך איז אַרױס־געשטעקט פֿון נעסט און קוקט זיך אַרום. װי שײן עס איז! אַ װעלט מיט גרינע, הױכע בײמער, גראָז און בלומען, און אױבן אַ בלױער הימל. די ציטעריקע מוטער אָבער לאָזט זײ נישט לאַנג אַרױסשטעקן די קעפּעלאַך, און בײַם מינדסטן גערױש פֿאַרטרײַבט זי זײ צוריק אין נעסט.

אײנמאָל, אין אַ שײנעם ליכטיקן זומערדיקן פֿאַרטאָג האָט די װעװערקע צום ערשטן מאָל אַרױסגעפֿירט אירע קינדערלאַך אױף אַ שפּאַציר איבער די בײמער. נאָר פֿריער האָט זי זײ אַרומגעקליבן אַרום זיך און געזאָגט:

— קינדערלאַך! קײן ח י ה אין דער װעלט האָט ניט ליב אַזױ שטאַרק די פֿרײַהײַט אין דעם שײנעם, גרינעם װאַלד, װי די װעװערקע. מיר האָבן אָבער זײער פֿיל ש ו נ א י ם, אונטן און אױבן, װאָס לױערן אױף אונזער לעבן. װער פֿון זײ טײט אונז און זעטיקט זיך אָן מיט אונזער בלוט; װער עס נעמט אונז אין געפֿאַנגענשאַפֿט און האַלט אונז פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטײַגל צוליב אַ שפּילאַכל. און דאָס איז פֿאַר אונז, װעװערקעס, נאָך ערגער פֿאַר׳ן טױט. מיר זײַנען דאָך שװאַך; האָבן ניט קײן שטאַרקע צײן און קײן שטאַרקע קראַלן, מיט װאָס צו פֿאַרטײדיקן זיך. די אײנציקע רעטונג אונזערע איז אונזער

פאַרזיכטיקייט און פלינקייט. דעריבער, קינדערלאַך, דאַרף מען שטענדיק זײַן פאַרזיכטיק, נישט אָוועקשפּרינגען ווײַט פון דער מאַמען, נישט אַראָפּלאָזן זיך אַלײן אויף דער ערד. און אַצונד, קינדערלאַך, װעלן מיר פּרוּאוון אַלע אַראָפּלאָזן זיך אויף דער ערד און פאַרזוכן רויטע יאַגעדעס; זײ זײַנען שוין צײַטיק".

די אַלטע האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן און געגעבן אַ צײַכן. באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד פלינק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. די אַלטע האָט צוגעפירט דאָס יונגוואַרג צום אָרט, וואו ס'האָבן געדיכט געוואַקסן רויטע יאַגעדעס, און דער ע ו ל ם האָט זיך געלאָזן וואויל גײן... אָנגעזעטיקט זיך, איז דער ע ו ל ם פלינק אַרויפגעשפּרונגען און אַרויפגעקלעטערט צוריק אויפ'ן בוים.

נישט ווײַט פון וואַלד, וואו די וועווערקע האָט געמאַכט איר נעסט, איז געשטאַנען אַן אײנזאַם פּויעריש הײַזל. אַביסל אָפּגערוקט פון הײַזל איז געווען אַ הינטיש בײַדל, אין וועלכן ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן דער בײזער הונט — בוריק. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זײַן צוגעבונדן אויף אַ קײט, און אַלע פאַרנאַכט פלעגט דער באַלעבאָס פון הײַזל אָפּלאָזן דעם הונט פון קײט. דעמאָלט פלעגט בוריק, ווי אַ משוגע'נער, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער רויטער צונג, נעמען לויפן איבער די אַרומיקע פעלדער און צום וואַלד. און ווי נאָר ער פלעגט אויפ'ן בוים דערזען אַ וועווערקע, פלעגט ער נעמען שפּרינגען אויפ'ן שטאַם פון בוים און בילן. די וועווערקע אָבער פלעגט אָוועקשפּרינגען אויף די נאָענטע בײמער. אַז אָך און ווײ אָבער איז געווען צו דער וועווערקע, וואָס האָט געגעבן אַן אומגעלומפּערטן שפּרונג און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד! גאַנץ אָפט פלעגט מען אין בוריקס בײַדל געפינען אַ צעריסענע, צעבלוטיקטע וועווערקע.

אײנמאָל, פאַרנאַכט, איז אײנע פון אונזערע יונגע וועווערקעס אומפאַרזיכטיק אַוועק פון נעסט און אומגעשפּרונגען פון בוים צו בוים. צײַטנווײַז פלעגט זי זיך אָפּשטעלן, אַראָפּרײַסן אַ שישקע און שפּרינגען ווײַטער. פּלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסן בוריק. אָט האָט ער דערזען די וועווערקע און האָט זיך מיט אימפּעט געלאָזט צום בוים. ער האָט גענומען הויך בילן און שפּרינגען אויפ'ן

שטאָם. די דערשראָקענע וועוועֶרקע האָט גענומען אַרומלויפן פון איין צווייַגל אויפ'ן צווייטן אַרויף און אַראָפּ. אָט איז זי אַ ווײַלע געבליבן זיצן רואיק. בוריק האָט ניט אויפגעהערט צו בילן און וואָרפן זיך. די וועוועֶרקע האָט געגעבן אַ האַסטיקן שפּרונג און... באַלד אַראָפּגע־פאַלן אויף דער ערד. אַ רגע — בוריק איז דאָ! אָט האַלט ער זי שוין אין די ציין און מיט אַן אויפגעהויבענעם עק לאָזט ער זיך לויפן פון וואַלד. ש. הורוויץ.

צוויי פייגעלאַך.

אין פרילינג זײַנען צו אונז אין גאָרטן געקומען צוויי גרויע פייגעלאַך. זיי זײַנען געקומען יעדערער באַזונדער. נאָר זיי האָבן זיך גיך באַפרײַנדט און גענומען צוזאַמען בויען אַ נעסט.

אין גאָרטן בײַ אונז איז געווען זייער שיין. די ביימער האָבן געבליט. זיי זײַנען געווען באַדעקט מיט ווײַסע בליטן. דאָס גראָז האָט זיך אַ הייב געטאָן. און פון צווישן גראָז האָבן אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּלאַך אַלערליי בלומען.

די בינען זײַנען אומגעפלויגן צווישן די בלומען, געזומט און געזויגט זייער האָניק.

און די זון האָט געשײַנט אויף אַלץ און געוואָרימט אַלץ און אַלעמען מיט אירע גאָלדענע שטראַלן.

ווען די נעסט איז געוואָרן פאַרטיק, האָט אײנס פון די פײ־געלאַך אָנגעהויבן זינגען. און עס האָט געזונגען אַזוי שײן, אַזוי האַרציק, אַז זײַן פרײַנד, דאָס צווײטע פײגעלע, האָט זיך ניט גע־קאָנט אײַנהאַלטן און אים געפרעגט:

— ווער האָט דאָס דיך אַרויסגערופן צום זינגען?

און דאָס פײגעלע האָט געענטפערט:

„די בלומען האָבן מיך אַרויסגערופן צום זינגען. און די בינען האָבן מיך אַרויסגערופן און דער ווינט, וואָס בלאָזט אין די בלעטער, און דו אַלײן.

„יעדעס מאָל, ווען דו ברענגסט אַ גרעזעלע אין נעסט, אָדער אַ האָר אָדער אַ פעדערל, ווילט זיך מיר אָנהײבן זינגען."

— און וועגן וואָס זינגסטו? — האָט אים זײַן פרײַנד ווידער געפרעגט.

„איך זינג וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט. איך זינג, ווײַל איך בין גליקלאַך."

דאָס צווײטע פײגעלע, די „זי", האָט אָנגעהויבן לײגן זיך. און אין גיכן זײַנען אין נעסט געלעגן פינף געשפּרענקלטע אײעלאַך. און די „זי"־פײגעלע האָט געזאָגט צו איר פרײַנד:

— דענקסטו, אַז עס זײַנען נאָך פאַראַן ערגעץ וואו אויף דער וועלט אַזעלכע שײנע אײעלאַך ווי מײַנע?"

און דער פרײַנד אירער האָט איר אויף דעם געענטפערט:

„זיכער ניט, מײַן טײַערע!" און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעזונגען.

אין צווײ וואָכן אַרום האָט די „זי"־פײגעלע באַמערקט צו איר פרײַנד:

— זע נאָר, וואָס זאָגסטו אויף דעם? אײנס פון די אײעלאַך באַוועגט זיך און עס פּיפּטשעט עפּעס אין דעם.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן צו באַוועגן אויך דאָס צווײטע אײעלע און דאָס דריטע און די איבעריקע צווײ, און עס זײַנען פון זײ אַרויס פינף קלײנטשינקע, הוילינקע פײגעלאַך.

דער טאַטע-פֿייגעלע איז איצט געזעסן בײַם ברעג נעסט און האָט געזונגען שענער און זיסער, ווי ווען עס איז פֿריער.

דער מאַמע-פֿייגעלע האָט זיך אויך געוואָלט זינגען; נאָר זי האָט ניט געהאַט קיין צײַט; זי איז געווען צו פיל פאַרנומען מיט איר אַרבעט אַרום אירע קלײנינקע קינדערלאַך.

די קליינוואַרג זײַנען געווען אַזוי הונגעריק, אַז ביידע — אי די מאַמע, אי דער טאַטע זייערער — האָבן געדאַרפט שווער האָרעווען — אַרומפליען און כאַפּן ווערימלאַך און זומער-פֿייגעלאַך, — זיי זאָלן האָבן גענוג צו עסן.

ווען דאָס קליינוואַרג פלעגט נאָר דערהערן דאָס פלאַטערן פון די פליגלען פון זייערע עלטערן אין די בלעטער, פלעגן זיך גלײַך זייערע פינף מײַלכלאַך מיט די געלע שנעבעלאַך ברייט צעעפענען. און דער טאַטע אָדער די מאַמע פלעגט צופליען און אַרײַנלייגן זיי אין די מײַלכלאַך דאָס עסן.

אָבער סײַ דער טאַטע, סײַ די מאַמע זײַנען געווען צופרידן.

„קאָן נאָך ווער זײַן גליקלאַכער פאַר אונז?“ — האָט דער טאַטע-פויגל געזאָגט צו דער מאַמע-פויגל. — „מיר וועלן דאָ, אויף דעם בוים לעבן שטענדיק; דאָ לעבט זיך גאָר אָן זאָרגן.“

די יונגע פֿייגעלאַך זײַנען באַלד גענוג אונטערגעוואַקסן, אַזוי אַז זיי האָבן שוין געקאָנט פליען.

וואָס פאַר אַ גליקלאַכע צײַט דאָס איז געווען! ביידע עלטערע פויגלען האָבן גערעדט און געשמועסט מיט די יונגע, זיי זאָלן זיך אָנהייבן לערנען פליען און ניט שרעקן זיך צו פאַרלאָזן די נעסט אויף אַ ווײַלע.

די יונגע האָבן זיך גוט געלערנט, און אין גאָר אַ קורצער צײַט האָבן זיי שוין געקאָנט האַלטן זיך אויף זייערע פליגלען און פליען אַרום דער נעסט.

אין גיכן האָט דאָס יונגוואַרג אַליין אָנגעהויבן פליען אין פעלד און אין וואַלד און זוכן פאַר זיך עסן. און זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען זייערע אייגענע לידער — לידער פון פרייד און פון יוגנט.

די אַלטע פויגלען זײַנען דעמאָלט געזעסן אײַנזאַם אויפ'ן בוים און געקוקט אײַנער אויפ'ן אַנדערן.

— „פאַרוואָס זינגסטו עפּעס ניט?" — האָט די מוטער-פויגל געפרעגט בײַ איר פרײַנד.

און דער פרײַנד אירער האָט איר געענטפערט:

„עס זינגט זיך מיר ניט. איך קאָן איצט גאָר ניט זינגען. איך קאָן נאָר דענקען און טראַכטן."

— „וועגן וואָס טראַכטסטו?"

„איך טראַכט וועגן דעם, אַז אַלצדינג ענדערט זיך. די בלעטער פון די בײַמער פאַלן אַרונטער, און עס וועט באַלד ניט זײַן קײַן דאַך איבער אונזער קאָפּ. די בלומען זײַנען אַלע פאַרשוואונדן געוואָרן. און לעצטע נאַכט איז געווען אַ פראָסט.

כ מ ע ט אַלע פויגלען זײַנען אַוועקגעפלויגן. עפּעס אַזעלכעס רופט מיך, און איך פיל אויך, ווי אויפהײבן זיך און אַוועקפליען ווײַט, ווײַט."

— טאָ לאָמיר אַוועקפליען צוזאַמען". — האָט די „זי" פאַרגעשלאָגן.

און בײדע פויגלען האָבן זיך אויפגעהויבן הויך, הויך אין דער לופטן. זײ האָבן געקוקט צו צ פ ו ן צו — און זײ האָבן דערזען פון דער ווײַטנס, ווי דער שנײ קומט אָן. און זײ האָבן אַ קוק געטאָן צו ד ר ו ם צו, און זײ האָבן דאָרט געזען גרינע בלעטער און בלומען.

און זײ האָבן זיך בײדע געלאָזן צו דעם לאַנד פון גרינס און פון בלומען. זײ זײַנען געפלויגן אַ גאַנצן טאָג; און זײ זײַנען געפלויגן אַ גאַנצע נאַכט. און זײ זײַנען נאָכדעם ווידער געפלויגן, ביז זײ זײַנען געקומען אין אַ לאַנד, וואו עס איז ניטאָ קײַן ווינטער.

די ערד איז דאָרט געווען באַדעקט מיט גראָז און מיט בלומען; די בײמער — מיט געדיכטע גרינע בלעטער. און פויגלען האָבן אומגעפלאַטערט צווישן די צווײַגן און געזונגען.

האָבן אונזערע פײגעלאַך זיך דאָרט אויך אָפּגעשטעלט און פאַרבליבן.

פון ענגליש.

דער שפּערלינג.

דו אַלײן נאַר, שפּערלינג גרױער,
דו פאַרלאָזסט נישט אונזער לאַנד,
טראָגסט מיט אונז דעם אומעט, טרױער,
אונזער נױט איז דיר באַקאַנט.

און דיך שרעקן נישט קײן שנײען,
נישט די קעלטן, נישט די פרעסט:
מעג דײַן לאַנד אַ שנײ פאַרװײען,
בלײַבסטו טרײַ דײַן אײגענער נעסט.

דו פאַרלאָזסט ניט דײַנע ברידער,
װען עס קומט אַ שװערע נױט,
און דו טרײסט מיט דײַנע לידער,
און דו טײלסט מיט זײ דײַן ברױט.

ש. י. לאַנדינסקי.

דער הײַפיש.

אויף אַ שיף האָט זיך אַמאָל געטראָפן אַן אומגליק: אַ קלײן מײדעלע האָט זיך אַריבערגעבױגן איבער׳ן ראַנט פון שיף און איז אַרײַנגעפאַלן אין ים אַרײַן.

אײן מאַטראָס האָט דערזען, װי דאָס מײדעלע איז אַרײַנגעפאַלן אין װאַסער. האָט ער זיך געװאָרפן עס ראַטעװען און אים האָט זיך אײַנגעגעבן עס צו געפינען.

דערװײַל איז די שיף אָפּגעשװאומען אַ רעכטן שטיק. װײַל מען האָט זי מיט אַמאָל ניט געקאָנט אָפּשטעלן. דער מאַטראָס האָט געדאַרפט דעם גאַנצן שטיק שװימען. ער איז שוין געװען ניט װײַט

פון דער שיף. פלוצים האָט עמיצער פון שיף אַ געשריי געטאָן: „אַ הײַפיש!“

אַ גרויסער שרעקלאַכער הײַפיש האָט זיך טאַקע באַוויזן פון די וועלן און האָט זיך מיט אַן אָפן מויל אַ לאָז געטאָן צום מאַטראָס. אויפ'ן שיף זײַנען אַלע פאַרשטײנערט געוואָרן פאַר שרעק; דער מאַטראָס און דאָס מײדעלע זײַנען געווען אין דער גרעסטער ס כ נ ה. נאָר אין דערזעלבער ר ג ע, ווען דער הײַפיש איז שוין גרייט געווען אָנצוכאַפּן דעם מענשן, האָט ווי אַ וואונדער געטראָפן: דער פיש האָט פלוצלונג אַ ציטער געטאָן, האָט זיך איבערגעקערט מיט'ן בויך אַרויף, און דאָס וואַסער אַרום האָט זיך באַפאַרבט מיט בלוט. עמיצער האָט דעם פיש פאַרוואונדעט.

— אַ, דאָס איז אונזער קלײנער מאַטראָס! — האָבן אַלע אויפ'ן שיף אויסגעשריען.

און אין דער א מ ת'ן איז דאָס געווען אַ אינגל, דער קלײנער זון פון דעם מאַטראָס, וועלכער האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען דאָס מײדעלע. זעענדיק, אַז זײַן טאַטע איז אין אַ ס כ נ ה, איז דער אינגל אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער, צוגעשוואומען צום פיש און האָט אים אַרײַנגעשטאָכן אין בויך אַרײַן אַ שאַרפן שפּיז.

דער פאַרוואונדעטער פיש האָט איצט צורו געלאָזן דעם טאַטן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום אינגל. דער אינגל האָט זיך גע־לאָזט שווימען; אָבער נישט צו דער שיף, נאָר פון דער שיף. אַלע האָבן צו אים געשריען: „צוריק, צוריק!“ נאָר ער האָט קײנעם נישט געהערט און געטאָן דאָס זײַניקע — געשוואומען אַלץ ווײַטער פון דער שיף. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק ערשט דאַן, ווען זײַן טאַטע איז שוין געווען אויפ'ן דעק פון שיף. ער איז געשוואומען צו דער שיף און האָט געשיקט אויסגעמיטן דעם הײַפיש. שוין בײַ דער שיף, האַלטנדיק זיך בײַ דער שטריק, וואָס מען האָט אים אַראָפּגע־וואָרפן, האָט ער נאָך אַמאָל אַ שטאָך געטאָן דעם הײַפיש.

אין עטלאַכע מינוט אַרום איז שוין דער אינגל געווען אויפ'ן דעק, און דער טאַטע האָט אים געהאַלזט און געקושט מיט טרערן אין די אויגן.

ל. טאָלסטאָי.

דאָס געוועט פון די ביימער.

1.

איינמאָל האָבן די ביימער און אַנדערע פלאַנצן זיך געוואָטן אין לויפן.

זייער ציל איז געווען אויפ'ן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג, אויבן אינגאַנצן באַדעקט מיט קלאָרן, פינקלענדיקן שניי.

האָבן אַלע פלאַנצן אַרויסגעצויגן זייערע וואָרצלען פון דער ערד. זיי האָבן זיך געשאָקלט, האָבן זיך געשטרויכלט, געפאַלן, ווי־דער אויפגעשטאַנען. און דאַן האָבן זיי זיך אַלע אויסגעשטעלט גלייך און גענומען לויפן.

יעדע פלאַנץ האָט זיך געפליסט און אָנגעשטרענגט צו לויפן אַזוי שנעל ווי מעגלאַך.

אַ היבש ביסל פון די פלאַנצן זיינען באַלד מיד געוואָרן און געבליבן שטיין ביים סאַמע אָנפאַנג פון באַרג. די אַנדערע זיינען געלאָפן ווייטער.

דער דעמב, וואָס איז געווען דער קיניג פון די ביימער, דער הערשער איבער'ן וואַלד, איז געלאָפן אַזוי שנעל, אַז אַלע האָבן גע־דענקט — ער וועט אויך ווערן דער קיניג פונ'ם באַרג. באַלד איז אָבער געוואָרן אַזוי קאַלט, אַז דער דעמב האָט ווייטער ניט געקאָנט לויפן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דער בוקסנבוים איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים אַרי־בערגעיאָגט. דער דעמב האָט אָפּגעקרעכצט; אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער איז ניט מער דער קיניג.

2.

אָבער דער בוקסנבוים האָט אויך ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די קעלט, וואָס העכער ער איז געלאָפן אויפ'ן באַרג. ער האָט אָנ־געהויבן צו ציטערן פאַר קעלט און האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

באַלד איז אָנגעקומען די בעריאָזע, זי האָט זיך אַ רוק געטאָן

פאַרוים אויפ'ן באַרג. אָבער אויך זי איז ניט לאַנג געלאָפן. זי האָט זיך אויך געמוזט אָפּשטעלן איבער דער קעלט.

באַלד האָבן זי אָנגעיאָגט און אַריבערגעיאָגט די יעגלע און דער טענענבוים. זיי זײַנען נאָך געלאָפן אַ ביסל העכער און האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און האָבן אויסגערופן:

— „מיר האָבן געוואונען דאָס געוועט! מיר האָבן אַריבער־געיאָגט אַלעמען אויף אַ גרויסער שטרעקע!"

אָבער אַזוי רײַדנדיק זײַנען זיי אויך פאַרפראָרן געוואָרן פון קעלט.

און ווען די יעגלע און דער טענענבוים האָבן זיך אָפּגעשטעלט, — ערשט אַ דין, דין פלאַנצונגל, וואָס זיי האָבן פריער גאָר ניט באַ־מערקט, איז זיך רואיק פאַרבײַגעגאַנגען און אַ לאַז געטאָן זיך צום סאַמע שפּיץ פונ'ם באַרג.

דאָרטן האָט עס אַרײַנגעלאָזן זײַנע וואָרצעלאַך אין דעם באַרג און דורכ'ן אײַז און שנײ אויפגעהויבן זײַן קאָפּ צו דער זון אַרויף.

דאָס איז געווען דער לישאַי. ער האָט געוואונען דאָס גע־וועט.

פון ענגליש.

דער טאָפּאָל.

ביי מיין פענסטער שטייט אַ טאָפּאָל,
ביז'ן הימל איז ער הויך.
וועלכע וואונדער ער דערזעט דאָרט,
וויים מיין האַרץ דערפון באַלד אויך.

אויפ'ן טאָפּאָל רוט אַ פויגל,
וויים ער לידער שיינע פיל;
זינגט דער פויגל... און אין האַרצן
זינגט ווער נאָך די לידער שטיל.

ווינטער פליט אַוועק דער פויגל,
און דער טאָפּאָל טרויעריק ווערט.
זינג איך דאַן אים יענעמס לידער,
שטייט דער טאָפּאָל שטיל און הערט.

ב. לאַפּין.

דאָס ליד פון ברויט.

פאַר די הענטלאַך אין די רינגען
קליינע שיינע קינדער זינגען:
— „גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פון די קליינע קינדערס וועגן!"
ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פּערל רעגן ריין
טריף-טראָף, טריף-טראָף הייבט אָן גיין.

נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
פריש צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן-זאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען;

הײבט אַ טױ אױף זײ אָן פֿאַלן,
װאַרימט זײ די זון מיט שטראַלן;
װערן פֿעלדער געל װי גאָלד,
פֿול מיט קאָרן, רײנעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
אײנס פֿון צװײטן שאַרפֿער, גרעסער,
שנײַדן שניטער, שנײַדן, זינגען,
אַזש די שאַרפֿע מעסער קלינגען,
אַזש די פֿעלדער װײַט פֿאַרשטאַרבן;
און דעם קאָרן אין די גאַרבן
לײגן זײ אין סקירדעס אױס,
ביז צום הימל הױך און גרױס.

נעמען פֿולע פֿורן פֿאָרן,
פֿורן פֿאָרן, פֿירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן אױסצומאָלן;
הײבן אָן די װינטן װײען,
און די מילן-פֿליגלען דרײען;
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פֿון דעם קאָרן װײַסע מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הײװן
און פֿאַרהײצט זײַן גרױסן אױװן;
ברענט דאָס פֿײַער, שײַטלאַך קנאַקן,
נעמט דאָס ברױט זיך בעסער באַקן.
קױפֿן מאַמעס ברױט דעם פֿרישן
און דערלאַנגען אױף די טישן;
עסן קינדער פֿרישן ברױט,
זײַנען זײ געזונט און רױט.

מאַני לײב.

די גריקע.

אפט, אז מיר גייען דורך נאך א שטורעם איבער א פעלד פון גריקע, באמערקן מיר, אז עפעס איז עס שווארץ געווארן, גלייך ווי א פייער וואלט איבער דעם איבערגעגאנגען. די פויערים זאגן אין אזעלכע פאלן: „דאס האט דער בליץ אפגעטאן“... נאר פאר וואס איז דער בליץ זיך גראד מיט דער גריקע אזוי באגאנגען? — וועגן דעם וועל איך אייך איבערגעבן דאס, וואס כ'האב געהערט פונ'ם שפערלינג; דער שפערלינג האט דאס געהערט פון אן אלטער ווערבע, וואס איז אויף א פעלד פון גריקע געשטאנען. און געווען איז די ווערבע דארט א הויכע און ב כ ב ו ד'יקע, נאר שוין אן אלטע און א קאליקע: זי איז אין מיטן צעשפאלטן געווען און אין די שפאלטן זיינען גראזן געוואקסן. האט זיך די ווערבע זייער נידעריק אויף פאר־זיך אויס־געבויגן, און אירע צווייגן, ווי די לאנגע האר ווי גרינע, האבן זיך ביז דער ערד כ מ ע ט אראפגעהאנגען.

אויף אלע פעלדער ארום זיינען נאך די ת ב ו א ו ת אין די זאנגען געשטאנען; ניט נאר דער קארן און דער גערשטן, נאר אויך דער האבער. — יא, דער גוטער האבער, וואס אז ער ווערט פארטיק, ווערט ער ענלאך צו א ס ך קאנאריקלאך, וואס האבן זיך אויף איין צווייגעלע אויסגעזעצט. אויף די ת ב ו א ו ת איז דאן א גרויס גערעטעניש געווען; און וואס פולער די זאנגען זיינען געווען, אלץ נידעריקער האבן זיי זיך מיט גוטן מוט און מיט שטילער ה כ נ ע ה אראפגעבויגן.

צווישן אלע פעלדער דארט איז אויך געווען א פעלד פון גריקע, טאקע דאס פעלד, אויף וועלכן די אלטע ווערבע איז געשטאנען. אבער די גריקע האט זיך ניט אראפגעבויגן, ווי אלע אנדערע ת ב ו א ו ת, נאר זי איז גלייך און שטאלץ געשטאנען.

— היפש בין איך אזוי, ווי די קארן־זאנגען, — האט זי גע־זאגט, — און נאך דערצו א ס ך שענער פון קארן; מיינע בליטן זיי־נען אזוי שיין, ווי די עפל־בליטן, א מ ח י ה צו קוקן אויף מיר און מיינע בלייכן! זאג נאר, ווערבע, האסט שוין אמאל געזען שענערס פון מיר?

די ווערבע האָט מיט׳ן קאָפּ געשאָקלט, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: נו, יאָ, געווים געזען... נאָר די גריקע האָט נאָך שטאָלצער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און געזאָגט: נאַרישער בוים! פון עלטער איז דאָך בײַ דיר שוין אויפ׳ן לײַב גראָז אויסגעוואַקסן.

און אָט האָט זיך אַ שטורעם אויפגעהויבן.

האָבן אַלע פעלד-בלימעלאַך די בלעטעלאַך צונויפגעוויקלט און, ביז דער שטורעם וועט זיך דורכטראָגן, די קעפּעלאַך אַראָפּגעבויגן. אַלע — נאָר די גריקע אַליין איז גלײַך און אויסגעצויגן געבליבן.

— בייג זיך אָן! — האָבן איר די בלימעלאַך געֹעֹצהֹט.

— ס׳ניט נייטיק. — האָט געענטפערט שטאָלץ די גריקע.

— בייג אָן דעם קאָפּ, ווי אַלע מיר! — האָבן איר אויך אַלע תבואה-זאַנגען געזאָגט. — אָט פליט דער שטורעם דורך! ער וועט דיך דערשלאָגן, אײדער נאָך דו וועסט בײַ אים באַוויזן רחמים בעטן.

— כ׳וועל זיך נישט בייגן, — האָט געענטפערט די גריקע, — און זאָל זײַן, וואָס ס׳וועט זײַן!

— פאַרדעק די בלימעלאַך און לאָז אַראָפּ די בלעטעלאַך! — האָט געזאָגט די אַלטע ווערבע. — קוק ניט צו די בליצן אַרויף, ווען זיי שנײַדן דאָרט דורך די וואָלקנס... אפילו מענשן דערלויבן זיך עס ניט, וואָרים דער בליץ עפנט דעם הימל אויף, און יענע מראה קאָן אפילו דעם מענשן דערשלאָגן, בפרט אונז, געוויקסן, וואָס מיר שטייען אַ סך נידעריקער פונ׳ם מענשן.

— נידעריקער פון דעם מענשן! — האָט געזאָגט די גריקע. — וועל איך אויף צו להכעיס אין הימל אַרײַנקוקן. — און זי האָט שטאָלץ דעם קאָפּ אויפגעהויבן. האָט דער בליץ אַזאַ ציק און אַ צינד געטאָן, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך אין אַ העליש פײַער אָנגעצונדן.

און אַז דער שטורעם איז אַריבער, זײַנען אַלע פעלד-בלומען און תבואות דערפרישטע אויף דער שטילער, ריינער לופט געשטאַנען. און די גריקע האָט דער בליץ פאַרברענט, און זי איז שוואַרץ ווי קויל, טויט און דערשלאָגן, דאַר און איבעריק אויף איר פעלד געלעגן. און די אַלטע ווערבע האָט זיך מיט אירע צווײַגן אַ ריר גע-

טאָן, און פון אירע בלעטלאך האָבן היפשע טראָפּנס וואַסער אַראָפּ־געקאַפּעט. ס'האָט אויסגעזען, ווי דער בוים האָט טרערן פאַרגאָסן. האָבן ביי איר די שפּערלינגען געפרעגט:

— וואָס וויינסטו, אַלטע ווערבע? זע נאָר, וואָס פאַר אַ גוטס דאָ איז! די זון שיינט, די וואָלקנס גייען אַריבער, און די בלומען אין די קוסטעס שמעקן אַזוי! וואָס־זשע וויינסטו, אַלטע ווערבע?

האָט זיי די ווערבע פון דער גריקעס שטאָלץ און גאווה דערציילט און פון דער שטראָף, וואָס זי האָט באַקומען. און די שפּערלינגען האָבן די געשיכטע מיר איבערגעגעבן. דאָס האָבן זיי מיר דערציילט אַמאָל אַן אויפדערנאַכט, ווען איך האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן מיר עפּעס אַ מעשה דערציילן.

ה. ק. אַנדערסען.

דער לײַן.

דער ליין איז שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין פולן בליאַכץ; ער איז פול און אָנגעצעצט געוועזן מיט שיינע בלויע בלימעלאך און אַזוינע דינינקע, ווי די פליגעלאך פון קליינע בינעלאך, און אפשר נאָך דינער. די זון האָט אויף אים געלויכטן, רעגן־וואָלקנס האָבן אים באַגאָסן, און דאָס איז פאַר אים אַזוי גוט געווען, ווי פאַר אַ קינד דאָס באָדן זיך, נאָך וועלכן ס'קומט אַ מאַמע־קוש. דאָס קינד ווערט דערפון נאָך שענער; אַזוי איז אויך מיט'ן ליין געווען.

— מענשן זאָגן, — האָט געזאָגט דער ליין, — אַז איך בין אויס־געצייכנט געראָטן, אַז איך בין אויסגעוואַקסן גרויס און וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זיין, און אַז פון מיר וועט אַרויס אַן אויסגעצייכנט שטיק ליוונט. ווי גליקלאך איך בין! גליקלאכער פון מיר איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ! מיר איז אַצינד גוט, אויך שפּעטער וועט פון מיר, מסתמא, עפּעס גוטס אַרויס. ווי פריילאך ס'איז אויף דער זון צו שטיין, ווי ס'קרעפטיקט און ס'דערפרישט דאָס רעגנדל! איך בין איבערגליקלאך, איך בין גליקלאכער פון גאָר דער וועלט!

— נו, יאָ, געוויס! — האָט געזאָגט דער פּאַרקאַן־דראָנג. —

דו קענסט נאָך די וועלט נישט. מיר אָבער דערפאַר קענען זי אויס־געצייכנט, ניט אומזיסט זיינען אויף אונז פיל האָלץ־קניפּן פאַראַן — און דער דראָנג האָט זיך ר ח מ נ ו ת׳דיק צעסקריפּעט:

שניפּ, שנאָפּ, שנורע,

באַסעלורע!

און דאָס לידעלע איז אויס!

— ניין! נאָך נישט אויס! — האָט געזאָגט דער ליין. — אויך מאָרגן וועט די זון וואַרעמען, אויך מאָרגן וועט אַ דערפרישנדיק רע־גנדל אַ גאַס טאָן. איך פיל, ווי איך וואַקס, איך פיל, אַז איך בלי! איך בין גליקלאַכער פון גאָר דער וועלט!

נאָר אָט זיינען איין מאָל מענשן געקומען, דעם ליין פאַר׳ן קאָפּ אָנגענומען און מיט׳ן וואָרצל אויסגעריסן. ס׳האָט זייער וויי געטאָן! נאָכדעם האָט מען אים אין וואַסער אַריינגעלייגט, גלייך ווי מ׳האָט אים געוואָלט דערטרינקען; נאָכדעם האָט מען אים אויפ׳ן פייער געהאַלטן, גלייך ווי מ׳וואָלט אים געוואָלט פאַרברענען. ס׳איז שרעקלאַך געווען.

— וואָס זאָל מען טאָן, אויך אין גליק קומען ה פ ס ק ו ת פאָר, ס׳רייסט זיך אַמאָל איבער, — האָט געזאָגט דער ליין, — מ׳הארף אַמאָל אויך צוליידן, אַ׳ניט וויים מען גאָרנישט, אַ׳ניט פאַרשטייט מען גאָרנישט.

אָבער דעם ליין איז אַלץ ערגער און ערגער געוואָרן. מ׳האָט אים געווייקט און געטריקנט, מ׳האָט אים געקלאַפּט און געקעמט — וואָס־וואָס האָט מען מיט אים נישט איבערגעטאָן! ער האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט אים אַזוינס. ל ס ו ף איז ער אויפ׳ן שפּינראָד געקומען. די ראָד האָט זיך צעדרייט און צעזשו־מעט. דאַן איז שוין גאָר אוממעגלאַך געווען עפּעס אַ טראַכט צו טאָן.

— איך בין דאָך אומגעהייער גליקלאַך געווען. — האָט ער אין די ווייטיקן געטראַכט. — דאַרף מען זיך מיט׳ן געוועזענעם גליק באַגנוגענען!... דאַרף מען זיין צופרידן, צופרידן! אוי!...“

און ער האָט זיך דאָס גע׳ח ז ר׳ט א פ י ל ו דעמאָלט, ווען ער איז אין וועבשטול אַריינגעקומען; גע׳ח ז ר׳ט ביז דעמאָלט, ביז ס׳איז פון איהם אַ גרוים און אויסגעצייכנט שטיק לייוונט אַרוים. דער

גאַנצער ליַין, ביז'ן מינדסטן שטיקעלע, איז אויף אַט דעם שטיק אוועקגעגאַנגען.

— ס'איז דאָך אַ וואונדער! כ'וואָלט עס קיינמאָל זיך גאָר־נישט געגלויבט! ווי ס'גייט מיר אַ ביסל! האַ, וואָס זאָגט איר אויפ'ן דראַנג און אויפ'ן לידעלע אויף זיינעם? ער פאַרשטייט אַ ס ך און אַ י ם! „דאָס לידעלע איז אוים!..." אַז ס'הייבט זיך ערשט אָן!... כ'לעבן, ס'איז אַ וואונדער! אויב ס'איז מיר אויסגעקומען אַ ביסל צו ליידן, איז וואָס? איז דאָך דערפאַר אָבער פון מיר עפּעס אַרויס! איך בין דער גליקלאַכסטער פון אַלע! ווי שטאַרק און דין איך בין איצט, ווי ווייס און לאַנג! דאָס איז דאָך נישט עפּעס אַ פּראָסט און ליאַדע געוויקסל צו זיין, זאָל זיין מיט בלימעלאַך אַ פ י ל ו. אַרום געוויקסל גייט דאָך קיינער נישט, אויפ'ן געוויקסל קוקט דאָך קיינער נישט, און וואַסער באַקומט עס נאָר דאַן, ווען אַ רעגן גייט. נישט אַזוי אָבער אַצינד אַ. אַרום מיר גייט מען, מיך באַזאָרגט מען; אַלע פרימאָרגן קערט מיך די דינסט איבער אויף אַן אַנדער זייט; אַלע אויפדערנאַכט באַגיסט מען מיך מיט'ן וואַסערגיסער. און די באַלעבאָסטע אַליין האָט מיך געלויבט און געזאָגט, אַז איך בין דאָס בעסטע שטיק ליַיוונט פון דער גאַנצער געגנט אַרום. גליקלאַכער פון מיר קאָן גאָר ניט זיין!

נאָכדעם האָט מען דאָס שטיק ליַיוונט געבראַכט אין אַ שטוב, און ס'איז געקומען אונטער דער שער. אַך, ווי מ'האָט עס געשניטן און געריסן, ווי מ'האָט עס מיט נאָדלען דורך און דורך געשטאָכן! וואָס איז דאָ צו רעדן: האַניק איז געווים זיסער! דערפאַר אָבער זיינען פונ'ם שטיק ליַיוונט צוועלף שטיקלאַך גרעט אַרויס — אַזאַ גרעט, וואָס איז יעדן מענשן נייטיק. יאַ, גאַנצע צוועלף שטיקלאַך זיינען פונ'ם שטיק אַרויס!

— נייַן, זאָגט אַליין! איז אַט, ווען ס'איז פון מיר לייטישס אַרויס! איז אַט אין וואָס מיין באַרוף באַשטייט! דאָס איז דאָך איין מאָל אַ גליק! איצט ברענג איך דאָך נוצן דער וועלט, און דאָס דאַרף מען דאָך, דאָס איז דאָך דאָס א מ ת'ע גוטס. אַט זיינען מיר צוועלף שטיק אַצינד, און דאָך אַ גאַנצס: אַ טוץ. וואָס פאַר אַן אומגעווייגלאַך גליק דאָס איז!

און יאָרן זײַנען זיך געגאַנגען, און דאָס גרעט האָט זיך אָפּגע־טראָגן.

— איז וואָס? אויף אַלץ איז דאָך אַ סוף, — האָט יעדעס שטיקל געזאָגט, — איך וואָלט געוויס גערן זיך נאָך געהאַלטן אַ ביסל, נאָר קיין אוממעגלאַכס קאָן מען דאָך נישט פאָדערן.

האָט מען זיי אויף שטיקלאַך און אויף שמאַטקעלאַך צעריסן. האָבן זיי געמיינט, אַז איצט איז שוין גאָר זייער סוף געקומען, ווײַל מ'האָט זיי געהאַקט און געבראָקט, געווייקט און געקאָכט. זיי האָבן אַליין נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט זיי. און פּלוצים איז פון זיי אויסגעצייכנט ווײַס פּאַפּיר אַרוים.

— נו, אָט אַ סיורפּריז, שוין איין מאָל אַ סיורפּריז! — האָט געזאָגט דאָס פּאַפּיר. — איצט בין איך דאָך נאָך דינער, ווי פריער, און אויף מיר וועט מען דאָך שרײַבן אַצינד. איז דאָס דען נישט קיין אומגעהייער גליק?

און אויפ'ן פּאַפּיר האָט מען באמת שרײַבן גענומען. און אָנגעשריבן האָט מען דערויף וואונדערלאַכע געשיכטעס און לידער וואונדערלאַכע. דערבײַ האָט מען דערויף בסך־הכל נאָר איין מאָל מיט טינט אַ קלעק געמאַכט. דאָס איז שוין אָן ספק אַ באַזונדער מין גליק גאָר! און מענטשן האָבן דאָס, וואָס איז אויפ'ן פּאַפּיר אָנגעשריבן געווען, געהערט. און אָנגעשריבן דערויף איז געווען אַזאַ גוטס און אַזאַ קלוגס, אַזוי, אַז דאָס הערנדיק, זײַנען זיי אַליין אויך קליגער און בעסער געוואָרן. עפּעס אַ גרויסער חסד איז געלעגן אין די ווערטער, וואָס זײַנען אויף דעם פּאַפּיר געווען.

— אָ, — האָט געטראַכט דאָס פּאַפּיר, — דאָס האָט דאָך אי־בערגעשטײַגט מײַנע אַלע טרוימען, וואָס איך האָב געטרוימט אַמאָל, אין יענער צײַט, ווען איך בין נאָך מיט מײַנע בלימעלאַך אויפ'ן פעלד געשטאַנען. האָב איך זיך דען געקאָנט פאָרשטעלן אָדער זיך אויס־מאָלן, אַז איך וועל אַמאָל צווישן מענטשן פרייד און וויסנשאַפט פאַר־שפּרייטן? ס'גלויבט זיך מיר אַצינד נאָך אויך נישט. איך אַליין האָב געטאָן נאָר דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט, לויט מײַנע שוואַכע כוחות, געטאָן צוליב דערהאַלטן מײַן לעבן. און דאָך פירט עס מיך פון איין פרייד צו דער אַנדערער און פון איין דערהייבונג צו דער

צוויַיטער. יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט מיר: „אָט, שוין אַן עק!“— גייִ איך גאָר איבער, ווי ס׳ווייַזט זיך אַרויס, צו אַ בעסער און אַ שענער לעבן. איצט וועט מען מיך געווים אויף דער וועלט אַרויסשיקן, מענשן זאָלן מיך לייענען קאָנען. יאָ, געווים. אַנדערש קאָן דאָך ניט זייַן! איך האָב דאָך אַצינד אַזוי פיל טייַערע און פייַנע געדאַנקען, וויפיל בלויע בלימעלאַך אויפ׳ן פעלד אַמאָל. איך בין טאַקע דער גליקלאַכסטער פון גאָר דער וועלט!

דאָס פּאַפּיר אָבער האָט מען נישט אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט אַרומפאָרן. מ׳האָט עס אין אַ דרוקערייַ געבראַכט, און דאָרטן אַלץ, וואָס דערויף איז אָנגעשריבן געווען, אין אַ בוך אָפּגעדרוקט; און נישט איין בוך, נאָר עטלאַכע טויזנט ביכער: אויף אַזאַ׳ן אופן האָבן אַ סך אַ גרעסערע צאָל מענשן דערפון געקאָנט האָבן נוצן, איידער אין דעם פאַל, ווען מ׳זאָל דאָס פּאַפּיר אַליין אַרויסשיקן אַרומרייַזן, וואָס עס וואָלט נאָך דערצו אין האַלבן וועג אויף בלעטלאַך זיך געוווען צעשאָטן.

— יאָ, געווים איז אַזוי גלייַכער! — האָט דאָס באַשריבענע פּאַפּיר געטראַכט. — דעם אמת זאָגנדיק, איז דאָס מיר גאָר אויפ׳ן זינען נישט געקומען: וועל איך איצט אין דערהיים בלייַבן און מ׳וועט מיר, ווי אַן אַלטן זיידן, כבוד אָפּגעבן, וואָרים איך בין דאָך טאַקע אַ זיידע אָט די אַלע ביכער, די נייַע! אָט איצט ערשט וועל איך אַ סך נוצן ברענגען! אין מייַן איצטיקן שטאַנד אָבער וואָלט איך לאַנג נישט געקאָנט אַרומרייַזן... און נאָר צו באַטראַכטן, אַז אויף מיר האָט געקוקט דער, וואָס האָט דאָס אַלץ אָנגעשריבן... אַז יעדעס וואָרט זייַנס האָט זיך גלייַך פון זייַן פעדער אויף מיר אויסגעגאָסן... — בין איך דאָך טאַקע דער גליקלאַכסטער פון אַלע אין דער וועלט!

ה. ק. אנדערסען.

□ □
□

דאָס ליד פֿון בלויען ליַין.

אויף די פֿליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, וואו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין אויף פֿעלדער דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— בלויען ליַין האָב איך געזען.
פֿאַר דעם העלן בלויען שיַין
פֿון דעם אָוונט־שטערן
זיפֿצט און וויינט דער בלויער ליַין
און ער נייגט זיך, בייגט זיך איַין:
„וואָס וועט פֿון מיר ווערן?“
שיַינט דער אָוונט־שטערן:
„דו וועסט ווערן ליַיוונט.“

אויף די פֿליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, וואו ביסטו דאָס געווען?
— כ׳בין ביַי פֿענסטער דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— באָבעם האָב איך דאָרט געזען.
פֿאַר דעם שפּינראָד זיצן זיי
ביז דעם מאָרגנשטערן:
„דריי זיך, רעדל, דריי זיך, דריי,
זאָל פֿון ליַין, דעם וויַיסן שניי —
וויַיסער ליַיוונט ווערן“.
שיַינט דער מאָרגנשטערן —
ער זאָל ווערן וויַיסער.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, וואו ביסטו דאָס געווען?
— כ'בין אין הײַזער דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— מאַמעס האָב איך דאָרט געזען.
בײַ די וויגן בלײַך און מיד
פאַר'ן שפּעטן שטערן
זינגען זײ: עס פירט אַ איד
ווײַסן לײַוונט פון יאַריד.
מאַמעס, שערט מיט שערן!
נײט בײַם שפּעטן שטערן
העמדלאַך פאַר די קינדער.

אויף די פליגלען קומט דער ווינט.

— ווינט, וואו ביסטו דאָס געווען?
— כ'בין אין גאַסן דאָס געווען.
— ווינט, וואָס האָסטו דאָרט געזען?
— קינדער האָב איך דאָרט געזען.
פאַר דעם ערשטן ווײַטן שײַן
פון דעם ערשטן שטערן
זינגען קינדער: „לײַן, לײַן, לײַן,
זאָל אויף דיר די ב ר כ ה זײַן,
אַז דו זאָלסט זיך מערן!“
און בײַם ערשטן שטערן
טאַנצן ווײַסע העמדלאַך.

מאני לייב.

אַ וואַלד־מעשה׳לע.

אין אַ שיינעם, ליכטיקן ווינטער־טאָג האָט זיך אַ מ ח נ ה פויערים מיט שליטנס אָפּגעשטעלט לעבן אַ וועלדל, וואָס איז געשטאַנען נית ווייט פון אַ טייכל.

דער ס ו ח ר, וואָס האָט נאָך פון פריער געהאַט באַקוקט דאָס וועלדל, האָט געזאָגט:

— נו, ח ב ר ה, מיט ח ש ק! פונדאַנען אַ וועט איר אָנהייבן צו האַקן. דאָס וועלדל איז אַ מ ח י ה׳דיקער. יעדע יעגלע איז געווים אַלט הונדערט יאָר!...

ער האָט גענומען אַ האַק און מיט דער טעמפּער זייט אַ קלאַפּ געטאָן איבער אַ שטאַם פון נעגטסטן בוים. דער בוים האָט אַזוי ווי אַ קרעכץ געטאָן און פון די גרינע צווייגן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ קלאָרער פוכיקער שניי.

ערגעץ אין דער הייך האָט זיך באַוויזן אַ וועווערקע און האָט נייגעריק באַטראַכט די אומגעוויינלאַכע געסט. אַ הילכיקער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען איבער׳ן גאַנצן וואַלד, אַזוי ווי אַלע גרינע, מיט שניי באַשאָטענע, ריזן וואָלטן זיך פּלוצלונג צוזאַמען פאַנאַנדערגערעדט. דערנאָך איז דער עכאָ אַנטשוויגן געוואָרן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די ביימער האָבן שעפּטשענדיק איינע די אַנדערע געפרעגט: ווער איז עס געקומען? נאָכוואָס?

— און אָט די ז ק נ ה טויג שוין צו גאָרניט; — האָט צוגעגעבן דער ס ו ח ר, קלאַפּנדיק מיט דער האַק אויפ׳ן שטאַם פון אַן אַלטער, אויסגעהוילטער יעגלע; — זי איז שוין כ מ ע ט אינגאַנצן צעפּוילט.

— אַך, דו גאָרנישט איינער! — האָט פון דער הייך אויסגעשריען די וועווערקע! — מיט וואָס פאַר אַ ה ע ז ה קלאַפּסטו אין מיין הויז? דו ביסט איצט אַראָפּגעקומען, און איך וואוין שוין דאָ גאַנצע פינף יאָר.

אָבער דער ס ו ח ר האָט גאָרניט אַכטונג געגעבן אויף דער וועווערקע און האָט רואיק פאַנאַנדערגעזאָגט די אַרבעטער, פונ-

וואָנעו זײ זאָלן אָנהײבן צו האַקן, וואו זײ זאָלן צונויפלײגן די צע־האַקטע האָלץ און וואו — די צווײַגן.

ס'איז אַריבער צוויי וואָכן. קײן פעדער קען ניט באַשרײַבן דעם ח ו ר ב ן, וואָס די מענשן האָבן אָנגעמאַכט אין וואַלד פאַר דער צײַט. הונדערט יאָר איז דער געדיכטער וואַלד געשטאַנען און אין משך פון עטלאַכע טעג איז ער ניט געוואָרן. די מענשן האָבן אויסגעהאַקט די ריזיקע בײמער און האָבן גאָרניט באַמערקט, ווי פון די פרישע וואונדן האָבן זיך אָן אָן אויפהער טרערן געגאָסן: זײ האָבן דאָס אָנגענומען פאַר געוויינלאַכער סמאָלע.

נײן, די בײמער האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן, פונקט ווי אַ מענש, ווען ס'טרעפט אים אַ גרויס אומגליק. און מיט וואָס פאַר אַ מ ו ר א'דיקע קרעכצן ס'זײַנען געפאַלן די אונטערגעהאַקטע בײמער!

אַנדערע האָבן זיך א פ י ל ו געראַנגלט, זײ האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דעם נישטיקן מענשל: פאַלנדיק, פלעגן זײ זיך פּרואוון אָנכאַפּן מיט די צווײַגן אָן די דערבײַאיקע בײמער.

אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט: אי די קרעכצן, אי די טרערן, אי דאָס ראַנגלען זיך.

טויזנטער בײמער זײַנען געלעגן טויטע, אַזוי ווי אויף אַ מ ל ח מ ה־פּלאַץ. און די האַק האָט אַלץ געטאָן איר אַרבעט. מ'האָט די צווײַגן פון די בײמער אַרומגעהאַקט, די שטאַמען זײַנען צעזעגט געוואָרן אויף גלײַכע קלעצער און מ'האָט דאָס אַלץ אײַנגעלײגט אין פּירקאַנטיקע קופּקעס. אַזוינע קלעצער זעען מיר גאַנץ אָפט, אָבער ניט שטענדיק פאַרטראַכטן מיר זיך, וויפיל לעבעדיקע בײמער זײַנען צוליב דעם אויסגעהאַקט געוואָרן און וויפיל יאָר האָט געדויערט, ביז ס'זײַנען אויסגעוואַקסן אַזעלכע בײמער.

פון דעם גאַנצן וואַלד איז געבליבן נאָר די אויסגעהוילטע יענלע, אין וועלכער ס'האָט געוואוינט די וועווערקע מיט איר פאַ־מיליע.

אונטער דעמדאָזיקן בוים האָבן די אַרבעטער אויסגעבויט אַ געצעלט און דאָרטן זײַנען זײ געשלאָפן. גאַנצע טעג פלעגט לעבן דעם געצעלט ברענען אַ פײַער און האָט מיט זײַן ריזיקער רויטער

צונג געלעקט די אָראָפּגעהאַנגענע צווייַגן פון דער אַלטער יעגלע.

די וועווערקע איז געווען אויסער זיך פאַר צ ע ר און צאָרן פון דער ווילדער מענשלאַכער א כ ז ר י ו ת און האָט אויפגע־בראַכט געט׳ע נ ה׳ט:

— צו וואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? ווּעמען האָט דער פּרעכ־טיקער וואַלד שלעכטס געטאָן? וועמען איז דאָס געווען נייטיק, אַז אַנשטאָט דעם לעבעדיקן גרינעם וואַלד זאָלן ליגן אַזעלכע מ י א ו ס׳ע קלעצער? גראָבע, אומפאַרשעמטע מענשן! האָבן אויסגעטראַכט אייַזערנע העק נאָר צוליב דעם, כ ד י אומצוברענגען שיינע און שלאַנקע ביימער... וואָס זאָגסטו אויף דעם ח ו ר ב ן, ליבע יעגלע?

— איך וויים גאָרניט, איך פאַרשטיי גאָרניט. — האָט טרויעריק געענטפערט די אַלטע יעגלע, ציטערנדיק פאַר גרויס א י מ ה.— מיין אומגליק איז אַזוי גרויס, אַז איך בין גאָרניט ב כ ו ח צו באַגרייַפן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען... ה ל ו ו א י וואָלט איך אויך אומגעקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע.

„אָט די אַלע אויסגעהאַקטע ביימער זיינען דאָך מיינע קינדער! איך האָב זיך געפרייט, ווען זיי זיינען געווען יונגע ביימלאַך; מיין האַרץ איז פול געווען מיט ש מ ח ה, זעענדיק ווי זיי וואַקסן, ווערן שטאַרקער און דערהייבן זיך ביז׳ן הימל. ניין, דאָס איז שרעק־לאַך!... פאַרשטייט זיך, אייביק לעבט קיינער ניט; ס׳איז אָבער אַ ח י ל ו ק, צי מ׳שטאַרבט מיט דעם נאַטירלאַכן טויט, פון אַלטקייט, צי מ׳ווערט אויסגעהאַקט יונגערהייט, שיינע און בליענדיקע, ווען ס׳ווילט זיך נאָך אַזוי לעבן!

די מענשן האָבן וועגן די ביימער כ מ ע ט ווי גאָרניט גע־רעדט, פונקט ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשעען. זיי האָבן שוין גע־וואַרט די מינוט, ווען מ׳וועט אַוועקפירן די האָלץ, כ ד י צו האָבן אַ מעגלאַכקייט צו פאָרן אַהיים. ס׳קען זיין, אַז זיי האָט געמאַטערט דאָס געוויסן, און א פ ש ר איז זיי שוין נ מ א ס געוואָרן צו זיין אין וואַלד. גיכער — דאָס צווייטע.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, און ס׳זיינען געקומען צו פאָרן נאָך מענשן. אַ פּאָר טעג האָבן זיי נאָכאַנאַנד געלייגט די אָנגעהאַק־טע האָלץ אין די וועגענער.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, זיינען זיי אַלע אַוועק־געפאָרן, איבערלאָזנדיק הוילע פּעניעס און הורבעס גרינע צווייגן. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פאַרשאָטן מיט שפּענער און מיסט. און דעם שניי איז אויסגעקומען אַ פּולע זיך אָנצושטרענגען, ביז ער האָט דעם גאַנצן מ י א ו ס ׳ ן שמוציקן פּלאַץ באַדעקט מיט אַ קלאָרער, פרישער דעקע.

— גוואַלד געשריען, וואו איז י ו ש ר ? וואו איז גערעכטי־קייט ? — האָט זיך די אַלטע יעגלע געקלאָגט פאַר דעם ווינט. — וואָס האָבן מיר געטאָן אָט די שלעכטע מענשן מיט די אייזערנע העק ?

— זיי זיינען גאָרניט קיין שלעכטע. — האָט געענטפערט דער ווינט. — נאָר דו ביסט שוין אויסגעוועבט און מיט דיין נארישן ש כ ל קאָנסטו ניט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

— אַ וו ד א י, דו ביסט אַ ח כ ם ! גאַנצע טעג און נעכט דרייסטו זיך אום ; וואו מ׳זייט דיך ניט, דאָרטן וואַקסטו. דעריבער האָס־טו זיך אָנגענומען מיט ש כ ל. אָבער איך זיץ שטענדיק אויף אָן אָרט און כ׳וויל גאָרניט ווייסן, וואָס פאַר אַן אומרעכט און שלעכטס ס׳טוט זיך אויף דיין וועלט. פאַר מיר איז שוין גענוג מיין אייגענער אומ־גליק.

— דו, ווינט, האָסט שוין צופיל פאַרריסן די נאָז. — האָט זיך אַריינגעמישט די וועווערקע. — ווי אַזוי קענסטו ווייסן, וואָס אַרום דיר טוט זיך, אַז נאָכאַנאַנד דו האַלטסט אין איין פליען ווי אַ מ ש ו ג ע׳נער. און וואָס איז ש י י ך י ו ש ר, גערעכטיקייט, ביסטו אויך ניט בעסער פאַר דיינע גוטע פריינד, די שיינע מענשעלאַך, פאַר וועלכע דו האַלטסט אַזוי שטאָל און אייזן. דערמאָן זיך נאָר, וואָס פאַר אַ צ ר ו ת דו טוסט אָן מיר און די ביימער: ברענגסט קעלטן, שניי, שטורעמס און אַלע שלעק, און ער רעדט נאָך! וואָלטסטו כאָטש שווייגן, כ׳לעבן!

— נו, און ווער ברענגט אייך זומער די אָפּפרישנדיקע מ ח י ה ׳ ד י ק ע רעגן־וואָלקנס ? ווער טריקנט אויס די ערד אין פרילינג ? ווער ברענגט אייך דעם ערשטן פרילינגס־גרוס ? ניט איך

מיט מײַן אָנקומען פון הײַסן שמעקעדיקן ד ר ו ם? נאָר וואָס רײַד איך מיט אײַך, ט'איר מיך דען פאַרשטײַן? א ג ב, האָב איך טאַקע קײַן צײַט ניט, איך מוז לױפן. האָט אײַך מיר אַ גוטן ת מ י ד! — און דער ווינט איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

— נאַרישער באַרימער! — האָט אים די וועווערקע נאָכגע־שריען.

פון לאַנג אָן האָט דער וואַלד געטראָגן אַ האַרץ אויף דעם ווינט, באַזונדערס ווינטער, ווען ער פלעגט ברענגען אַ שרעקלאַכע, שנײַדנדיקע קעלט און פלעגט באַשיטן דעם וואַלד מיט טרוקענעם שנײַ, פונקט ווי מיט צעשטויסן גלאָז. די בײַמער וואָס זײַנען גע־שטאַנען צו צ פ ו ן, פלעגן זיך דאַן אומקערן צום ווינט מיט'ן פלײצע און פלעגן זיך ציען מיט זײערע צווײַגן צום ד ר ו ם, פונוואַנען ס'האָט געווײַט מיט אַ דערקוויקנדיקער וואַרימקײַט.

מ י ל א, אין געדיכטן וואַלד איז נאָך געווען אַ האַלבע צ ר ה: דער ווינט האָט געקאָנט פאַרפּרירן נאָר די שפּיצן פון די בײַמער, ווײַל די בײַמער פלעגן אײנע די אַנדערע באַשיצן, אָבער איצט האָט זיך דער ווינט געקאָנט אומשפּאַצירן איבער'ן אויסגעהאַקטן, נאַקעטן פלאַץ פראַנק און פרײַ, ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס; דעריבער איז פאַר־שטענדלאַך, אַז די יעגלע און די וועווערקע האָבן געהאַט דאָס פולע רעכט צו זײַן אויפגעבראַכט אויף'ן ווינט...

מאַמין סיביריאַק.

דער וואַלד. שישקין.

אין דער היים

א סוד. מ. וואונש.

קינדערלאַך

העלע פרימאָרגנס אין גאָלדענעם שײַן. —
קינדערלאַך קלײנע, געזונט זאָלט איר זײַן!

בלוי איז דער הימל, ווי בלימלאַך פון לײַן. —
קינדערלאַך טאַנצן ראָד אויס און ראָד אײַן.

אונטן שטילע אין רויטלאכן שיין. —
פייגעלאך מידע, זיי שלאפן שוין איין.

נחום יערושאלימטשיק.

אין אונט אין דער היים.

די טיר האט זיך געעפנט, און מיט א ליארעם בין איך אין שטוב אריין. אין איין האנט האלט איך דאס לאמטערנדל און מיט דער אנדערער מאך איך הינטער זיך די טיר צו.

מיין מאמע זיצט אויף א בענקעלע פאר דערווארימער הרובע; אויפ'ן טיש, וועלכער שטייט לעבן איר, ברענט טונקל א לאמפ; און זי, די מאמע מיינע, פארריכט וועש. ניט וויט פון טיש הענגט א וויגעלע, און די מאמע וויגט אום מיט'ן פוס די שטריק, וואס איז צו־געבונדן אונטן צום וויגעלע; דאס פארוויגט זי איצט מיין קליין ברו־דערל סענדערל. מיין גרעסערע שוועסטערל ברײנדל זיצט לעבן דער מאמען אויף א הילצערנעם בענקל און לערנט זיך מאכן א זאק, און די קלענערע שוועסטערל ש ר ה ליגט ביי דער מאמען אויפ'ן שוים און דרעמלט. די בעטן זיינען שוין אויסגעבעט; און אין שטוב איז שטיל.

די מאמע איז, קענטיק, שטארק צופרידן פון מיין קומען: זי זאגט דאס מיר ניט, נאר איך פארשטיי נאך איר פ נ י ם, אז זי האט אויף מיר שטארק געווארט; זי האט מיר געשענקט א שארפן און ליבלאכן בליק, ווען איך האב געעפנט די טיר.

— וואס מאכסטו, ח פ נ י ? — טוט זי מיך א פרעג. — וואס האסטו היינט געלערנט אין ח ד ר ? זאג מיר, מיין זון, ביסט א פ ש ר הונגעריק ?

— יא, מאמע, איך בין הונגעריק.

— וועל איך דיר אנשמירן א שטיקל ברויט מיט שמאלץ.

— אבער איך האב ניט האלט קיין שמאלץ, מאמע !

— אויב אזוי, נאַ דיר אַ פּאָר באָרן צום ברויט.

— איך וויל ניט קיין באָרן.

— און וואָס ווילסטו זאָל איך דיר געבן — מאַרציפּאַנעס? אָדער די צ ר ו ת מיינע זאָל איך דיר געבן!?

— שוין גענוג געפּעשטשעט זיך. — האָט די מאַמע צוגעגעבן מיט כ ע ס. — מיינסט נאָך אַלץ, אַז דו ביסט אַ ב ן - י ח י ד ביי מיר? סענדערל, זאָל לעבן, און בריינדעלע און ש ר ה'קע זיינען נאָך אויך פאַראַן אויף דער וועלט.

— נו, מאַמע, דערציייל מיר אַ שיינע מ ע ש ה, וועל איך עסן ברויט מיט שמאַלץ.

מיין שוועסטערל בריינדל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען, ווי זי וואָלט זיך געבעטן, אַז די מאַמע זאָל מיך פאָלגן און דערציילן אַ מ ע ש ה. און די מאַמע האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל, וועלכער איז געווען אי ליבלאַך אי בייז: „אָט וועל איך דיר דערציילן אַ מ ע ש ה מיט אַן אָרימן אומגליקלאַכן אינגל, ועסטו וויסן, ווי גליקלאַך דו ביסט, אַז דו האָסט אַ ר ב י'ן, אַ ח ד ר, אַ טאַטן און מאַמען, שמאַלץ און באָרן, און יענער אומגליקלאַכער אינגל...

— מאַמע! — האָב איך איר איבערגעשלאָגן די רייד. — וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ — דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אויפ'ן יאַריד. אין אַזאַ נאַסער און קאַלטער נאַכט!.. אפשר וועט ער עפּעס פאַרדינען.

— נו, דערצייל, מאַמע, — האָב איך נאָך אַ קורצן שווייגן געבעטן, — דערצייל.

די מאַמע האָט אַוועקגעלייגט די וועש פון האַנט, האָט זיך איינגעבויגן איבער'ן וויגעלע און אַ קוק געטאָן אויף סענדערלען, וועלכער איז שוין געשלאָפן. נאָכדעם האָט זי פעסט צוגעדריקט צום האַרצן מיין שוועסטערל ש ר ה'קען און האָט אָנגעהויבן דערציילן.

ז. פייערבערג.



מאמע און קינד.

די מאַמע.

האָסט צוגעדעקט מיך מיט דיין וואַרים קלייד,
אַ ריר געטאָן מיין קישן מיט דער האַנט
און אויף די שפּיצן פינגער שטילערהייט
ביסטו אַוועק אין ווינקל צו דער וואַנט.

אַ לעמפּל האָט אין ווינקל מאַט געברענט,
און פעדערן געפּליקט, געפּליקט געשווינד
האָסטו מיט דיינע ציטעריקע הענט,
מיט דיינע בלייכע ציטעריקע הענט
פאַר מיר, דיין קינד.

ז. וויינפער



גיט עסן אירע הינדעלאַך. מילעט.

דײַן מאַמע.

מײַן זון!

אין דער געגנוואַרט פון דײַן ברודערס לערערן האָסטו נישט אָפּגעגעבן דײַן מאַמען דעם געהעריקן כ ב ו ד, וואָס האָט איר געקומט. זאָל־זשע דאָס שוין קײנמאָל זיך נישט איבער׳ח ז ר׳ן, העגריק! קײנמאָל נישט! געדענק דאָס. דײַנע מ י א ו ס ׳ע ווערטער האָבן מיר דורכגעשטאָכן דאָס האַרץ, ווי די שאַרף פון אַ מעסער.

איך האָב געטראַכט וועגן דײַן מאַמען, ווי זי איז מיט יאָרן צוריק געשטאַנען אײַנגעבויגן אַ גאַנצע נאַכט איבער דײַן בעטעלע, ציילנדיק דײַן אָטעם, וויינענדיק מיט בלוטיקע טרערן פון ווייטיק און קלאַפּנדיק מיט די ציין פאַר שרעק בײַ דעם געדאַנק, אַז זי קען דיך אָנווערן. ווען איך האָב געקוקט אויף איר, האָב איך מ ו ר א גע־

האט, אז זי וועט דעם פארשטאנד פארלירן, און כ׳האב דיך כ מ ע ט פיינט געהאט דאמאלסט.

און דו באלייריקסט אצינד דיין מאמען! די מאמען, וועלכע וואלט אוועקגעגעבן א יאר פון איר אייגן גליק, אבי אפצוקויפן איין ש ע ה פון דיין ווייטיק? וועלכע וואלט געבעטלט פאר דיינעטוועגן, ווען דו וואלסט געווען הונגעריק, וועלכע וואלט זיך געלאזט דער־ה ר ג׳ענען, אבי דיר צו ראטעווען דיין לעבן!

הער, הענריק, פארשרייב דיר גוט אין ז י כ ר ו ן די דאזיקע ווערטער. שטעל זיך פאר, אז עס ווארטן דיך אין לעבן א ס ך שרעקלאכע טעג. דער שרעקלאכסטער אבער וועט זיכער זיין דער, אין וועלכן דו וועסט פארלירן דיין מאמען. טויזנטער מאל, הענריק, וועסטו דערפילן דאמאלסט, ווען דו וועסט שוין זיין א מאן, א גוואל־דיקן פארלאנג צו דערהערן איר טייער ק ו ל, צו דערזען אירע אפענע ארעמס און זיך אריינגצואווארפן אין זיי מיט א געוויין, ווי אן ארעם קינד, וואס האט נישט קיין שוץ איבער זיך. פאר ווייטיק וועסטו דאמאלסט דערמאנען יעדן טראפן ביטערקייט, וואס דו האסט איר געגעבן צו טרינקען! מיט וואס פאר א שרעקלאכער ח ר ט ה וועסטו זיי אלע דאמאלט איבערציילן, אומגליקלאכער! ווארים דו זאלסט זיך נישט ריכטן אויף קיין פרייד אין לעבן, אויב דו וועסט פארשאפן טרויער דיין מאמען. דו וועסט ח ר ט ה האבן, וועסט בעטן, זי זאל דיר מ ו ח ל זיין, וועסט ערן איר אנדענקען — אומ־זיסט! דיין געוויסן וועט דיר נישט געבן קיין רו. איר זיס, גוט פ נ י ם וועט זיך דיר שטענדיק באווייזן מיט אן אויסדרוק פון טרויער און פארוואורף, וואס וועלן דיין נ ש מ ה די ערגסטע פיין פאר־שאפן.

ווייס, הענריק, אז דאס געפיל פון א זון איז דאס הייליקסטע פון געפילן. ווי צו דעם, ווער עס דערנידעריקט עס.

א מערדער, וואס באהאנדלט ארנטלאך זיין מאמען, האט נאך עפעס איידלס אין זיין הארץ; און דער בארימטסטער פון מענשן, וואס פארשאפט איר ווייטיק, איז נישט מער ווי א פינסטער באשעפעניש. זאל־זשע פון דיינע ליפן שוין קיינמאל נישט ארויסגיין קיין איין הארט ווארט קעגן דער, וועלכע האט דיר געשענקט דאס לעבן. און אויב

עס וואָלט יאָ אַמאָל געזאָלט אַזעלכעס געשעהן, זאָל נישט די מ ו ר א פאַר'ן צאָרן פון דײַן טאַטן, נאָר אַ שטאַרק געפיל פון דײַן אײגן האַרץ דיך וואַרפן צו אירע פיס מיט געבעט, אַז זי זאָל מיט אַ קוש פון מ ח י ל ה אָפּווישן פון דײַן שטערן דעם שאַנד-פלעק פון אומדאַנק-באַרקײַט.

כ'האָב דיך ליב, מײַן זון! דו ביסט די טײַערסטע האָפענונג פון מײַן לעבן; אָבער איך וואָלט דיך געוואָלט זען בעסער אַ געשטאָר-בענעם, אײדער אַן אומדאַנקבאַרן דײַן מוטער. זײַ געזונט און קום נישט אַ געוויסע צײַט צו מיר מיט דײַן צערטלאַכקײַט; איך וואָלט דיר אַצינד נישט געקענט אָפּגעבן דאָס זעלבע פון גאַנצן האַרצן.

דײַן פאָטער,

ע. ד'אַמיטשיס.

ביי דער ארבעט. פאַעד.

אין דער הײם.

דרויסן גיסט דער רעגן,
און עס ווײַט דער ווינט.
אין דער הײם צו זיצן,
אוי, ווי גוט איז צינד!

ס׳מורמלט שטיל די מאַמע:
„ס׳קומט דער ווינטער אָן!“
טרויעריק איז איר שטימע,
דאָך ווי ליב דער טאָן!

נעבלדיק די שויבן,
טונקל איז אין שטוב;
דאָך צו זיצן דאָרטן,
אוי, ווי ס׳דאַרף זײַן ליב!

אומעטיק דער טאַטע,
אומעטיק פאַרטראַכט;
דאָך זײַן שטומע ליבע
אַלע אונז באַוואַכט.

א. רייזען

אויפ׳ן ברעג פון ים. דעלאב.

אַן אומזיסטער פּאַטש



י. ל. פּרץ

פון געבווירנהײַט אָן האָב איך פּײַנט געהאַט זיסע זאַכן, אין מויל אַרײַן נישט גענומען. „ער וויל, מען זאָל אים האַלטן פאַר קלוג“. — האָט מען זיך גערייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן אַלערלײַ גוטע זאַכן: ווײַסן לעקאַך, האָניק-לעקאַך, טאָרטן, פרעגלען אײַנגעמאַכצן, פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר די קראַנקע אין ה ק ד ש. אַלע אייניקלאַך עסן; מען באַקומט און מען ג נ ב'עט אביסל צו; איך איינער אַן אויסנאַם: איך עס נישט.

מאַכט זיך אַ ש מ ח ה בײַ אונז. קומען אָרימעלײַט אויף לעקאַך און בראַנפן; פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל-שטוב. אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. איז געווען בײַ אונז אַ סאַרווער, זאָל ער מ ו ח ל זײַן, אַ גרויסער הונט, אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. אָרימעלײַט האָט ער פּײַנט געהאַט ווי דעם טויט. טראָגט דער ר ש ע פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבער'ן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקאַך צו די באַלעבאַטים אַרײַן, איבער דער מיטל-שטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקאַך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל...

דער טאַטע — איך האָב נישט געוואוסט דערפון — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הייך האָט ער געזען; וואָס איך האָב מיט'ן לעקאַך אין דער נידער געטאָן —

נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט מ כ ל מ ר׳שט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקאַך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיט דער יויך — געהערט האָט זי א פ נ י ם הינטער דער טיר — און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיט׳ן לעקאַך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן זיינען ביי אים פייכט געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אָפּגעגאַנגען אין צווייטן צימער אַריין.

י. ל. פּרץ.

אין אָוונט.

אוי, דער הייסער טאָג פאַרגייט,
און דער קילער אָוונט ווייט,
און דאָס קינד פאַרמאַטערט שטייט
נאָענט פאַר מיין טיר.
— קום, מיין קינד, צו מיר!
ס׳שטייט מיין טיש מיט מילך און ברויט
אָנגעגרייט פאַר דיר.

די ל ב נ ה שווימט אַרויס
קאַלט און אומעטיק און גרויס.
עסט דאָס קינד, און גרויס און הייס
רינט אַראָפּ זיין טרער.
— קום, מיין קינד, אַהער!
לייג דיין קאָפּ צו מיר אין שויס
און אַנטשלאָפן ווער.

מאַני לייב.

ווינטער־אָונט.

ווינטער אָוונט ; שטיל און רואיק
איז אין אונזער הויז.
בײַ דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שויס.

מיט אַן אומעטיקן שמײכל
קוקט זי אויפ׳ן פּלאַם
און דערציילט מיר, ווי אַ פויגל
האָב געלעבט בײַם ים.

ווי אַ שיף איז צוגעשוואומען
צו אַן אינזל ווײַט,
וואו געלערנט האָבן תורה
זיבן אַלטע לײַט.

ווי אַ וואָרף געטאָן דער מלך
האָט זײַן רינג פון גאָלד,
נאָר דאָס קינד צום אָפּגאָט בוקן
האָט זיך ניט געוואָלט.

ווי אַ בעטלער איז געקומען
צו אַ גוטן איד...
אָדער גאָר זי הייבט אָן זינגען
שטילערהייט אַ ליד:

ווי געפלויגן איז אַ פּאַווע
איבער גרינעם וואַלד,
ווי די כאַפּערס פלעגן כאַפּן
קינדערלאַך מיט גוואַלד.

און איך הער זיך צו
פאַר׳כישופ׳ט
צו דער באָבעס רייד,
און פון מײַנע אויגן פאַלן
טרערן שטילערהייט.

קיינער איז ניטאָ אין צימער,
מער ניט מיר באַנאַנד
און די טאַנצנדיקע שאָטנס
אויף דער ווײַסער וואַנט.

נחום יערוסאַלימטשיק.

דער באָבעס טאַנץ.

שטייען אַלע קינדער אין אַ ראָד
ווילן פירן דאָרט אַ קאַראַהאָד!
קומט די אַלטע באָבע, ווײַזט זיי אָן
ווי אַזוי צו אָנהייבן דעם קאָן:
— נעמט זיך, קינדער, אַלע פאַר די הענט,
נאָר ניט שאַרט זיך האַרט אַרום די ווענט.
פלינקער! שנעלער! טרעט ניט אַזוי קרום!

איצטער גייט אַליין אַזוי... אַרום.
ווערט דאָס פון די קינדער אַ געשריי:
— באָבע, דוכט זיך עפּעס ניט אַזוי!
ווייז אונז בעסער, ווי געטאַנצט האָסטו.
בעט די באָבע: לאָזט מיך שוין צורו.
ווערט דאָס פון די קינדער דאָרט אַ קאָך.
ווערט די באָבע בייז און — גיט זיי נאָך...

טאַנצט אַ טאַנץ די אַלטע באָבע, טאַנצט אַ טאַנץ,
וואַכט פאַר איר די יוגנט אויף מיט פולן גלאַנץ;
כ ו ח ו ת יונגע האָט זי איצט אין זיך דערפילט,
און אַ גרויסע פרייד האָט זיך אין איר צעשפּילט.
גאָר אַן אַנדער פייער אין די אויגן ברענט,
און די גוטע באָבע קוים וואָס מע דערקענט;
זעט, איר געל געזיכט ווערט יוגנטלאַך און רויט!
טאַנצט אַ טאַנץ די אַלטע באָבע, טאַנצט אַ טאַנץ —
וואַכט פאַר איר די יוגנט אויף אין פולן גלאַנץ...

קוקן אַלע זיך פאַרוואונדערט אָן,
און מען ווייס אַליין ניט וואָס צו טאָן.
אַלע פילן זיך אַזוי פאַרשעמט:
עפּעס איז די באָבע איצטער פרעמד,
עפּעס איז די באָבע, דוכט זיך, יונג!
עפּעס האָט איר שטים אַן אַנדער קלונג.
שאַ! די באָבע בלייבט אין מיטן שטיין,
מורמלט וואָס און שמייכלט גאָר צו זיך אַליין...
טוען אַלע זיך צו איר אַ לאָז,
ווייזט זי מיט'ן פינגער ביי דער נאָז.
שמייכלען אַלע איינגעהאַלטן שטיל:
זאָל די באָבע זאָגן, וואָס זי וויל!...
נאָר די באָבע האַלט דאָס מויל פאַרמאַכט...
ווער קען וויסן, וואָס אַ באָבע טראַכט?

נחום יערוסאַלימטשיק.

דער פעטער שײַע נאָטע.

פעטער שײַע נאָטע האָט מען אים גערופן. ער איז געווען פון יענע פעטערס, וואָס ווען מען נעמט פון זײ צו דעם שײַע נאָטע, בלײַבט ניט קײַן פעטער. יעדן איז ער געווען דערזעלבער פעטער, קײנער האָט ניט געקענט פאָדערן אַ גרעסערן ח ל ק פעטער. און ניט נאָר איז ער געווען אַ פעטער אין זײַן שטעטל װ ו ע ל ע ד נ י ק, וואו ער האָט אַלע זײַנע יאָרן געוואוינט, נאָר אויך אין די אַרומיקע שטעטלאַך און דערפלאַך.

זײער, זײער אַלט איז געווען דער פעטער שײַע נאָטע. ער איז געווען הויך און דאַר און שטענדיק פאַרטראַכט. ער האָט זיך קײנמאָל ניט געקענט דערמאָנען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן אָדער טאָן פריער מיט אַ מינוט, אָדער צוויי. מ'פלעגט זאָגן, אַז זײַן צעטומלטקײַט קומט דערפון, וואָס ער האָט צופיל געלערנט אין זײַן יוגנט, אָבער אויף דער עלטער איז אים קײַן ס י מ ן פון ל מ ד נ ו ת ניט געבליבן. אין וועלענדיק זײַנען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע מ ע ש ו ת וועגן פעטער שײַע נאָטען און זײַנע אײַנפאַלן. מ'דערצײלט, צום בײַשפיל, אַז אײנמאָל, באַלד נאָך ש ב ו ע ו ת, האָט מען געטראָפן דעם פעטער שײַע נאָטען מיט אַ גרויסן טולקאַטש אין האַנט, אַרײַנשלאָגנדיק אַ טשוואָק אין וואַנט. און ווען מען האָט אים געפרעגט, צו וואָס ער דאַרף דעם טשוואָק, האָט ער געענטפערט מיט זײער אַן ערנסטער מינע, אַז ער רעכנט זיך צו קויפן אַ היטל אויף ס ו כ ו ת , וועט ער דאָס האָבן וואו אויפצוהענגען.

ח ו ץ אַלע זײַנע מ ע ל ו ת, איז דעם פעטער אויף דער עלטער אויסגעוואַקסן אַ היבשע גוליע אויפ'ן מיטן שטערן. און אַזוי ווי דער פעטער האָט געהאַט אַ געוואוינהײַט צו דרײען מיט'ן קאָפּ אַהין און צוריק, ווי מ'דרײט אויף נײן, איז אויסגעקומען זײער שווער צו באַקוקן די גוליע. און קוקן האָט זיך זײער געוואָלט, ווײַל דאָס איז ניט געווען פון די פּראָסטע גוליעס, נאָר גאָר עפּעס פון אַ געהויי-

בענעם סאַרט. עס איז געווען אַ רויט-גלאַנציקס, ווי עפּעס אַ בייזע זאַך, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן מיטן שטערן און בייזערט זיך, פאַרוואָס מ'קוקט אויף דעם. און טאַקע דער גוליע אויף צו־להכעיס האָט זיך נאָר געוואָלט קוקן.

דער פעטער שײַע נאַטע איז בײַ אונז געווען אַן אָפטער גאַסט. פון וועלעדניק ביז כײַטשע (אַזוי האָט מען גערופן אונזער דאָרף) איז געווען אַכט וויאָרסט, און אַכט וויאָרסט איז בײַם פעטער שײַע נאַטען ניט געווען קײן ווײַטע שטרעקע. ער פלעגט אַרײַנלייגן אין אַ זעקעלע זײַן טלית און תפילין און אַ העמד אויף שבת און לאָזן זיך גיין צופוס. קומען פלעגט ער אַלעמאָל ערב-שבת, אָדער ערב עפּעס אַ יום-טוב, ווען די מאַמע איז געווען פאַרנומען אין קיך, און מיר האָבן דאַמאָלס געקענט פראַנק און פרײַ זיך אַרומפּלאָנטערן דעם פעטער אונטער די פיס און קוקן אויף זײַן גוליע. אָבער ווען דער פעטער פלעגט אונז כאַפּן קוקנדיק, פלעגט ער אַזוי מאָדנע אָנהייבן דרייען מיט'ן קאָפּ, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט צעשרײַט זיך די בייזע גוליע.

ערב-סוכות איז דאָס געווען. אין הויז איז שוין געווען יום-טוב'דיק אויפגעראַמט, און אַלע האָבן זיך געפילט גוט געשטימט און מ'האָט געוואונשן, אַז עפּעס אַ גאַסט זאָל קומען אויף יום-טוב. ערשט עס עפנט זיך די טיר, און דער פעטער שײַע נאַטע באַווײַזט זיך. מיר האָבן זיך ווירקלאַך דערפרייט מיט אים און דער פעטער האָט זיך אויך געפרייט מיט אַזאַ ברייטער אויפנאַם.

בײַם עסן די ערשטע נאַכט אין סוכה האָט דער טאַטע פאָרגעשלאָגן דעם פעטער שײַע נאַטען צו פאַרבלײַבן איבער דער גאַנצער וואָך סוכות, און דער פעטער האָט אײַנגעשטימט. אָבער זײַענדיק אַביסל באַטרונקען מיט גוטן ווײַן, האָט דער פעטער איבערגעזאָגט עטלאַכע מאָל דאָס וואָרט „יאָ" און דערבײַ האָט זײַן קאָפּ ניט אויפגעהערט זיך צו דרייען, האָט דאָס אויסגעזען, אַז זײַן גוליע זאָגט: ניין, ניין. איז דאָס געווען אַזוי קאָמיש, אַז מיר האָבן זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. דער סוף איז געווען, אַז דער יום-טוב איז געווען אַ פאַר־

שטערטער, און דער פעטער האָט באַשלאָסן באַלד נאָך די ערשטע טעג גיין צוריק קיין וועלעדניק. און אַזוי איז עס געווען.

אָפּגייענדיק האַלב וועג. האָט דער פעטער שײַע נאָטע זיך צו־געלייגט אויף אַ בערגעלע בײַם וועג אָפּרוען, און כ ד י ער זאָל ניט פאַרגעסן, אויף וועלכן וועג זיך נעמען, ווען ער וועט אויפשטיין, האָט ער אויסגעטאָן זײַנע שיך און האָט זיי ביידע גלײַך אַוועקגע־שטעלט מיט די נעזער צו וועלעדניק. און אַ צופרידענער פון זײַן פּלאַן האָט דער פעטער געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל. דערווײַל איז פאַרבײַ־געפאָרן דורכ'ן וועג אַ ב ע ל - ע ג ל ה, אַ ל ץ אַ אידל, און דער־זעענדיק דעם פעטערס שיך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז עפּעס באַדײַטן. האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און האָט אומגעדרייט די שיך מיט די נעזער פונקט קיין כײַטשע.

ווען דער פעטער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטאָן אויף דער זון, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ביז מ נ ח ה וועט ער נאָך אָנ־קומען קיין וועלעדניק. האָט ער זיך אויסגעצויגן און אויסגעגענעצט און אָנגעטאָן די שיך און זיך געלאָזט גיין מיט'ן וועג, וואוהין די נעז־לאַך פון די שיך האָבן געצייגט.

אָבער אַנשטאָט קומען קיין וועלעדניק איז דער פעטער שײַע נאָטע אָנגעקומען צוריק אין כײַטשע. און עס האָט זיך געוואונדערט און געוואונדערט דער פעטער שײַע נאָטע, ווי אַזוי ער קומט גאָר קיין כײַטשע. און ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז מ ן - ה ש מ י ם. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז דער ווילן פון גאָט, ער זאָל אונז פאַרגעבן, וואָס מיר האָבן פון אים געלאַכט, און מיר אַלע האָבן זיך אויך געפרייט, וואָס דער פעטער איז צוריקגעקומען און האָט זיך מיט אונז איבערגעבעטן. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר געקוקט אויף דער גוליע מיט מער אָפּשײַ.

מ. טוזמאז.

דער פּעטער עליע

דוכט זיך, פּעטער עליע פאָרט?
יע, דער פּעטער עליע!
יע, געווים, איז ער דאָס דאָרט
אין דער לאַנגער דעליע.

אָט האָט ער אַהינטער'ן הויז
אויסגעשפּאַנט זײַן פערדל,
זעט, ער דרײט דעם שליטן אוים,
טרײסלט זיך זײַן בערדל.

שאַ, ער גײט אין שטוב... אַזוי
אָנגעפּעלצט, פאַרפראָרן,
— גוט'ן אָוונט אײַך! אוי ווײ,
איז דאָס קאַלט געוואָרן!

לאָזן מיר זיך גלײַך צו אים,
שפּיליען אָפּ זײַן דעליע.
שרײַט די מאַמע אָן אויף אים:
— דו צעלאָזסט זײ, עליע!

טו זיך אוים, רו אָפּ פון וועג,
זעץ זיך צו בײַם פײַער...
— וואַרט נאָר, כ'ברענג אַרײַן די פּעק,
ווער איך מיר שוין פרײַער.

שטײען שוין די פּעק אין הויז,
און דער פּעטער עליע
קריכט פאַמעלינקע אַרוים
פון זײַן לאַנגער דעליע.

כאַפּן מיר אים באַלד אַרום
ענג פון אַלע זײַטן,

און די מאַמע — בייזלאַך, קרום —
קוקט אויף אונז פון ווייטן.

שווערע, גרויסע פּעק, — פון אָרט
קאָן מען זיי ניט רירן...
האָט דער פעטער עפּעס דאָרט
אונז געבראַכט צו פירן?

— נו, קאָרשט, קליינוואַרג, קומט אַהער! —
רופט אונז צו דער פעטער. —
— אוי, איך זע, איר קאָנט ניט מער
וואַרטן שוין אויף שפּעטער.

כ'האָב געבראַכט פאַר אייך אַ באַר,
זים, אַ פאַרגעניגן!
ווער עס איז פון אייך דער נאַר,
יענער וועט זי קריגן.

— פעטער טייערער, אוי, גיב,
גיב אונז שוין די באַרן...
ווייל מיר ווייסן, האָסט אונז ליב,
וועסטו אונז ניט נאַרן!

— אוי, — זאָגט ער, — איר זייט, ווייזט אויס,
גאַר ניט קיין נאַראָנים...
און אַ שמייכל שפּילט אַרויס
אויף זיין גוטן פּנים.

— נו, אָט האָט איר אייך דערפאַר! —
ער בינדט אויף אַ פּעקל,
גיט אונז יעדערן אַ באַר
און אַ קניפּ אין בעקל...

נחום יערוסאלימטשיק.

וואָס דוד האָט געקויפט.

יעדע וואָך פלעגט דוד באַקומען פון זײַן מוטער צען סענט. דוד פלעגט דאָס געלט אוועקלייגן אין אַ קליין קעסטעלע און שפּאָרן. ער האָט געדענקט, אַז ווען ער וועט האָבן גענוג געלט, וועט ער זיך קויפן אַ וועליסאָפּעדל. דוד האָט זײַן געלט געהיט און ניט אויסגעגעבן אויף צוקערווערק און אַנדערע נאַרישקייטן, ווי עס טוען אַנדערע קינדער פון זײַן עלטער.

אַ וועליסאָפּעד האָט דוד געוואָלט האָבן שוין זייט אַ לאַנגער צייט. אין דער געגנט, וואו ער האָט געוואוינט, זײַנען געווען ברייטע גאַסן, זייער באַקוועמע זיך צו שפּילן און אַרומצופאָרן. וואָכנלאַנג האָט ער געקליבן געלט, און אַז ער האָט געזען, אַז ער האָט שוין גענוג, האָט ער געבעטן זײַן מוטער, זי זאָל מיט אים גיין קויפן דעם וועליסאָפּעד.

זײַן מוטער איז געווען צופרידן צו גיין מיט אים. דעם גאַנצן וועג, וואָס זיי זײַנען געגאַנגען, האָט דוד ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם, וואָס ער וועט קויפן. אָבער פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו ריידן. דוד האָט זיך פאַרקוקט אויף אַן אַנדער אינגל פון זײַן עלטער, וואָס איז געשטאַנען אין גאַס און געוויינט.

— מאַמע, — האָט דוד געפרעגט, — זאָג מיר, וואָס וויינט דער אינגל?

דוד'ס מוטער איז צוגעגאַנגען צו דעם וויינענדיקן אינגל און אים געפרעגט, וואָרום ער וויינט.

צוערשט האָט דער אינגל ניט געוואָלט זאָגן; אָבער אַז דוד'ס מוטער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער'ן קעפּל און אים שטאַרק געבעטן, ער זאָל דערציילן, וואָס מיט אים איז געשען, האָט ער אָנגעצייגט אויף אַן אַלט, אָרים הויז און געזאָגט:

— אָט דאָרט ליגט מײַן פאָטער זייער קראַנק. ער קען ניט גיין צו דער אַרבעט, און מיר אַלע האָבן ניט וואָס צו עסן.

דוד און זײַן מוטער האָבן געבעטן דעם אינגל, ער זאָל זיי

פירן צו זײַן פֿאָטער. ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער אָרימער וואוינונג, האָבן זיי געזען, ווי אַ קראַנקער מאַן ליגט אין בעט.

— אָ, — האָט דער קראַנקער געזיפֿצט, — ווען איך וואָלט נאָר געהאַט געלט אויף צו רופֿן אַ דאָקטער און נעמען אַ רפֿואה, וואָלט איך געקענט ווערן געזונט און ווידער גײן צו דער אַרבעט.

דוד האָט אַרײַנגעקוקט זײַן מוטער אין די אויגן, נאָכדעם האָט ער געזאָגט שטילערהייט:

— מאַמע! ווײסט מיך לאָזן אָוועקגעבן מײַן געלט אָט דעם מאַן? איך דענק, אַז איך וועל אָנקלײַבן אַנדערע געלט אויף אַ וועליסאַפּעד. איך קען וואַרטן.

די מוטער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפֿערט:

— טו, ווי דו פֿאַרשטײסט, מײַן קינד, און ווי דײַן האַרץ הײסט דיר.

דוד האָט גענומען זײַן טײַסטער און האָט אים אויסגעליי־דיקט אויפֿ'ן טיש. זײַן מוטער האָט אויך צוגעלייגט אַ ביסל געלט פֿון אירע. דוד האָט דעם וועליסאַפּעד ניט געקויפֿט, אָבער ער איז געווען צופֿרידן.

אַז דוד איז איינמאָל ווידער פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס הויז און האָט ווידער געטראָפֿן יענעם אינגל, האָט אים דער אינגל דערציילט אַז זײַן פֿאָטער איז שוין געזונט, אַז ער אַרבעט און פֿאַרדינט.

דרײַ חדשים זײַנען אָוועק פֿון דעם טאָג, ווען דוד האָט זײַן געלט אָוועקגעגעבן דעם אָרימען אַרבעטער. דוד איז אָוועק מיט זײַנע חברים זיך שפּילן בײַם ברעג וואַסער. און די קינ־דער האָבן זיך געשפּילט און געשטיפֿט און איינער דעם אַנדערן גע־שטויסן.

פּלוצלונג האָט איינער אַ שטופּ געטאָן דוד'ן און דוד איז אַרײַנגעפֿאַלן אין וואַסער. ווען די קינדער האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען פֿאַר גרויס שרעק, ווײַל דוד האָט שוין גע־האַלטן אין טרינקען זיך. איי ניקע מענשן זײַנען אָנגעקומען, אָבער קיינער פֿון זיי האָט ניט געהאַט דעם מוט אַרײַנצוגיין אין וואַסער און ראַטעווען דעם אינגל, וואָס האָט זיך געטרונקען.

פלוצלונג איז אָנגעקומען אַ מאַן פון אַן אַנדער זײַט. זעענדיק, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער און האָט אַרויסגעשלעפּט דוד'ן, וואָס איז שוין געווען אַ פאַר'חלש'-טער, קוים וואָס ער האָט געלעבט. ווען דוד האָט געעפנט זײַנע אויגן, האָט ער דערזען, אַז דער מאַן, וואָס האָט אים געראַטעוועט, איז געווען דערזעלבער, וועמען ער האָט אַמאָל אַוועקגעגעבן זײַן גאַנץ געלט, דער מאַן זאָל זיך קענען היילן פון זײַן קראַנקהײַט.

— דאָס ביסטו, דוד? — האָט דער מאַן געפרעגט. — ווי גוט עס איז, וואָס איך בין לעבן געבליבן צו קענען ראַטעווען דײַן לעבן!

תשרק.

זיי עסן קאַווענע. מורילִיא.

דער קלײנער פידל־שפּילער

אין אַ הויז, אין אַ גרויסער שטאָט, האָט געוואוינט אַ מוטער מיט איר אײנציק קינד, אַ מײדעלע. דער פאָטער פון דעם מײדעלע פלעגט אַוועקגײן פון דער הײם גאַנץ פרי און פלעגט קומען ערשט מיט'ן אָוונט.

איינמאל איז די מוטער און דאָס קליינע מיידעלע, וועמעס נאָמען איז געווען מרים, געזעסן ביים פענסטער, און זיי האָבן ארויסגעקוקט אין הויף, וואו קליינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אין שניי און געמאַכט אַ מענשעלע. איז געקומען אַ קליינער אינגל מיט אַ פידל אין האַנט און האָט גענומען שפּילן אַ שיינעם ניגון. און אַז ער האָט דעם ניגון געענדיקט, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן נאָך אַ שענערן. און ווען ער האָט געענדיקט דעם צווייטן ניגון, האָט ער אַראָפּגענומען זיין היטל און האָט געוואַרט, ביז אימיצער וועט אים אַרונטערוואַרפן עפּעס געלט. באַלד איז פון דעם פענסטער, פון וועלכן מרים און איר מוטער האָבן אַרויסגעקוקט, אַראָפּגעפאַלן אַ צוזאַמענגעלייגט פּאַפּירל, און אין דעם איז געלעגן אַ גאַנצער פינף-סענט שטיק.

דער אינגל האָט זיך פאַרנייגט און געדאַנקט. ער האָט געזען, ווי די קליינע מרים באַגריסט אים מיט איר קליין הענטל. דער אינגל האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן גענומען שפּילן נאָך אַ ניגון, און דאָס איז שוין געווען ניט אַ פריילאַכער ניגון, ווי די פריערדיקע, נאָר אַן אומעטיקער.

מרים האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מוטער און געפרעגט:

— „מוטער! פאַר וואָס האָט די פידל פריער געלאַכט און איצט וויינט זי?“

— „דאָס איז דערפאַר,“ — האָט די מוטער דערקלערט, — „וואָס דער אָרימער פידל-שפּילער האָט ניט קיין מאַמען“.

אויף מאָרגן איז דער קליינער פידל-שפּילער ווידער געקומען מיט זיין פידל און האָט געשפּילט אין הויף. מרים האָט זיך ווידער צוגעהערט און זיך פאַרטראַכט. זי האָט נאָכדעם אַ גאַנצן טאָג געטראַכט פון דעם קליינעם פידל-שפּילער.

אויף דעם דריטן טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם. אַ געדיכטער שניי איז געפאַלן, און דער ווינט האָט געריסן די דעכער פון די הייזער.

— „מאַמע“, — האָט מרים געפרעגט, — „דענקסטו, אַז היינט וועט ער אויך קומען, דער קליינער מוזיקאַנט?“

— „ניין, מיין קינד, ניט אין אזא וועטער ווי היינט". — האט די מוטער געענטפערט.

אבער דער אינגל איז דאך געקומען. ער איז געקומען שפע־טער, ווי די ערשטע צוויי טעג, און ער איז געוועזן פארשאטן מיט שניי.

— „זע, מוטער, ווי ער זעט אויס". — האט מרים געזאגט. — „ער מוז זיין פארפרארן. לאמיר אים אריינרופן אין הויז זיך אנ־ווארימען".

די מוטער האט א שמייכל געטאן. זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט געהייסן דעם אינגל אריינקומען אין הויז. דער אינגל האט געפאלגט.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען, האט אים מרים באגריסט און געפרעגט, צי עס איז אים קאלט; און איר מוטער האט אים גע־האלפן ארונטערציען זיין אלט צעריסן רעקל. זי האט אים אוועקגעזעצט ביים טיש און געגעבן טרינקען ווארימע מילך און פו־טער־ברויט צו עסן.

און אז דער אינגל האט זיך אנגעווארימט און געשטילט זיין הונגער, האט ער גענומען זיין פידל אין האנט און האט גענומען שפילן. און ער האט געשפילט אזא שיינעם ניגון, וואס מרים האט נאך קיינמאל אזא ניט געהערט.

און אזוי פלעגט דער קליינער פידל־שפילער נאכדעם קומען יעדן טאג. ער פלעגט צוערשט אפשפילן אין הויף און נאכדעם, אז מרים׳ס מוטער פלעגט אים ארויפרופן, פלעגט ער אריינקומען אין הויז און שפילן פאר מרים׳ען.

איינמאל האט געטראפן, אז דער ארימער אינגל איז אינגאנצן ניט געקומען. מרים איז געווארן זייער אומרואיק. איר מוטער האט זי געטרייסט, אז ער וועט קומען א טאג שפעטער. ער איז אבער ניט געקומען ניט דעם צווייטן טאג און ניט דעם דריטן. און אז עס איז אריבער א גאנצע וואך און ער איז ניט געקומען, האבן מרים און איר מוטער אנגעהויבן צו גלויבן, אז מיט דעם פידל־שפילער איז אן אומגליק געשען, און אז ער וועט שוין מער ניט קומען.

איינמאָל, ווען מ ר י מ ' ס פּאָטער איז ביינאַכט געזעסן אין דער היים, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

„פאַרוואָס איז אונזער מ ר י ם אַזוי אומעטיק?"

האָט אים די מוטער דערציילט וועגן דעם קליינעם פידל־שפּילער, וואָס פלעגט קומען יעדן טאָג און איז נאָכדעם פלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן.

דער פאָטער האָט אויך געטרייסט מ ר י מ ' ע ן, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט טרייסטן. עס זיינען אַוועק וואָכן, ח ד ש י ם, אַ גאַנץ יאָר, און מ ר י ם פלעגט יעדן פרימאָרגן קוקן אין פענסטער צום הויף, טאָמער קומט דער פידל־שפּילער.

ער איז אָבער ניט געקומען.

און מ ר י ם איז דערווייל געוואַקסן און איז געוואָרן עלטער און גרעסער. זי איז שוין געווען אַ גרויסע מיידל, און אַלע האָבן זי ליב געהאַט פאַר איר שיינקייט און גוטסקייט.

אָבער ווער עס האָט זי געזען, א פ י ל ו צום ערשטן מאָל, האָט גלייך געקענט באַמערקן, אַז די שיינע, קלוגע און גוטע מיידל איז זייער אומעטיק, און אַז צייטנווייז רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ ביי איר פון האַרצן.

וואָס גרעסער און עלטער מ ר י ם איז געוואָרן, אַלץ אומעטיקער און בלאַסער האָט זי אויסגעזען. אירע עלטערן זיינען געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט וועגן איר, און זיי האָבן זיך באַראַטן מיט אַ דאָקטער.

„זי איז ניט קראַנק", — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — „נאָר זי ליידט פון אַ בענקשאַפט, וואָס מאַכט זי פילן זייער אומעטיק".

איינמאָל איז מ ר י ם שטאַרק קראַנק געוואָרן און האָט געמוזט ליגן אין בעט.

עס איז געווען אַ שיינער פרימאָרגן. מ ר י ם איז געזעסן אין בעט און געגעסן דעם פרישטיק, וואָס איר מוטער האָט געבראַכט. פלוצלונג האָט זיך דערהערט פון הויף אַ שפּילן פון אַ פידל. מ ר י ם האָט זיך גענומען צוהערן.

דער נ י ג ו ן איז איר געווען זייער באַקאַנט. זי האָט אַ

שמײַכל געטאָן און גלײַך זיך גענומען פילן קרעפטיקער. זי איז אַרונטער פון בעט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט דאָרט דערקענט דעם פידל־שפּילער. ער איז אָבער שוין ניט מער געווען קײן קלײנער אינגל, נאָר אַ דערוואַקסענער מאַן און איז געווען גע־קלײדט זײער רײַך.

באַלד איז ער אַרײַנגעקומען אין הויז און האָט דערצײלט זײַן געשיכטע. אַ רײַכער מאַן, וואָס האָט אים געהערט שפּילן, האָט אים געשיקט לערנען שפּילן אין אַ גרויסער מוזיק־שול אין אײראָפּע. און ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער קינסטלער, וועט ער קומען און איבערראַשן די מענשן, וואָס זײַנען געווען גוט צו אים אין דער צײַט, ווען ער איז געווען אַן אָרימער אינגל.

מ ר י ם איז געזונט געוואָרן, און שפּעטער האָט זי מיט דעם פידל־שפּילער ח ת ו נ ה געהאַט.

תשרק.

דער שלאָף.

אײנס, צווײ, דרײַ, פיר, —
קינדער קלאַפּן אין מײַן טיר.

— קינדער גוטע, קומט אַרײַן,
וועט איר גוטע געסט דאָ זײַן.

און בײַ מיר אין קלײנעם הויז
אין אַ רעדל זעצט זיך אויס.

זיצט און שווײַגט און ביז'ל ס ו ף
הערט אַ מ ע ש ה'לע פון שלאָף:

אַז דער ליבער טאָג פאַרגײט,
און אין מ ע ר ב־זײַט ווערט
רויט,

און די זון אין פײַער פלאַם
שלאָפן גײט אין ווײַטן ים, —

מאני לייב

דעמאָלט ערגעץ פון דער ערד,
ניט געזען און ניט געהערט,

קומט דער אָוונט שטיל אַרויס,
און גייט אום גאַס אייַן, גאַס
אויס.

איז נאָר ווי און וואו ער גייט,
ווערט אַ פינסטערניש
פאַרשפרייט.

און אַז קינדער גאָר נאָך קליין
שרעקן זיך צו זייַן אַליין,

און מען זעט ניט, וואָס צו טאָן,
צינדט מען באַלד די לאָמפּן אָן.

לייַכט אַ לאָמפּ אין יעדן הויז.
זעצן זיך די קינדער אויס

אַרום טיש און ריידן ניט,
עסן, טרינקען, וואָס מע גיט.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק-טאַק נאָכאַנאַנד.

און אַז קינדער עסן נאָך,
מאַכט דער שלאָף דערווייַל אַ
לאָך

ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פון לאָך זיך שטיל,
שטיל, שטיל.

זעט ער — קינדער עסן נאָך,
קריכט צוריק אַרייַן אין לאָך!

זעט ער, קינדער עסן אָפּ,
עסן אָפּ און טרינקען אָפּ,

קריכט דער, שלאָף פון לאָך
אַרויס,
שאַרט זיך בייַ די ווענט פון הויז,

קריכט אין שייַן פון לאָמפּ אַרייַן,
רוימט פון שייַן צו מאַמעס אייַן:

„האָט איר קינדער קליין און
שיין,
איז שוין צייַט זיי שלאָפן גיין“.

זעען מאַמעס, אַז ס'איז שפעט,
נעמט מען אויסבעטן דאָס בעט,

און די קינדער גוט און פייַן
לייגן זיך אין בעט אַרייַן.

מאַכן זיי די אייגלאַך צו
שלאָפן אייַן אין גוטער רו.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק-טאַק נאָכאַנאַנד.

און אַז קינדער שלאָפן אייַן,
קריכט דער שלאָף צוריק אַרייַן

אונטער בעט אין לאָך פון דיל.

און ער ליגט דאָרט שטיל,
שטיל, שטיל.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
ציילט זיך טיק-טאַק נאָכאַנאַנד.

און אין פענסטער מיט איר שיין
די ל ב נ ה קוקט אַריין.

און מיין מ ע ש ה'לע פון שלאָף
איז שוין איצטער ביי איר ס ו ף.

מאני לייב.



קענסטו ניט רעדן? האָלמס.

דאָס יאָר.



אויף דער נאַטור. זשאַק.

אַנטקעגן מײַן פענסטער.

אַנטקעגן מײַן פענסטער, אין נעפּל פאַרצויגן,
אַ בוים שטייט אַן אַלטער, אין דרײַען געבויגן.

עס הענגען די צווײַגן, נאָר דאַרע סקעלעטן.
די בלעטער, שוין געלע, צעזייט און צעטרעטן.

פון זומער פון גרינעם קיין ז כ ר געבליבן;
די פויגלען, די זינגער, פאַריאָגט און פאַרטריבן.

און ס'ציטערט דער אַלטער פון שנײַדנדען וועטער:
געאַרבעט אַ זומער, צום ווינטער — אַן בלעטער.

אב. וויקטאָר.

דער הערבסט

טרויעריקע בילדער! וואָלקנס אָן אַ ש י ע ו ר ;
נאָכאַנאַנד דער רעגן, טײַכעלאַך בײַם טיר.

אַ פֿאַרדאַרטעס בײַמל שאָקלט זיך אַ שרעק!
ס׳קוקט דאָס גאַנצע שטעטל, ווי אַ גראָער פֿלעק...

וואָס ביסטו געקומען, הערבסט, גאָר אומגעריכט?
ס׳וויל דאָס האַרץ נאָך האָבן וואַרימקײַט און ליכט.

קיינער ניט צופֿרידן איז מיט דײַן באַזוך;
פֿאַר׳ן אָרימן מענטשן ביסטו גאָר אַ פֿלוך.

שוין באַצײַטנס פֿילט ער גאָר דײַן בייזע מאַכט,
ווי פֿאַר קעלט די קינדער ציטערן בײַנאַכט.

נישט קיין האָלץ אין אויוון, אָן אַ קלייד דער ג ו ף.
וואָס האָסטו געאײַלט זיך, הערבסט, אויף וועמעס רוף?

זעסט, דער בלייכער, קראַנקער אײַנגעהאָרבעט שטייט
ווי האָט אים דער זומער פֿריש געמאַכט, געפֿרייט!

און אַצונד — דאָס רוישן פֿון די בלעטער-געל
טרײַבן אָן אַן אומעט אויף זײַן קראַנקער זעל...

פֿרי געקומען ביסטו, הערבסט, צו גאַסט אַהער;
פֿילע וועלן זומער ניט דערוואַרטן מער...

א. רייזען.

דער וואַלד אין הערבסט

אַך! — ברעכט אַרוים דער וואַלד
מיט שטורעם און געוויין. —
וואו זיינען זיי, וואָס האָבן זיי
געלאָזן מיך אַליין?

איך האָב דאָך איטלאַכס פייגעלע
פאַרזאָרגט מיט ד י ר ה, קעסט.
געגעבן פרייהייט: שפרינגט און זינגט,
צי ליגט באַרוט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינט פון האַרבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט,
צעפלויגן זיינען זיי פון מיר,
דעם „זיי־געזונט!” פאַרפירט.

א. רייזען.

די בלומען אין האַרבסט

„אוי, איז דאָס געוועזן
היינט אַ שווערע נאַכט:
קיינער האָט פון אונז
קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

ס'האָט אַזוי געשמיסן
אונז דער קאַלטער ווינט,
האָט געפליקט, געריסן
יעדעס בלומען־קינד!

ס'האָט אַזוי דער רעגן
אונז גענעצט, געווייקט
און די נאַסע קעפּלאַך
ביז צו דר'ערד געבויגט!

זעט, וואָס ס'איז געוואָרן,
ווי מיר זײַנען נאַס,
אײַנגעבויגן אַלע,
אומעטיק און בלאַס.

און די שײנע קלײדער —
ווי זײ זעען אויס!
אָפּגעריסן אַלע,
ס'הענגען שטיקער בלויז.

ס'גײט דער האַרבסט, דער טריבער,
מיט זײַן שאַרפן שווערד,
ס'פאַלט פון אים אַ שאָטן
אויף דער פײַכטער ערד!"

ה. רויזנבלאַט.

די פאַרשפּעטיקטע רויז

דער הימל איז באַדעקט מיט אַ בלײַערן-גרויען וואָלקן. דער ווינט בלאָזט און שאָקלט מיט די בלויזע בײמער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבערגעלאָזט נאָר עט-לאַכע דערנער. די ערד איז הויל און וויסט... דער קאַלטער ווינטער גײט!

ערשט דאַמאָלט האָט זיך מ י ש ב געוועזן אַ רויז און האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן אײנע אַלײן אויף אַ קזשאַק אויפ'ן פרײַען פעלד.

און שאַרלאַך־רויט איז זי געווען, און געציטערט און געצאַפּלט שוין פאַר קעלט.

זי האָט מיט אַלע כ ו ח ו ת אויסגעצויגן אירע לאַנגע, שוואַכע בלעטלאַך צו כאַפּן נאָך אַ וואַרימן, נאָך אַ ליכטיקן שטראַל.

אומזיסט! צו־שפּעט!

ערגעץ אַנדערשוואו איז איצט זומער! ערגעץ אַנדערשוואו דערוואַכט ערשט דאָס נײַע לעבן; נײַע האָפֿנונגען, נײַע פֿרייד, נײַע לוסט! ערגעץ אַנדערש בליען נײַע פֿרישע רויזן; אָבער דאָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבן!

דער ווינטער, דער מ ל א ך ־ ה מ ו ת, גייט! זײַן אָטעם איז פֿראָסט, זײַן הויך איז שניי...

— אָך, גאָט, — וויינט די רויז, — האָב ר ח מ נ ו ת אויף מיר! איך בין אַזוי יונג, איך וויל אַזוי לעבן! פֿאַרוואָס באַהאַלט זיך פֿון מיר די זון? פֿאַרוואָס זאָל מיך פֿאַר דער צײַט אונטערשנײַדן דער פֿראָסט, פֿאַרשיטן דער שניי? וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין צו שפּעט געקומען? פֿאַרוואָס זאָל איך שטאַרבן גאָר אומגעלעבט? פֿאַרוואָס זאָל איך אַוועקגיין פֿון דער וועלט אָן אַ שטראַל פֿון דער זון, אָן אַ וואַרימער, גוטער ר ג ע?

— האַלט ס'מויל! — האָט אַ פֿײַף געגעבן דער בייזער ווינט און האָט פֿאַרשאָטן די וויינענדיקע בלום מיט שטויב און פֿוילע בלעטער.

י. ל. פּרץ.



דער פאַרפאָראָענער טײַך

ניט אײן טאָג, ניט צװײ און ניט דרײַ טעג האָט דער פראָסט זיך געפּרואװט אָפּצושטעלן דעם טײַך; אַלע טאָג פלעגט ער קומען אויף אַ בײזן װינט און פלעגט װילד בלאָזן. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן — דער טײַך האָט זיך געטאָן זײַנס: געפּליסט און פרײלאַך גערוישט.

און דער פראָסט האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן; ער מוז װײַזן דעם טײַך, װער עלטער איז! און װאָס אַ טאָג פלעגט זײַן צאָרן ברענענדיקער װערן, און מיט אַלערלײ בײזע װינטן, שטורעם און שנײען פלעגט ער דעם טײַך באַלאַגערן.

און ביסלאַכװײַז האָט זיך דער טײַך אָנגעהויבן אונטערצוגעבן. ער האָט זיך מיט װײטיק איבערצײַגט, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מער שטאַרקן, מיט אַ מער בײזן.

פאַרפאַלן — עס מוז געשען!

אין אײן פרימאָרגן האָט ער זיך דערפילט װי פאַרצויגן מיט אַ בעלמע און נאָר װי דורך אַ נעפּל זעט ער דעם הימל. דעם צװײטן טאָג האָט ער זיך נאָך ערגער געפילט: די בעלמע איז דיקער געװאָרן און דער הימל איז שוין אינגאַנצן פאַרשטעלט. דאָס באַװעגן זיך װערט אים אַלץ שװערער, און שפּילן זיך מיט די כװאַליעס איז שוין גאָר אוממעגלאַך.

ער האָט זיך געשטעלט!

שװער איז אים זיך צוצוגעװאוינען צו אַזאַ שטילקײַט, צו אַזאַ טויטקײַט; ער רײַסט זיך, ער װיל אַרויסשפּרינגען — אומזיסט!

און װאָס אַ טאָג פילט ער אַלץ נענטער דעם טויט. און דער דיקער אײַז פרעסט אים װי מיט טויזנטער שטײנער.

א. רײזען.

דער מלך ווינטער

איז דער שניי אַרומגעפלויגן
מיט דער נאַכט דורך אַלע מערק,
איר געבלענדט די שוואַרצע אויגן,
און געטאַנצט אויף ווייסע בערג.
איז דער גראָער שפּראָץ געקומען
און פאַרגלעט די הויכע בײַמן,
האָט דערנאָך די זון גענומען
אויף דער גאַס אַ יום־טוב גרײַטן...
קרוינען אויף די קוימענס, לײַכטער אויף די דעכער,
אויסגעטאַקטע זילבער־בעכער
אויף די הויכע שטאַנגען,
אויף די דראָטן
אָנגעשאָטן
שנורן שימערדיקע שפּאַנגען...

טאַנצן קינדער אין די בעטן,
טוען אָן זיך וואָס געשווינטער —
ניט אַ רגע צו פאַרשפּעטן:
ווינטער, ווינטער, מלך־ווינטער!
מאַמע, מאַמע, קוק אַרויס,
זע די טורעמס קעגן הויז.
אַלטער קאַלטער זיידע פראָסט
האָט פאַרגעסן און געלאָזט
אויף דער ערד זײַן ווייסן קיטל...

אָנגעוויקלט ווי אַ קנויל,
און געכאַפּט אַ בים אין מויל
און פון אַלקערל דאָס שליטל, —
הענדום־פּענדום פון די שטיגן,
און חברים באַלד געקריגן,

און אַ שאָט זיך פון די הײַזער
מיט געפילדער אויף דער גאַס.

אײנער איז דער ערשטער װײַזער.
װערט אַ ברײטער גלאַטער פּאַס;
און דערנאָך פון באַרג אין טאָל
פליען אַלע מיט אַמאָל.

שפּרינגען אין דעם װײכן שניי
יונגע מאַמעס הינטער זײ,
װער אַהער און װער אַהין,
מיט געשפּאַסן און געלעכטער;
העלפן מונטער קלײנע זין,
פירן אונטער קלײנע טעכטער
און אַ גליטש מיט זײ צוזאַמען.
אויגן פינקלען, באַקן פלאַמען —
מ ל ך־װינטערס װאונדער־רויז.
פאַלן האָר פאַנאַנדער לויז,
און דער פראָסט באַפּוכט מיט פודער...

װערט אַ ליאַרעם און גערודער:
אַ געשפּאַן פון שליטלאַך פאָרט,
זיבן אין אַ רײ געפאָרט,
און אַ מאַמע אויבן־אָן,
אין אַ גרינעם קאַפּיושאָן,
פירט און קירעװעט דעם צוג.
און אין מיטן, טו אַ קוק,
גלײַך פון הינטן זאַלבע־צענט
אַ געפלעכט פון פּיס און הענט
און אַרײַן אין סאַמע מיטן;
קערט זיך איבער יעדער שליטן,
ליגן קינדער אײַנגעקנאָטן
אין די גריבער שניי, װי קראָטן,

ברוין און געל און גרין און ווײַס,
אויסגעמישט מיט שטיקער אײַז,
הענטשקעס, היטלאַך, שיך און שאַלן...
שרײַט אַ קלײנער עסקימאָ,
אָנגעפּעלצט אין רויט און בלאָ:
„קינדער, לאָמיר ווידער פאַלן!“...

יהואש.

אַ קויל שנײ

הײַנט אינדערפרי האָט זיך, בשעת'ן אַרויסגײן פון שול, געטראָפן אַ מיאוס'ער צופאַל. אַ חברה אינגלאַך האָבן זיך אָנגעהויבן צו וואַרפן מיט קוילן שנײ. דער שנײ האָט שוין געהאַלטן אין צעגײן, און די קוילן זײַנען געווען שווער און האַרט ווי שטײן.

אויפ'ן טראָטואַר זײַנען געווען אַ סך מענשן. אײנער האָט אַ געשרײ געטאָן: „אין דער זײַט, קלײנוואַרג!“ — און אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ שרעקלאַך געשרײ אויף דער צווײטער זײַט גאַס, און מיר האָבן דערזען עפּעס אַן אַלטיטשקן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו בײגן. דער קאַפּעלוש איז אים פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן; ער האָט זיך דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט, און עפּעס אַ אינגל לעבן אים האָט געשריגן: „הילף! הילף!“

זײַנען זיך מענשן צונויפגעלאָפן פון פאַרשײדענע זײַטן, זײ האָבן דערזען — דעם אַלטן האָט געטראָפן אַ שנײ־קויל גלײַך אין אויג אַרײַן.

די אינגלאַך זײַנען זיך צעפלויגן ווי אַ ווינט. איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר פון דער בוכהאַנדלונג, וואוהין מײַן טאַטע איז אַרײַנגעגאַנגען, און געזען, ווי פון דאָ און דאָרט זײַנען זיך צונויפגעלאָפן עטלאַכע פון מײַנע קאָלעגעס און אויך שטײן געבליבן, מאַכנדיק זיך, ווי זײ קוקן אויף דער אויסשטעלונג פון די ביכער. עס איז צווישן זײ געווען גאַראָן, מיט זײַן געווײנטלאַכן שטיק ברויט אין קעשענע, קאָרעטי, גאַראָפי און אַנדערע.

דערווײַל האָט זיך אַרום דעם אַ…ן צונויפֿגעקליבן אַן ע ו ל ם, און אַ מיליציאַנט און נאָך אַנדערע מענשן זײַנען אַרומגעלאָפֿן אין אַלע זײַטן, דראָענדיק און פֿרעגנדיק:

— ווער האָט דאָס געטאָן? וועלכער פֿון אײַך? דו האָסט גע־וואָרפֿן? זאָגט, ווער האָט דאָס געטאָן? — און זיי האָבן באַקוקט בײַ די אינגלאַך די הענט: ווער האָט נאַסע הענט פֿון שניי. גאַראָפּי איז געשטאַנען צום נאָענטסטן פֿון מיר. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ציטערט, און אַז דאָס פּ נ י ם איז בײַ אים ווײַס, ווי קאַלך.

— ווער האָט געוואָרפֿן?… וועלכער פֿון אײַך? — שרײַען אַרום אונז די מענשן. און דאַמאָלסט האָב איך דערהערט ווי גאַראָן האָט אײַנגערוימט גאַראָפּין:

— גיי, זיי זיך מ ו ד ה! עס וואָלט געווען געמיין פֿון דײַן זײַט, ווען דו וואָלסט דערלאָזט מען זאָל פֿאַרהאַלטן אַן אַנדערן.

— אָבער איך האָב דאָך נישט אומישנע… — האָט אים גאַ־ראָפּי צוריקגעשעפּטשעט, ציטערנדיק, ווי אַ בלאַט אויפֿ׳ן ווינט.

— דאָס איז גאָרנישט! טו, וואָס דײַן ח ו ב איז! — האָט גאַראָן איבערגע׳ח ז ר׳ט.

— אָבער איך האָב דאָך מ ו ר א…

— האָב נישט קיין מ ו ר א! איך וועל גיין מיט דיר. — און דערווײַל האָבן די מיליציאַנטן אַלץ העכער געשריגן:

— ווער האָט געוואָרפֿן?… וועלכער האָט געוואָרפֿן?… מען האָט אים די ברילן אין אויג אַרײַנגעהאַקט! מען האָט אים בלינד גע־מאַכט! ר ו צ ח י ם!…

כ׳האָב געמיינט, אַז גאַראָפּי וועט זיך אין דער ערד אַרײַן באַ־גראָבן.

— גיי! — האָט אים גאַראָן געזאָגט, אַנטשלאָסן אויף אַלצ־דינג. — איך וועל דיך פֿאַרענטפֿערן!

און אַנכאַפּנדיק זײַן אָרעם, האָט ער אים אַ שטופּ געטאָן פֿאָרויס, אונטערהאַלטנדיק אים, ווי אַ קראַנקן, מיט זײַן אייגענעם אָרעם.

האָבן דאָס דערזען מענשן, האָבן זיי פֿאַרשטאַנען; און עטלאַכע

פון זיי זייַנען אַנגעלאָפן מיט אויפגעהויבענע פויסטן. גאַראַן אָבער האָט גאַראַפין פאַרשטעלט מיט זיך און געזאָגט:

— וואָס איז? גאַנצע צען גייט איר אויף איין אינגל?

האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעהאַלטן, זיך אָפּגערוקט, און דער מי־ליציאַנט האָט אָנגענומען גאַראַפין בייַ דער האַנט און אים געפירט, אַדורכשטופנדיק זיך דורכ'ן המון צום געוועלב פון געבעקס, וואו מען האָט דעם פאַרוואונדעטן געגעבן די ערשטע הילף. ווען איך האָב אים איצט דערזען פון דער נאָענט, האָב איך באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דער אַלטער באַאַמטער, וואָס וואוינט בייַ אונז אין הויז אויפ'ן פערטן שטאָק צוזאַמען מיט זייַן אייִדים.

— איך האָב נישט אומישנע! — האָט זיך גאַראַפי געבעטן, אַ האַלב טויטער פון שרעק. — איך האָב נישט אומישנע!...

צוויי צי דרייַ מענשן האָבן אים אַ שרעקלאַכן שטויס געטאָן, שרייַענדיק:

— מיט'ן קאָפּ אָן דער ערד! בעט אַנטשולדיקונג!

און זיי האָבן אים אַנידערגעוואָרפן אויפ'ן דיל. אין דער רגע אָבער האָבן אים צוויי שטאַרקע אָרעמס אויפגעהויבן, און עס האָט זיך דערהערט אַ מענלאַך קול:

— ניין, מייַנע הערן!

דאָס איז געווען אונזער דירעקטאָר, וואָס האָט אַלץ געזען.

— אַז ער האָט געהאַט מוט זיך מודה צו זייַן, — האָט ער ווייַטער גערעדט, — האָט קיינער נישט קיין רעכט אים צו שטייסן!

אַלע זייַנען שטיין געבליבן שטיל.

— בעט אַנטשולדיקונג! — האָט אַצינד דער דירעקטאָר גע־זאָגט צו גאַראַפין, וואָס האָט אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין, אַרומנע־מענדיק דעם אַלטנס קני.

און דער אַלטער האָט אָפּגעזוכט מיט דער האַנט זייַן קאָפּ און אים אַ גלעט געטאָן איבער די האָר.

דאַמאָלסט האָבן זיך עטלאַכע מיט געדירטע שטימען אָנגערופן:

— גיי, אינגל, אַהיים! גיי! גיי אַהיים!

אויפ'ן וועג אַהיים האָט מיר דער טאַטע געזאָגט:

— הענריק! און דו וואָלסט אין אַן ענלאַכן פאַל געקאָנט האָבן אַזוי פיל מוט צו דערפילן דײַן ח ו ב און זיך מ ו ד ה צו זײַן אין דער שולד?

— יאָ. — האָב איך געענטפערט.

און דער טאַטע האָט געזאָגט:

— גיב זשע מיר, מײַן זון, דאָס וואָרט פון אַן אָרנטלאַכן און ערנהאַפטן אינגל, אַז דו וועסט אַזוי טאָן!

— כ׳גיב דיר דאָס וואָרט, טאַטע!

ע. ד׳אַמיטשיס.

אין שנײ

בלימעלאַך, קרענצעלאַך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט.
גוט איז אונז איצטער בײַם פריײלאַכן פײַער אין הויז!
ביז׳ל דער נאָפּט אין דעם שטילינקן לעמפּל גייט אויס,
ביז׳ל דער זייגער טוט ב ר ו ג ז׳לאַך שעפּטשענען: „שפּעט,
צײַט שוין צו ליגן אין וויכן, אין וואַרימען בעט!“ —
וועל איך בײַם וואָיען און בלאָזן פון ווינט
מ ע ש ה׳לאַך, לידעלאַך זינגען, דערציילן מײַן קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזן אַ איד.
אונטער׳ן אָרעם אַ פּעקל, טויט-הונגעריק, מיד;
נאָר מיט ב י ט ח ו ן אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלנד אין אָפּענעם, שנייאיקן פעלד.
פעלד הינטער אים און פאַר אים אין דער ווײַט, אין דער בריית,
שניי איז אים איבער די קני, און דער וועג איז פאַרווייט;
און ווי אַ פויגל אַ ווילדער טראָגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אַן שניי, גיט אַ דריי אין דער לופט און פאַרשווינדט,
קומט באַלד צוריק, רײַסט דעם אידן די פּאָלעס און באָרד,
קוים מיט די כ ו ח ו ת דער איד האַלט זיך אײַן אויפ׳ן אָרט.

הײבט אויף דער איד צו דעם הימל מיט ר ח מ י ם זײַן בליק:
גאָטעניו, ברענג דו ב ש ל ו ם אַהײם מיך צוריק!
נאָר איבער אים איז דער הימל אַ גרויער ווי בלײַ,
און אַרום אים טראָגט דער ווינט זיך אַ ווילדער און פרײַ.
הערט ניט דער הימל דעם אידנס געבעט און געשרײ,
שטײסט אים דער ווינט און ער וואַרפט אים אַ מידן אין שנײ.
אויפשטײן פון שנײ האָט שוין מער ניט קײַן כ ו ח דער איד,
עפּעס אַ פוילקײַט אַ זיסע פילט אָן יעדעם גליד.
און אין די בײנער צעגיסט זיך אַ וואַרימע רו.
אָט, און די אויגן פאַמעלינקע שליסן זיך צו.

פלוצלונג — ער גלויבט זיך אַלײן ניט — אַ קרעטשמע זאָל זײַן?
ס'שלאָגט אין דער נאַכט פון אַ פענסטער אַ פריילאַכער שײַן,
ס'ריפּעט דער ווינט מיט'ן טויער, מאַכט צו, עפנט אויף,
שליטנס געלאָדן מיט ס ח ו ר ו ת פול שטײען אין הויף.
און בײַ די שליטנס פאַרבונדענע שטײען די פערד,
עסן דעם האָבער און רײַסן דעם שנײ ביז דער ערד.
פרײט זיך דער איד, וואָס דער ב ו ר א האָט אין אַזאַ נאַכט

אים צו אַ מענשלאַכן י ש ו ב ב ש ל ו ם געבראַכט.
קלאַפּט ער אין טיר, און מען עפנט אים באַלד — ס׳אַראַ פרייד!
פריילאַכע אידישע פּ נ י מ׳ער, אידישע רייד!
איבער דער שטוב גיסט די הענג-לאַמפּ אַ ליכטיקייט אויס.
ס׳טראַגט זיך אַ ר י ח פון טאַביק און בראַנפן און שוויים.
גיבן די אידן אים „ש ל ו ם״: „פון וואַנען אַ איד?״
לאַכט ער: אַז ער האָט געלאָזט זיך צו־פוס פון יאַריד,
און אַז דער וועג איז געוועזן אַ ביסעלע שווער,
האָט ער געבלאָנזשעט, ביז ער האָט געטראָפן אַהער.
לאַכן די אידן מיט אים, נאָר זיי ווערן באַלד שטיל...
יעדערנס הארצן פילט אָן אַ ר ח מ נ ו ת-געפיל,
יעדערנס פּ נ י ם און שטערן ווערט כמורנע, פאַרטראַכט:
„ווי לאָזט אַ איד זיך צו־פוס גיין אין אַט אַזאַ נאַכט?!״

ווערט באַלד דער טיש מיט מ א כ ל י ם און בראַנפן געגרייט,
וואַשט זיך צום עסן דער איד, מאַכט ה מ ו צ י א אויף ברויט,
זאָגט צו די אידן „ל ח י י ם!״ — „ל ש ל ו ם, ר׳ איד!״
עסט ער און טרינקט, און אַ וואַרימע זאַטיקע פרייד
גיסט זיך, צעגייט אין זיין האַרץ, אַזש ס׳לייב ווערט אים הייס,
ווישט מיט׳ן האַנט ער פון פּ נ י ם דעם וואַרימען שווייס.
עסט ער און טרינקט און ער עסט, אַזש עס גייט שוין ניט מער.
בענשט ער, און ס׳שיינט אין זיין אויג אַ גאָטספאַרכטיקע טרער.
איצטער וואָלט ער מיט די אידן געשמועסט ביז שפּעט!
אָבער עס וואַרט און עס ווינקט אים די פּוכאָווע בעט,
אָבער די ביינער, דערוואַרימטע, גאַרן צו רו,
און ווי פון זיך זיינע אויגן האַלב שליסן זיך צו,
און צו דעם קישן עס ציט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אַזוי אין די קליידער אין בעט ווי אַ סנאָפּ.

פּלוצלונג דערפילט ער — זיין האַלז ווערט צוזאַמענגעדריקט,
עמיצער וואַרפט זיך אויף אים, אַזש דער אָטעם פאַרשטיקט!!!
און ער דערזעט באַלד זיין ווייב און די קינדערלאַך שטיין,
ברעכן די הענט, ברעכן אויס אין אַ ביטער געוויין.

אָ! ניט געוויינט האָט זיין ווייב און זיין לייבלאָכעס קינד,
נאָר איבער אים אויפ׳ן פעלד האָט געוואָיעט דער ווינט.
מאָרגן, פרימאָרגן, ווען שטיל נאָך געשלאָפן איז גאָט,
זיינען שוין גוים מיט שליטנס געפאָרן אין שטאָט;
האָבן די גוים געפונען דעם אידן פאַרוויינט.
האָבן די גוים געפונען דעם אידן שוין טויט.

מאני לייב.

אין אַ ווינטער־נאַכט

אין צימער אין מיינעם איז וואַרים און ליכטיק,
עס קנאַקן די קוילן אין אייוועלע שטיל.
איך זיץ אַ פאַרטראַכטער און קוק אויפ׳ן פייער,
און קוק, ווי די פונקען פאַרגייען אַן ציל.

געוועזן איז פרילינג — מיט בלעטער און בלומען...
און זומער — אַ פרייע און ליכטיקע וועלט.
און פייגעלאַך האָבן אין וועלדער געזונגען,
און ס׳האָבן זיך מענשן געפרייט אויפ׳ן פעלד.

און נאָכדעם דער הערבסט האָט די טרוימען פאַרטריבן,
די בלומען צעריסן, דעם יום־טוב צעשטערט.
עס זיינען די ווינטן און רעגנס געקומען
און האָבן מיט טרערן פאַרגאָסן די ערד...

און איצט האָט דער ווינטער פאַרגליווערט די טרערן,
פאַרטויבט און פאַרפראָרן דאָס לעצטע געפיל.
איך זיץ אַ פאַרבענקטער און מידער ביים פייער
און קוק, ווי די קוילן פאַרלעשן זיך שטיל.

נחום יערוסאלימטשיק.

ווינטער־ליד.

אוי, נעסטעלאַך, נעסטעלאַך פוסטע! מיט שנײ
פאַרשאָטן, פאַרגליווערט געוואָרן...
עס פליען די ווינטן און קלאָגן אויף זײ,
און רוישן און גרימען מיט צאָרן...

אוי, פײגעלאַך ליבע! וואו זײַנען זײ איצט?
אַוועק איבער בערג, איבער מערן,
אַהין, וואו דער מאָרגנשײַן פינקלט און בליצט
און ס'שמײכלען די גאָלדענע שטערן;

אַהין, וואו די לופט איז געזונט, ריין און פריש,
וואו שנײ־ווײַסע וואָלקנס נאָר שוועבן,
צו אָנהײבן דאָרט פונדאָסנײַ, פונדאָסנײַ
אָ פרײַעס, אַ גליקלאַכעס לעבן.

דער ווינטער איז לאַנג; נאָר דער שנײ וועט צעגײן,
דער גאָלדענער פרילינג וועט קומען,
דער הימל וועט ווערן אי ליכטיק, אי ריין,
די גערטנער באַשאָטן מיט בלומען;

די ערד אין איר אַלטן, געוועזענעם גליק
וועט ווידער אי שײַנען, אי בליען;
און פרײלאַך אַהער וועלן קומען צוריק
די פײגעלאַך ווידער צו פליען.

ש. פרוג.

צום פרילינג.

קום שוין, ליבער פרילינג, קום,
דען עס שמאַכט דאָ יעדע בלום,
און די אָרימע צאַרטע רויז
שטייט אָן קנאָספּן, נאַקעט, בלויז.
אויך דער שטאַרקער אייכנבוים
שטייט פאַרמאַטערט, אָטעמט קוים;
און די פייגל וואָגלען לאַנג
אין דער פרעמד דאָרט אָן געזאַנג...

פייגל! ווי כ'דערמאָן אָן זיי,
טוט דאָס הארץ מיר אַזוי וויי!
זיי פאַריאָגט אומזיסט, אָן זינד,
האָט דער בייזער ווינטער-ווינט,
און אין וואַלד איז וויסט און לער,
נאָר אין נאָרע ברומט דער בער...
פרילינג, פרילינג, גיכער קום
און די פייגל קער אונז אום!

פרילינג, פרילינג, קום געשווינט,
נאָר אָן שטורעם, נאָר אָן ווינט!
ס'האָט דער ווינטער יעדן זאַפט
אויסגעזויגן, יעדע קראַפט.
אוי, דער וואַלד איז קראַנק און מיד,
האָט שוין ניט קיין גאַנצעם גליד;
שטראַלן, שטראַלן ברענג אים פיל,
היי̇ל אים, היי̇ל אים, — אָבער שטיל...

א. רייזען.

אָנהײב פרילינג.

דער הימל רײן, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שײנט;
און פרעמדע מענשן גריסן זיך
אַזוי ווי גוטע פרײנד.

די גאַס איז פול מיט קינדערלאַך,
מען טאַנצט בײ יעדן הויז;
און פון אַ פענסטער שמײכלענדיק
אַ מוטער קוקט אַרויס.

ס׳איז שײנענדיק און לעבעדיק
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי שפּערלינגלאַך,
צוויי קלײנע טאַנצן אום.

— צווי-טשיר, צווי-טשיר, מײן טײערע,
ס׳איז פרילינג, וואָס זאָגסטו?
— געווים, מײן ליבער! — צוויטשערט אויך
זײן ח ב ר׳טע אים צו.

נחום יערוסאלימטשיק.

דער טײך שפּילט.

פון ר א ש - ח ו ד ש נ י ס ן אָן, צוויי וואָכן כ מ ע ט, איז אונזער קלײנע ח ב ר ה ח ד ר-אינגלאַך געווען פרײ. נאָר לײדיק זײנען מיר ניט געגאַנגען; פאַרקערט, מיר זײנען געווען זײער

פאַרנומען אַרום אונזער טײַך: מען האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דעם טײַך, וואָס האָט אָנגעהויבן צו לאָזן און ערטערווײַז געווען שוין גאָר פרײַ פון אײַז.

זומער האָט אונזער טײַכל זיך געקײַקלט פויל און לאַנגזאַם, שטיל און גלאַט, אַז מ׳האָט קוים געהערט זײַן מורמלען. אָנהײב פרילינג אָבער האָט דאָס קלײנע, שטילע, נאַכלעסיקע טײַכל באַקו־מען גרוים ח ו צ פ ה און געמאַכט מ ו ר א׳דיקע שטיק. די גאַנצע ש ו ר ה הײַזלאַך אויפ׳ן ברעג האָט אויף זײַן ווילדן שפּיל געקוקט מיט א י מ ה און מיט ציטערניש.

ניט אײנמאָל האָט געטראָפן, אַז שוין צום צווײטן ס ד ר האָט ער זיך אומגעריכט, אין מיטן דער נאַכט, אַרײַנגעכאַפּט אין די שטיבלאַך, אונטערגעשווענקט די אויוונס, אויפגעהויבן טישן, בעטן און בענקלאַך, איבערגעקערט אַלץ קאַפּויר און אָנגעמאַכט אַ גאַנצן ח ו ר ב ן. און ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבן אַ באַק צו טאָן, און ריטשקעלאַך האָבן אָנגעהויבן צו לויפן פון אַלע זײַטן אין דעם שטילן טײַך אַרײַן, האָבן מיר, קלײנע ח ב ר ה, געהיט דעם טײַך און גע־האָט שוין אונזערע ס י מ נ י ם צו וויסן, צי ער הײבט זיך און אויף וויפיל ער קומט צו.

און דער טײַך האָט זיך געהויבן און געהויבן. פריער האָבן מיר אים געקאָנט מעסטן מיט אונזערע שטעקלאַך, דערנאָך האָבן מיר שוין געמוזט האָבן אַ גרעסערע מאָס — מיר האָבן געמוזט אַרויס־רײַסן די שטעקנס פון די בעזימער אין שטוב; דערנאָך האָבן מיר שוין געמוזט האָבן די ווילקעס; באַלד זײַנען שוין די ווילקעס אויך געווען צו קורץ און מיר האָבן געמאָסטן דעם טײַך מיט די ברויט־לאָפּעטעס. אין אַ טאָג אַרום אָבער האָט מען שוין געמוזט ברויכן די גרעסטע מאָס, וואָס מ׳האָט נאָר געקאָנט קריגן — דאָס איז דער שטעקן פון פאָמעלע. נאָך ווײַטער האָבן מיר שוין מעסטן ניט גע־קאָנט: דער טײַך איז געווען אַזוי בײז און צאָרנדיק, אַז מ׳האָט צו אים ניט געקאָנט צוטרעטן אויף צען קלאַפטער.

דער גאַנצער ברעג אויף בײדע זײַטן איז געווען פאַרטרונקען. די כוואַליעס מיט די קריעס האָבן זיך שוין געטראָגן האַרט אונטער׳ן

בריק מיט אַן א י מ ה׳דיק געפילדער; די פאַרענצעס זײַנען געווען אַראָפגעריסן און די גאַנצע בריק האָט באַלד באַקומען אַ שרעקלאַך פ נ י ם. די ברעטער זײַנען כ מ ע ט אַלע געווען אַראָפגעטראָגן, און נאָר די קלעצער, וואָס זײַנען געווען צוגעשלאָגן צו די פאַליעס מיט אײַזנס, האָבן זיך ווי עס איז געהאַלטן; אָבער אויך די האָבן זיך געטרײַסלט פון שרעק און ר ח מ נ ו ת׳דיק געקרעכצט, ווי עס פלעגט נאָר אָנפאָרן אַ קריע און מיט אַ ווילדן ברום און קנאַק זיך צעברעכן און שטיקערווײַז דורכשפאַרן זיך צווישן די פאַליעס.

די ש כ נ י ם פון די אונטערשטע הײַזער בײַם ברעג האָבן קוים באַוויזן צו כאַפן אין לײַלאַכער די מ צ ה מיט די נײַטיקסטע עסן־זאַכן און אַוועקגעפירט עס אויף אַ פור צו זײַערע ק ר ו ב י ם אָדער פרײַנד אין די ווײַטערע און העכערע טײַלן פון שטאָט. דער ברעג און די גאַנצע גאַס איז געווען פאַרטרונקען.

דרײַ, פיר טעג האָט געדויערט דאָס שפילן פון דעם טײַך. אויפ׳ן פינפטן טאָג, אַז מיר, קינדער, זײַנען גאַנץ פרי אַרויס אויפ׳ן ברעג, האָבן מיר באַמערקט שוין אַ שטיק ברעג פרײַ פון וואַסער; אויף אים זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפן קלעצער, העלצער און שפענער, וואָס דער טײַך האָט אַזוי אין אײַלעניש געלאָזן, אַנטלויפנדיק פון ברעג. די ערד איז געווען שטאַרק דורכגענעצט, ערטערווײַז זײַנען געשטאַנען לוזשעס; מיט יעדער ש ע ה איז דאָס וואַסער אַלץ ווײַטער אָפגעלאָפן. די ש כ נ י ם, וואָס האָבן זיך פריער אַרויס־געקליבן פון זײַערע הײַזלאַך, האָבן איצט געקליבן זיך צוריק. דער ע ו ל ם, וואָס איז שוין איצט געוואָרן אַביסל שיטערער, האָט זיי געהאָלפן.

און דער טײַך איז געוואָרן אַלץ רואיקער און רואיקער. און נאָך פ ס ח, אַז מיר זײַנען שוין געגאַנגען אין ח ד ר, האָבן מיר געהאַט גענוג צו דערציילן איינער דעם אַנדערן פון דעם טײַך און זײַנע מ ע ש י ם פ ס ח־צײַט.

א. ליטוויז.

פרילינג.

זיץ איך און איך צייל די טעג,
ביז דער ווינטער וועט אוועק...
נאָך אַ שניי און נאָך אַ פראָסט,
נאָך אַ נאַסער שטורעם בלאָזט,
און דער הימל — שווער און שוואַרץ,
אָבער גרינג שוין איז דאָס האַרץ:
פרילינג הויערט ביי דער שוועל.
באַלד וועט קומען אַ באַפעל,
וועט ער געבן זיך אַ וויז,
וועט צעוויינען זיך דער אייז,
וועט ער עפענען אַ שלאָס
און אַרויסלאָזן די גראָז.
וועט ער געבן זיך אַ וואָרף
אויפ'ן פעלד און אויפ'ן דאָרף,
וועט אַנטקעגן קומען גלייך
יעדער שטראָם און יעדער טייך.
וועט ער אויסשיטן אויף זיי

יהואש

גאָלד־ת כ ש י ט י ן אַלערליי.
וועלן ביימער טאָן אַ פלאַץ
מיט אַ וואונדערלאַכן שאַץ —
גרינע קעפלאַך פון סמאַראַגד
אויף די צווייגן אַנגעפאַקט.

וועט עס ווערן אין דער פרי
אַ געפיפס און אַ געפלי.
פויגלען שפרינגען הין און הער,
יעדער פויגל טוט אַ קלער:
זאָל איך אויפראַמען צוערשט,
אָדער טאָן אַ פיק אַ גערשט

און אוועקפליען צו געסט?
לאָזט מען איבער בוים און נעסט
און מען דרייט זיך קעפּ אויף קעפּ —
ביז צום הימל שווינדל־טרעפּ,
אָדער גלאַט פעלד־אויס, פעלד־איין,
יאָגנדיק דעם זונענשיין...

שטייט אַ בושל אויף אַ דאַך,
לענדער אויסגערייזט אַ סך
און זיך אומגעקערט נאָר וואָס
צו זיין אַלטן באַלעבאָס.
הייבט ער אָן צו קלאַקען באַלד
צו די פעלדער און צום וואַלד,
צו די קינדער רונד אַרום:
ווייסט, ק ו נ ד ס י ם, אַז איך קום...
הערן זשאַבעס פון דער וויַיט,
ווייסן זיי, וואָס דאָס באַטייַט;
און זיי וויינען גאַנצע טעג.

פון קאַנורע קומט דער הונט,
געגעצט אויס זיך גאַנץ געזונט,
שטרעקט זיך אויס פאַר לענג און פרואווט
כאַפּן פליגן אין דער לופט.
נים פאַראַן נאָך פליגן פיל,
טוט ער גאָר דערוויַיל אַ ביל
אויף דער גרויסער קופּע שטרוי,
גלאַט פון היימלאַכקייט אַזוי...
זעט ער אינגלאַך לעבן פּלויט
גראָבן גערטלאַך אינ׳ם קויט
מיט געפּילדער און געשריי,
לויפט ער שפּילן זיך מיט זיי...

לעבן שײַער אויבנאָן
שטײַט און קרײַט דער גרויסער האָן;
זאַמלט זיך אַן עולם אויף —
אַלע הינער פונ׳ם הויף.
זײַ פון הינטן, ער פאָרויס,
מאַרש! הקפות אַרום הויז...
און פון סאַזשלקע דערבײַ
קומט אַ ווילדע קוואַקערײַ:
אַלע ענטלאַך, ווײַס און פעט,
שווימען קלאַפּטער אויף געוועט...
עפנט זיך דער שלאָס פון שטאַל,
גיט די שווערע טיר אַ פּראַל,
און אַ קיזשאַק טוט אַ שפּרונג.
לויפט אים האַסטיק נאָך דער יונג;
שטײַט אַ מײדל בײַ אַ טיר,
לאַכט זי, לאַכט דער יונג צו איר.

זיצט די באָבע פאַר׳ן הויז,
וואַרימט אירע בײנער אויס,
ציט די שפּיזלאַך פון דער זאָק:
אַ מחיה ה׳דיקער טאָג!

ווי זי רעדט דאָס נאָר אַרויס,
קריכט אַרויס אַ שוואַרצע מויז
אויפ׳ן הימל פאַזע ראַנד
און צעוואַקסט זיך נאָכאַנאַנד,
ביז עס ווערט אַ קראָקאָדיל,
און פון אײנעם ווערן פיל,
אײנער שלינגט דעם צווײטן אײַן,
ביז מען זעט ניט מער דעם שײַן.
קײַקלט זיך אַ שווערע זאַך,
ברומט און ברעכט זיך מיט אַ קראַך;

און אַ פײַערדיקע שער
שנײַדט דעם הימל הין און הער.
פּאַלט אַ טראָפּן, און דערנאָך —
טוט אַ גאָס אַ וואָלקן-בראָך.
לויפן מענשן אין דער גאַס,
שרײַען, לאַכן, ווערן נאַס;
און די קינדער פאַר׳ן שטוב
שטעלן אוים זיך אין אַ ראַנד,
צו דעם רעגן וואָס מער נאָנט —
יעדער אײנער וויל אַ זופּ.
שטעקט מען אוים דאָס מויל און — האָפּ!
אויף די ליפּן רינט אַראָפּ
גלײַך פון הימל גאָטס געטראַנק;
און דער רעגן פאַר אײן גאַנג
כאַפּט און צוואָגט זײ אוים דעם קאָפּ...

יהואש.

אַ מאַי-שמחה.

עס איז געווען אַ וואַרימער פרילינג-טאָג. אַ וואַרימער פײַכ-טער ווינט האָט געבלאָזן פון אָפענעם ים. די פענסטער פון די טע-נעמענט-הײַזער האָבן זיך אויפגעעפנט.

איבער דער גאַס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קינדישע מו-זיק שפּילן. פײַקלאַך האָבן געפּויקט און פלײטעלאַך האָבן געקווי-טשעט אַן אַמעריקאַנער ליד. באַלד דערויף האָט זיך געוויזן אַ שאַר פון קינדער. פאַרשטעלטע און אויסגעצירטע אין פאַרשײדן-קאָלירטע פּאַפּיר-קאָסטיומען, זײַנען זײ געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער-מוזיק.

דאָס איז געווען אַ מאַי-פּאַרטי. די פּאַבליק-סקול, אין וועל-

כער יאָסעלע האָט געלערנט, האָט געפירט אירע קינדער אין צענ־טראַל פּאַרק זיך פאַרווײַלן.

פריער איז געגאַנגען די לערערן, מיס איזאַבעל. יאָסעלע האָט געזאָלט זײַן דער פּאַקל־טרעגער פאַר דעם „קעניגלאַכן פּאָר", וואָס איז געגאַנגען נאָך אים אונטער אַ בלויער, שטערן־באַזעצטער ח ו פּ ה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווײַס העמדל מיט אַ בלויען לאַמ־פּאַס און אַ פּאַפּירענעם הוט מיט אַ טראַלט און האָט געהאַלטן אַ שטורקאַץ אין דער האַנט.

נאָך דעם „קעניגלאַכן פּאָר" איז נאָכגעגאַנגען זײַער פעלד־יעגער. דאָס איז געווען דאָס איטאַליענישע אינגל קאַטאָ קאַמבאַסאָ; אין אַ רויטן הוט, ווי אַ ג ל י ת, האָט ער נאָכגעפירט זײַן געליבטן הונט, וועלכער איז אויך געווען באַפּוצט פון קאָפּ ביז צום ווײַדל אין פאַרשײַדן־קאָלירטע פּאַפּירן. און נאָך אים די קינדער, אַלס פּאַזשן, גענערעלער, וואַלד־ג ז ל נ י ם און שקלאַפן.

די קינדער זײַנען געווען אויפגערוימט; די מוזיק האָט גע־שפּילט פאָרויס פאַר זײ, און זײ האָבן זיך געהאַלטן אין טאַקט. די יונגען זײַנען געגאַנגען שטרענג, געקלאַפּט מיט די פיס זעלנעריש. די מײדלאַך האָבן בלומען פאַרשפּרײט איבער די טראָטואַרן און גע־מאַכט פּאַראַד פאַר דעם „קעניגלאַכן פּאָר". אַ ס ך מוטערס זײַנען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער, האָבן אין די קינדער־װעגעלאַך נאָכגע־פירט די אינגערע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך, וועלכע האָבן גע־וואָלט זײַן אין דעם מאַי־פּאַראַד, האָבן אין די קײבערלאַך זײ עסן נאָכגעטראָגן.

די מענשן אין גאַס האָבן מיט ליבע נאָכגעקוקט די קינדער. די פּאָליציי־לײַט האָבן אָפּגעשטעלט אַלע טראַמווײַען און וועגענער און די קינדער אַדורכגעלאָזט.

אין דעם שענסטן גאָרטן פון ניו־יאָרק, אין צענטראַל־פּאַרק, האָט די שטאָט אָפּגעגעבן פאַר די קינדער צו שפּילן דעם שענסטן, מיט גראָז־באַזײַטן פּלאַץ. דאָס גרויסע אומענדלאַכע גרינע פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַ היגל אַרויף און דאַן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטן טאָל, איז געווען אויסגעזײַט מיט קינדער, וועלכע האָבן אין זײַערע בונטע פאַרשײַדן־פאַרביקע פּאַפּירענע קאָס־

טיומען אויסגעזען ווי אַ פעלד, וואָס איז באַשאָטן אינגאַנצן מיט פאַרשידן-פאַרביקע טוליפּאַנען, וואָס לויפן אַרום איבער אַלע ווינקעלאַך פון פעלד.

די קינדער פון פאַרשיידענע שולן האָבן זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לערערנס האָבן איינגעאָרדנט פאַר זיי פאַרשיידענע שפּילן און זיינען אַליין אַרומגעלאָפן מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט איניקע מיידלאַך. דערביי זיינען אירע ווייכע האָר צעפּאַלן, און זי האָט זיך מיט די קינדער אָנגעהויבן אַרומצוקוילערן איבער דעם גרינעם, ערשט אָפּגעשניטענעם גראָז.

דאָ און דאָרט האָבן זיך קינדער אויסגעזעצט עסן, און אַ קינדער-מוזיק האָט געשפּילט פאַר זיי.

ש. אש.

אַ רעגן.

די זון האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן געבראָטן.
מיר זיינען געלעגן באַהאַלטן אין שאָטן
פון נוסבוים דעם אַלטן, פאַרזונקען אין דרימל ;
געטריי האָט געהיט אונז דער קלאָר-בלויער הימל.

האָט פּלוצלונג גענומען אונז עמיצער וועקן,
אַזוי' ווי אַ הונט וואָלט דעם פּ נ י ם אונז לעקן —
און ס'פאַלן שוין וואַרימע טראָפּנס פון רעגן
און וואַשן און וואַשן דעם וואַלד און די שטעגן.

מיר האָבן מיט פרייד-אויסגעשרייען געלאָזן
זיך לויפן אין וואַלד אַריין, טיף אין די גראָזן,
צום טייך, וואָס איז רואיק אין וואַלד זיך געפלאָסן.
געבליצט האָט, געדונערט, דער רעגן געגאָסן...

די קליידער אַרונטער, אין טײַך — שפּרונג־געשפּרונגען,
און ווײַט האָבן אונזערע ק ו ל ו ת געקלונגען;
געשוואומען, געטונקט זיך און קונצן באַוויזן,
געבאָרעט אין גראָז זיך, ווי א מ ת׳ע ריזן.

דער רעגן פאַרבײַ שוין, די זון ווײַזט זיך ווידער;
די פֿייגל אין וואַלד זינגען זאָרגלאָזע לידער;
דער וואַלד שמעקט; מיט פּערל באַשאָטן די וועגן.
עס פרייט זיך און זינגט אַלץ: „אַ דאַנק פאַר׳ן רעגן!“

י. א. ראַנטש.

אַ זון מיט אַ רעגן.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס לאַכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אַנטקעגן;
זיי לויכטן אין לופטן און פאַלן אויף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אויף זײַדענע שניר.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס צאַנקען די גראָזן ביַים ראַנד פון די וועגן,
עס שמייכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכלט דורך טרערן אַ קינד.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס וויגט זיך דער בלאַלאַכער טיַיך אין די ברעגן,
עס פאַלן די טראָפּנס אין וואַסער, און גרינג
צעלויפן זיי ווייַט אין אַ גאָלדענעם רינג.

אַ זון מיט אַ רעגן, אַ זון מיט אַ רעגן!
און ווייַט, ערגעץ ווייַט וואַרפט זיך איבער אַנטקעגן
אין הימל אין בלויען אַ פאַרביקע בריק,
אַזוי ווי אַ וועג צו דעם אייביקן גליק.

ל. ניידוס.

אַריבער דער רעגן.

אַריבער דער רעגן און שטיל איז געוואָרן...
עס האָט זיך די זון העל צעלאַכט, ווי אַ קינד,
און האָט אויפ'ן ראַנד פונ'ם הימל צעוואָרפן
די גאָלדענע לאָקן — דאָס אויג ווערט אַזש בלינד.

און דאָרט, הינטער וועלדל, באַהאַלט זיך דאָס טייַכל,
עס זעט זיך פון ווייַטן אין זוניקן שייַן;
עס באָדן זיך מענשן און ס'שימערן, בלישטשען
די קערפּערס די קלאָרע אַרוים און אַריַין.

באַלד רוקט זיך דער אָוונט אַרויף אויף די פעלדער,
און לענגער די שאָטנס, און לופטיקער ווערט:
עס האָט הייַנט דער הימל די ערד אויסגעבאָדן —
זאָל זייַן צו רפואה דיר, בליענדע ערד!

מ. טייטש.

ברי מיך.

ברי מיך, ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דײַן בראָטן!
זאָל מײַן פ נ י ם װערן ברוין,
זאָל מײַן ברויט געראָטן.
כ'קום אַנטקעגן דיר אין פעלד
שטענדיק מיט געזאַנגען.
ברי זשע, ברי און בראָט און ברען,
פיל מיר אָן די זאַנגען.

כ'בין בײַם אַקערן, בײַם זײַען
װײַנענדיק געגאַנגען,
װעל איך שפּעטער פריילאַך זײַן,
שנײַדנדיק די זאַנגען.

ברי מיך, ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דײַן בראָטן!
שיק מיר, שיק דײַן ב ר כ ה צו —
זאָל מײַן ברויט געראָטן.

מ. באָגדאַנסקי.

אין גאַס.

ס'האָט הײַנט פון פעלד אַ פרישער װינט
אויף הײַסע גאַסן זיך פאַרקליבן
און ניט געװאוסט, װי אײַן, װי אויס,
און שטיל געבליבן.

פון טונקעלן הויז בין איך אַרויס,
דעם װינט אַנטקעגן אָנגעקומען;
און ס'האָט דער װינט מיך שטיל און לינד
אַרומגענומען.

איך האָב צעקושט זיך מיט'ן ווינט
און אָן אַ וואָרט געוואָר געוואָרן,
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד:
דאָרט בליט שוין קאָרן!

עס וועט מיר קלינגען הײַנט ביז נאַכט
דער שטילער שאַל פון ווײַטן האָרן:
עס בליט שוין קאָרן!...

ד. האפשטיין.

מאַמע, מאַמעלע מײַנע!

פאַר יום-טוב בין איך פרײַ פון חדר. ווי שטענדיק, האָב איך קיינעם אין שטוב ניט דערציילט און בין מיר אַוועק אין סאָסנע-וואַלד קלײַבן שוועמלאַך.

כ'ווייס, איך האָב זיך שוין פאַרשפּעטיקט. די מאַמע קוקט שוין די אויגן אויס. אָבער איך האָב נאָך אַ סך צו טאָן: איך מוז נאָך אָנקלײַבן שוואַרצע יאַגעדעס, פון וועלכע איך אַליין נאָר ווייס „אַן ערטל"; כ'מוז נאָך אַרויפקלעטערן אַ קוק טאָן צו מײַן נעסט פון וועוויאָרקעס — זעקס קליינינקע, געלינקע זײַנען זיי דאָרטן; איך האָב נאָך צו געפינען אויך האָזענע-ניסלאַך אונטן אין נוסן-וואַלד.

צווישן די אָלשענע און נוסן-ביימלאַך, אײַנגעפּלאָנטערט אין ווילדע האָפּן און קראָפּעווע, דאַרפן שוין זײַן צײַטיקע ווינטערדיקע מאַלינעס; כ'וועל זיי אויך אָנקלײַבן. אפשר וועל איך קענען זיך פאַרענטפערן פאַר דער מאַמען: זע, וואָס כ'האָב אָנגעבראַכט: שוועמלאַך, שוואַרצע יאַגעדעס, האָזענע ניסלאַך און אפשר נאָך ווינטערדיקע מאַלינעס אויך...

דער פאַרנאַכט קומט אָן, און איך אײַל זיך. פון אַ פאַליאַנע זע איך, די זון האָט זיך ווי אַ רויטער טײַך צעשוואומען איבער'ן הימל, איין זײַט איז באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס און ס'ווערט טונקעלער. איצט וועט שוין בײַ מיר לאַנג ניט דויערן. די פאַדעש-

וועלאַך זײַנען בײַ מיר גליטשיק פון די פּעכיקע נאָדלען; כ׳גײ און גליטש זיך — איך גיב זיך אַ זעץ־צו, אַ גליטש. און אָט בין איך אין נוסן־וואַלד.

— ס׳אַראַ מאַלינעס! כ׳האָב זיך גאָרניט געריכט — גרויסע און אָנגעשאָטן! זײ זײַנען אַזש שוואַרץ פון אָנגעגאָסענעם זאַפט. די שטעכיקע שטעקעלאַך בײַגן זיך אַרונטער.

איך וואַרף זיך אין די צונויפגעפּלאָנטערטע האָפּן, ברעך אײ־בער און טאָפּטשע אײַן די בריענדיקע קראָפּעווע. — אָ־אָ, כ׳וועל זײ אָנקלײַבן אַ ס ך!...

פּלוצלונג איז עפּעס פאַרבײַ מיר דורכגעפלויגן און זיך אַוועק־געשטעלט אַנטקעגן אויף אַן אויסגעפּוילטן פּיען. איך האָב זיך אײַנ־גאַנצן אָנגעצונדן און פאַרהאַלטן דעם אָטעם. איך זע, אַ וואַסער־פויגל שפּרינגט פאַרזיכטיק אַרום און פלאַטערט מיט׳ן געשטרײַפטן ווײַדעלע.

— כ׳קען זיך שווערן, ס׳איז אַ נעסט... — גיט מיר אַ קלאַפּ אין הערצל. — כ׳וועל האָבן מיט וואָס זיך גרוים צו האַלטן אין ח ד ר: אַ נעסט פון וועוויאָרקעס האָב איך שוין, איצט — פון וואַסער־פײ־געלאַך.

כ׳האָב זיך פאַרטאָיעט; זאָל איך נאָר זען, וואוהין זי שפּרינגט אַרײַן, וועלן זײ שוין זײַן מײַנע...

נאָר דאָס פײגעלע האָט מיך דערשפּירט און קרום, פון דער זײַט, אויף מיר אַ קוק געטאָן, אָפּגעפלויגן אַ שטיקל און זיך גע־שטעלט אויף אַ צווײַטן בוים, באַהאַלטנדיק זיך אונטער צווײַגן, ווי דאָרטן וואָלט געווען די נעסט.

— נײן, ווײסט מיך ניט אָפּנאַרן. כ׳וועל אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז דו וועסט מוזן אַרײַנפליען.

אַ צווייטע איז באַלד צוגעפלויגן און זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן זעלבן פּיען. די ערשטע האָט פאַרצווײפלט אַ צוויטשער געטאָן, ווי אָנזאָגנדיק, אַז דאָ לויערט אַ ש ו נ א.

זײ האָבן זיך געדרײט און אַרומגעפלויגן. איך בין די גאַנצע צײַט געלעגן צונויפגעקאָרטשעט אין די קוסטעס און געטשאַטעוועט.

ס׳איז מיר מיט אמאל היינו גענוואָרן... כ׳זע, איין פויגל האָט זיך שטיל אַרײַנגעג׳גנב׳עט, און גאָר עפּעס אונטער אַ וואָרצל.

„אָט וואָס, אַבי איך האָב געמיינט אין פיען גופא“...

ווי די צוווייטע איז אַרײַן, האָב איך שוין גאָר ניט באַמערקט, נאָר כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז זי איז אינוווייניק. שטילינקערהייט האָב איך זיך גענומען שאַרן צו דער נעסט.

מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך אַרײַנגערוקט די האַנט אונטער׳ן פיען... כ׳האָב אַ געשריי געטאָן און באַלד אַרויסגעכאַפּט די האַנט צוריק. פון וויטיק האָב איך אָנגעהויבן שפּרינגען אויף איין פיסל און בלאָזן אויפ׳ן צעבלוטיקטן פינגער. אַ שטיק הויט האָט זי מיר אויסגעפּיקעט מיט׳ן שאַרפן, דינעם שנאָבל. און מיט אַמאָל — באַץ! און די ביידע פויגלען זײַנען פאַר מײַנע אויגן אַרויסגעפלויגן, און פאַרפאַלן!

כ׳קוק זיך אַרום — שטאָק־פינסטער, און איך בין איינינקער אַליין, בײַנאַכט אין וואַלד. איך צאַפּל פון שרעק. כ׳ווייס: וועלף נישטערן בײַנאַכט, און ערגעץ אין מיטן וואַלד — דער פאַר־פאַר׳כישופ׳טער זומפּ מיט׳ן וואַסער־מענטש, מיט זײַנע שרעקן, וואָס פאַרנאַרט אַלעמען, און פון וואַנען קיינער קערט זיך ניט אום. און דער וואַלד איז שטיל — דער וואַלד שווײַגט.

פּלוצלונג האָט אַ בייזער פײַף זיך דורכגעטראָגן דורכ׳ן וואַלד. די ביימער האָבן צעצאָרנטע אָנגעהויבן הודזשען, ווי אַ בייזע האַנט וואָלט זיי געשויבערט די צעוואָקסענע קעפּ. אַ שלאָקס־רעגן האָט אַ גאָס געטאָן און מיט גערויש אָנגעהויבן פּויקן איבער די בלעטער.

פון שרעק לאָז איך זיך לויפן פון וואַלד אַרויס, נאָר די פינס־טערניש באַגעגנט מיך פון אַלע זײַטן און איך ווייס ניט, וואוהין צו לויפן. איך פּלאָנטער זיך אין די ווילדע האָפּן, פאַל אום און ברי זיך אָפּ אָן די שטעכעדיקע קראַפּעווע. קאַלטע שטראָמען וואַסער נעצן מיך דורך און רינען מיר איבער׳ן לײַב. איך פאַרזשמורע די אויגן פון די בלענדנדע בליצן, — קנויל־ווײַז פליקען זיי דעם הימל; עס דוכט מיר, אָט לעבן מיר פאַרטויבן די דונערן, שפּאַלטן זיך ביימער און וועלן מיך אין פיצלאַך צעהאַקן... איך וויל זיך צוטוליען צו אַ

נאָסן בוים, נאָר ס׳טרייסלט מיך עפּעס אין גאַנצן. פייערדיקע קוילן דרייען זיך מיר פאַר די אויגן. מיר דוכט, איך הייב אָן זינקען — פאַרזינקען אין פאַר׳כישופ׳טן זומפּ, און איך צאַפּל אין גאַנצן, שטרעק אויס די הענטלאַך און מיט די לעצטע כוחות רוף איך:

— מאַמע, מאַמעלע מיינע!

וואו בין איך?... עפּעס וועלף מיט פייערדיקע אויגן דרייען זיך פאַר מיין בליק. אין די אויערן קלינגט און ס׳פאַרן רייטוואָגנס. און כ׳רוף אַלץ:

— מאַמע, מאַמעלע מיינע!

ווי דורכ׳ן חלום הער איך דער מאַמעס קול. כ׳פיל נאָר, ווי זי נעמט מיך אויף די הענט. איך קלאַמער אַרום איר נאַסן האַלז. און זי טראָגט מיך אין מיטן שטורעם, טוליעט מיך צו זיך און רעדט שטיל: „אויסגעמאַטערט קינד מיינס, אינגעלע מיינער!“...

י. קרעפּליאַק.

סוף זומער.

סוף זומער, סוף זומער...
און אָט וועלן באַלד
שוין אָנהייבן פאַלן
די בלעטער אין וואַלד.

סוף זומער, סוף זומער...
אוי ווינט איז און ווי!
שוין ליגט אויף דער לאָנקע
געקאָסיעט דאָס היי.

סוף זומער, סוף זומער...
אָט נאָך אַ פּאָר טעג.
און ס׳נעמען די פויגלען
זיך קלייבן אין וועג.

ד. טשאַרני.

ווערטערביכל

פון שווערערע ווערטער, וואָס גייען אריין אין דעם בוך.

א

אבדה (אַוועידע) — פאַרלוסט, פאַרלאָרענע זאַך.
אבר־ים (עיווער־עיוורים) — גליד.
אַגדה־ות (אַגאָדע) — לעגענדע, אַלט מעשה׳לע.
אַוודאי (אַוואַדע) — געוויס, זיכער.
אויסגע׳ב ט ל׳ט (אויסגעבאַטלט) — אויסגעשאָטן.
אויסראָטן — פאַרניכטן.
אומגעהייער — זייער גרויס.
אומזיכטבאַר — וואָס מען קאָן ניט זען.
אומישנע — לכתחילה, מיט אַ כיוון. ווילנדיק.
אומקומען — פאַרפאַלן גיין, שטאַרבן.
אוצר־ות (אויצער) — ווערטפולע זאַך. רייכקייט.
אחאב (אַכאָוו) —
אַחוץ — אויסער.
איבער׳חזר׳ן (איבערכאַזערן) — איבערזאָגן.
איזבל (איזעוועל) —
אייגנטימער — באַלעבאָס.
איינגעהאַרבעט — איינגעהויקערט, איינגעבויגן.
איינפאַכע — פּראָסטע, פּשוט׳ע.
אימה (עימע) — שרעק.
אינגעווייד — דאָס אינווייניקסטע, וואָס אין אַן עוף אָדער אַ בהמה: קישקעס, לעבער, א. ד. ג.
אכזריות (אַכזאָריעס) — האַרטהערציקייט.
אליהו (עליאָהו) —
אַמפּערן זיך — קריגן זיך, שטרייטן.
אָנבייסן — עסן פרישטיק.
אַנגסט — שרעק.
אָפּגרונט — די טיף פון דער ערד; די טיף פון וואַסער.
אַפּנים (אַפּאָנים) — קענטיק.
אָפּשיי — רעספּעקט.
אַפילו (אַפילע) — זאָגאַר.
אַרומקלאַמערן — אַרומנעמען, צודריקן.

ב

באַגערן — ווען, ווינטשן.
באַגרייפן — באַנעמען, פאַרשטיין.
באַווייזן — האָבן צייט.
באַזיגן — איבערשטייגן, זיין שטאַרקער פונ׳ם אַנדערן.
באמת (בעעמעס) — אין דער אמת׳ן.
באַנאַנד — צוזאַמען אין צווייען.
באַפעל. אַ באַפעל געבן — הייסן.
באַצייטנס — גאַנץ פרי.
באַראַזנע — גראָבן.
בופלאָקס — ביזאָן.
בורא (בוירע) — באַשעפער.
בורשטין — אַ געל שטיינדל, וואָס באַקומט זיך פון פעך, וואָס ליגט זייער לאַנג אין ים.
בחור (באָכער) — אויסגעוואַקסענער יונג.
ביטחון (ביטאָכן) — גלויבן.
בייליק — הון־פליש.
בירושה (בירושע) — נאָכ׳ן פאָטערס טויט.
בית־המדרש (בעיס־האַמעדרעש) — שול צום דאַוונען.
בכבוד׳יק (בעכאָוועדיק) — שיין, אָנגעזען.
בליטן — פרוכט־בלומען.
בן־יחיד (בען־יאָכיד) — איין איינציקער.
בן־סירא (בען־סיראָ) —
בסך־הכל (בעסאַך־האַקל) — אינגאַנצן.
בעלי־דינים (באַלע־דינים) — די וואָס שטייען פאַר׳ן געריכט.
בעלמע — הייטל.
בעל־עגלה (באַל־אַגאָלע) — פורמאַן.
בפרט (ביפראַט) — באַזונדערס.
ברוגז (ברויגעז) — אין כעס, בייז.
ברוקירן — אויסלייגן מיט שטיינער.
ברכה (בראָכע) — בענשונג.
בשום־אופן (בעשום אויפן) — פאַר קיין פאַל.
בשעת (בעשאַאַס) — ווען, ווייל.

ג

גאווה (גאַיווע) — שטאָלצקייט, גרויס־האַלטעריי.
גאָטספאַרכטיק — פרום.
גאַרב — אַ בינטל זאַנגען...
גוי־ים (גאָי־גאָאים) — ניט אידן, קריסטן.

גוליע — אָנוואוקס.
גלית (גאָליעס) — אַ ריז.
גנב (גאַנעוו).
געגנוואַרט — אָנוועזנהייט.
געוויסער — פאַרפליצונג פון וואַסער.
געזעמל — אַן עולם מענשן.
געלאַף — לויפעריי.
געפלעפט — פאַרשטוינערט, פאַרוואונדערט.
געשווינט — שנעל.
געשטריפט — אין פּאַסיקלאַך.
געשפּאַן — רייטוואָגן.
גרויל — ציטערניש, שרעק.
גרויסאַרטיק — וואונדערבאַר.
גרימען — ברענען, זיין אין כעס.

ד

דאַמבע — אַ פעסטער צוים צו פאַרהאַלטן וואַסער פון ים אָדער פון אַ טייך.
דוד׳ל (דאָווידל) —
דיבורים — רייד.
דירה־ות (דירע) — וואוינונג.
דעליע — מאַנטל.
דערגרייכן — קריגן, דערקאַזען.
דער׳הרג׳ען (דערהאַרגען) — טויטן.
דערנערן — געבן עסן.
דראָנג — פלאָקן, שטעקן.
דראָען — סטראַשען.
דרום (דאָרעם) — זיד, „סאַוט“.
דרייסט — געוואַגט, מוטיק.

ה

האַפן — געוויקס, וואָס שלענגלט זיך; ווערט באַנוצט ביים מאַכן ביר.
הויזגעזינד — פאַמיליע.
הויך — בלאָז.
הויערט — ליגט.
הורבע — קופּע.
הכנעה (האַכנאָע) — אונטערטעניקייט.
הלוואי (האַלעוואַי) — זאָל בעסער געווען פאַסירן אַזוי, אַז איך...
המון (האַמוין) — עולם, אַ סך מענשן.
המוציא (האַמויצע) — אַ ברכה אויף ברויט.
העזה (האָזע) — גראָבקייט, חוצפה.
הפנים (האַפּאָנים) — קענטיק.
הפסקה־ות (האַפסאָקע) — איבעררייס.
הקדש (העקדעש) — שפּיטאָל; הויז פאַר אָרימעלייט.
הקפות (האַקאָפעס) — אַרומדרייען זיך.

וו

וואָרע — דורכגאַנג, ברייטער פּלאַץ.
ווילקע — שטעקן אויף אַרויפצושטעלן אַ טעפל אין אויוון.
וועליסאַפּעד — „ביסיקל“.
ווערבע — הוישאַינע־בוים.

ז

זאָרגפול — פאַרזיכטיק.
זיכרון (זיקאָרן) — געדעכעניש, קאָפּ.
זכות (זכוס) — פאַרדינסט; צוליב דעם זכות —צוליב.
זכר (זעיכער) — סימן, אָנדענקען.
זקנה (זקיינע) — אַלטיטשקע.

ח

חבר־ים (כאַווער־כאַוועירים)—פריינד.
חברה־ות (כעוורע) — געזעלשאַפט; פאַריין; באַשעפעניש.
חדר (כעידער) — צימער; קלאַס־צימער; שול.
חוב־ות (כויוו־כויוועס) — שולד.
חודש־חדשים (כוידעש־כאַדאָשים) — מאָנאַט.
חומש (כומעש) — די ערשטע פינף ביכער פון דער ביבל.
חופּה (כופּע) — אַ באַלדאַכין, אַן אָנגעצויגענער פאָרהאַנג.
חוצפּה (כוצפּע), — גראָבקייט, שטאָלצקייט.
חורבה־ות (כורווע) — איינגעפאַלן הויז.
חורבן (כורבן) — פאַרוויסטונג, צעשטערונג.
חזר׳ן (כאַזערן) — ווידערהאָלן, איבערזאָגן עטלאַכע מאָל.
חיה־ות (כאַיע) — לעבעדיקע באַשעפעניש; וואַלד־באַשעפעניש.
חילוק (כיליק) — אונטערשיד.
חיסרון (כיסאָרן) -- פעלער.
חכם (כאָכעם) — קלוגער מאַן.
חלום־ות (כאָלעם) — טרוים.
חלוקה (כלוקע) — צעטיילונג.
חלילה (כאָלילע) — זאָל גאָט:אויסהיטן.
חלק (כעיליק) — טייל.
חלשות — אוממאַכט.
חסד (כעסעד) — גענאָד, טובה, גוטסקייט.
חפני (כאָפּני).
חרטה (כאַראָטע) האָבן, ער האָט חרטה — עס פאַרדריסט אים, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן.
חשבון־ות (כעשבן) —,רעכענונג.
חתונה (כאַסענע) האָבן — הייראַטן; ווערן מאַן און ווייב.

ט

טובה־ות (טויווע) — געפעליקייט.
טיכטיק — גוט, טעטיק, פליסיק.
טלית (טאַלעס) — אַ פירעקעדיק שטיק ווייסע וואָלענע צייג, וואָס די פרו־מע אידן טוען אָן בּיים דאַווענען אין דער פרי.
טעפּיך — אַ שיין געפלאָכטענער אָדער געוועבטער צודעק פאַר׳ן דיל.
טראַף — פאַל, צופאַל, געשעעניש.
טרום — פייגלינג; איינער וואָס האָט מורא פאַר אַלץ און אַלעמען.
טריב — אומעטיק.
טשאַטעווען — היטן.

י

יהואש (יעהויאָש) — דער פּסעוודאָ־נים פונ׳ם שרייבער ש. בלומגאַרטן.
יהוידע (יעהויאָדאָ) —
יום־טוב (יאָמטעוו) — אַ פייערלאַכער טאָג, ווי פּסח, שבועות, סוכות און אַנדערע.
יושר (יוישער) — ערלאַך, ערלאַכקייט.
ירושה (יערושע) — דאָס אייגנטום, וואָס מען באַקומט נאָכ׳ן טויט פון פאָטער אָדער פון אַן אַנדערן נאָענטן קרוב.
ישוב (אישעוו) — וואוין־אָרט.

כ

כבוד (קאָוועד) — רעספּעקט, געאַכט־קייט.
כוואַט — העלד.
כוואַטסקע — העלדיש.
כוואַליעם — ווען, פאַליעם.
כוח־כוחות (קויאַך־קויכעס) — קראַפט.
כל־זמן (קאָל־זמאַן) — ווייל; לאַנג; די גאַנצע צייט וואָס.
כל־טוב (קאָל־טואוו) — אַלדאָס גוטס.
כמעט (קימאַט) — „אָלמאָסט".

ל

לאַנקע — גראָז־פעלד.
לאַ־עליכמ׳דיק (לוי־אַלעיכעמדיק) — ניט פאַר אייך ,געדאַכט.
להכעים (לעהאָכים) — אויף צו להכעים — דווקא.
לויערן — וואַרטן, אויסקוקן.
לוסט־רייזע — אַ רייזע צוליב פאַרגע־ניגן.
לחיים (לעכאַאים) — צו געזונט!
ליאַדע — קליין.
לייכטזיניק — נאַריש, לייכטגלויביק.
למדנות (לאַמדאַנעס) — געלערנטקייט.
למשל (לעמאָשל) — צום ביישפּיל.
לסוף (לעסאָף) — ענדלאַך.
לער — ליידיק, פּוסט.
לץ ,(לעץ) — אָפּלאַכער; שפּאַסמאַכער.
לשון־הרע (לאָשן־האָרע) — שלעכטע רייד; אָנרעדן אויפ׳ן אַנדערן.

מ

מאָרדעטשקע — אונטערשטער שפּיץ פון פּנים.
מדינה־ות (מעדינע) — לאַנד, מלוכה.
מדרש (מעדרעש) — אַ העברעאיש בוך, וואָס אַנטהאַלט אַ סך לעגענדעס שיינע.
מודה (מוידע) זיין — צוגעבן.
מוחל (מויכל) זיין — פאַרגעבן, שענקען.
מונטער — פריש, שטאַרק.
מוקדון — פון דעם לאַנד מאַקעדאָניע, גריכנלאַנד.
מזל (מאַזל) — גורל, שיקזאַל.
מחיה (מעכאַיע) — פאַרגעניגן.
מחיה׳דיק (מעכאַיעדיק) — שיין.
מחילה (מעכילע) — פאַרגעבונג.
מחנה־ות (מאַכנע) — אַ סטאַדע, אַ סך.
מטבע־ות (מאַטבעיע) — געלט־שטיק.
מיאוס׳ע (מיעסע) — ניט שיינע, העס־לאַכע.
מייסטעריש — קונציק.
מילגרוים — גראַנאַט־עפּל.
מילד — גוט, ווייך.
מינדסטן — קלענסטן.
מיסברויכן — באַנוצן צום שלעכטן.
מישב (מעיאַשעוו) זיין זיך — זיך באַקלערן.
מיתה (מיסע) — טויט.
מכבד (מעכאַבעד) זיין — געבן; געבן גוטע זאַכן.
מכלמר׳שט (מיקלוימערשט) — ניט אויפריכטיק, געמאַכט אַן אָנשטעל.
מלאך (מאַלעך) — איבערנאַטירלאַך גוטער מענש.
מלאך־המות (מאַלעך־האַמאָוועס) — דער מלאך פון טויט.
מלבוש־ים (מאַלבושים) — קליידער.
מלחמה־ות (מילכאָמע) — קריג.
מלך (מעילעך) — קעניג.
ממש (מאַמעש) — אָבער טאַקע ווי.
מנהג־מנהגים (מינהעג־מינהאָגים) — אויפפיר, געוואוינהייט.
מן־השמים (מין האַשאָמאַאים) — פון הימל, פון גאָט.
מנחה (מינכע) — דאָס פאַרנאַכטיקע געבעט.
מסתמא (מיסטאָמע) — קענטיק.

מעלה־ות (מאַילע) — גוטע אייגנ־שאַפט.
מעשה־ות (מאַיסע) — 1) דערציילונג; 2) פאַל, צופאַל.
מעשים (מאַיסים) — טאַטן, אויפטו־אונגען, קונצן.
מצה־ות (מאַצע).
מצווה־ות (מיצווע) — געבאָט.
מצרים (מיצראַאים) — עגיפטן.
מראה (מאַרע) — אויסזען, בילד.
מרה־שחורה׳דיק (מאָרע־שכוירעדיק) — אומעטיק.
מרים (מיריאָם)) —
משוגע׳נע (מעשוגענע) — פאַרריקטע, פון זינען גערירטע.
משך (מעשעך) — צייט, דויער.
משלי (מישלעי) — אַ בוך פון דער ביבל, וואָס אַנטהאַלט קלוגע ווערטלאַך און שפּריכווערטער.
משא (מאַסע) — שווערע זאַך, לאַד.
מתנה־ות (מאַטאָנע) — געשאַנק.

נ

נאַכלעסיק — זאָרגלאָז; וואָס גיט ווייניק אַכטונג אויף זיך.
נאָרע — לאָך.
נבות (נאָוועס) —
נביא (נאָווי) — אַ הייליקער מאַן. אַן ערלאַכער מאַן וואָס פאַרליידט ניט קיין שלעכטס, און וואָס שטראָפט אַנדערע, ווען ער זעט, ווי זיי טוען שלעכטס.
נגיד (נאָגיד) — אַ רייכער מאַן, אַ גביר.
נדן (נאַדן) — געלט, קליידער און אַנ־דערע זאַכן, וואָס מען גיט די נייַ־פאַרהייראַטע צו דער חתונה.
נוגע (נויגעיע) — שייך.
ניט נוגע — האָט ניט צו טאָן מיט אים.
נחום (נאָכעם) —
ניגון־ניגונים (ניגן) — ליד, מאָטיוו, מעלאָדיע.
ניסיון (ניסאָיען) — אויספּרואוו.
ניסן — דער ערשטער אידישער חודש.
נישטערן — אַרומלויפן, זוכן.
נמאס (נימעס) — מיאוס. נמאס ווערן — דערעסן.
נעבלדיק — מיט טוי באַדעקט, ניט קלאָר.
נעפל — אַ טוי־וואָלקן.
נשמה (נשאָמע) —

ס

סאַזשלקע — טייכל.
סדר (סיידער) — אָרדנונג; די ערש־טע און צווייטע נאַכט פון פּסח.
סוד־ות (סאָד־סוידעס) — געהיימעניש, סעקרעט.
סוחר־סוחרים (סויכער־סאָכרים) — הענדלער.
סוכה (סוקע) — אַ ביידל צו זיצן סוכות.
סוכות (סוקעס) — דער יום־טוב פון ביידלאַך און פון פרייד, סוף זומער.
סוף (סאָף) —
סחורה — זאַכן צום פאַרקויפן.
סטאַדע — טשערעדע; אַ סך באַשע־פענישן צוזאַמען.
סטויג — אַ קופּע היי.
סטעפּ — פעלד, באַדעקט מיט גראָז, אָבער אָןביימער.
סימן־סימנים (סימען) — צייכן.
סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר.
סנאָפּ — גאַרב. ווי אַ סנאָפּ — ווי אַ שטיין.
סעודה (סודע) — מאָלצייט.
ספק (סאָפיק) — צווייפל.
ספר (סעיפער) — בוך.
סקירדע — קופּע.
סקעלעט — אַלע ביינער פון אַ מענשן, אָן הויט און פלייש.

ע

עדות (עידעס) — מענשן, וואָס האָבן אַליין געזען, אָדער געהערט עטוואָס און קומען ווען דעם דערציילן.
עולם — גרופּע מענשן; מענשן וואָס אַרום.
עוף (אָף) — הון, גאַנז אָדער אַנדערע הויז־פויגל.
עושר (אוישער) — רייכער מאַן.
על־פי־טעות (אַל־פּי־טאָעס) — אומ־באַמערקט, צופעליק.
ענין (איניען) — זאַך, געשעפט.
עצה־ות (עיצע) — ראָט.
עצה׳ן (עיצען) — ראַטן.
עקל — מיאוס׳קייט, איבל.
ערב־שבת (ערעוו־שאַבעס) — דער טאָג, וואָס פאַר שבת, פרייטאָג.
ערוואָרבן — קריגן, פאַרדינען.
ערשטוינונג -- פאַרוואונדערונג.

פּ

פּאַדעשווע — זויל פון שיך.
פּאה (פּעיע) — דער ברעג פון די האָר פון קאָפּ; די האָר ביים אויער.
פּאַליאַנע — אָפן פעלד.
פּאַליעס — הויכע זיילן אין טייך; אויף זיי האַלט זיך די בריק.
פּאַסטקע — אַ נעץ צו כאַפּן חיות.
פּאַרטאַיעט — פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

פּאַרע — הויך; קלאַנג; דאַמף.
פּאַרקאַן — צוים.
פּיען־פּעניעם — אונטערשטער טייל פון אַ בוים, וואָס מען האָט אָפּגעשניטן.
פּליקען — צעשניידן.
פּנים (פּאָנים) — געזיכט, צורה.
פּסח (פּעיסאַך) — דער פרילינגס־יום־טוב.
פּסק (פּסאַק) — באַשטימונג, אורטייל.
פּסק'ענען (פּאַסקענען) — באַשטימען.
פּרעה (פּאַרע) — קעניג אין עגיפּטיש.
פּרעסן — דריקן.
פּרץ (פּערעץ) —
פּרק (פּעיריק) — די לערע פון די פּאַטערס, פון די גרויסע געלערנטע.
פּשוט (פּאָשעט) — איינפאַך.

פֿ

פֿאַרגליווערט — פֿאַרפראָרן.
פֿאַרווײַלן — פֿאַרברענגען.
פֿאַרזשמורען — פֿאַרמאַכן.
פֿאַר'חושכ'ט (פֿאַרכוישעכט) — פֿאַרשוואַרצט, פֿאַר'צרה'ט.
פֿאַר'חלש'ט (פֿאַרכאַלעשט) — אין אונמאַכט, אָן כוחות.
פֿאַר'כישופ'ט (פֿאַרקישעפט) — פֿאַרציבערט, פֿאַרטראַכט.
פֿאַרפֿאָלגט — יאָגט אים נאָך.
פֿאַרשטיינען — פֿאַרוואַרפן מיט שטיינער; טייטן דורך פֿאַרוואַרפן מיט שטיינער.
פֿאַרשמאַכט — הונגעריק און דאָרשטיק.
פֿי — קי, שעפּסן, ציגן.
פֿלוך — קללה.
פֿליים — איבערגעבנקייט צו דער אַרבעט, ווילן צו אַרבעטן.

צ

צאַם — ניט ווילד; שטיל.
צאַנקען — קוים ברענען; האַלטן ביים אויסלעשן זיך; טרייסלען זיך.
צאַפּלען זיך — ציטערן.
צאַרט — איידל, ווייך.
צדקה (צדאָקע) — נדבות; געלט פֿאַר אָרימע מענטשן.
צוגע'גנב'עט (צוגעגאַנוועט) — צוגענומען.
צוואָגט — וואַשט.
צוטרויען — דאָס אָפּגלויבן איינעם.
צו'משפּט'ן — פֿאַראורטיילן.
צונויפגעקאָרטשעט — צונויפגעדרייט.
צע'מזיק'ן (צעמאַזיקן) — צעשלאָגן. צעקלאַפּן..
צער (צאַאַר) — ליידן, פֿאַרדראָס.
צפון (צאָפן) — נאָרד.

ק

קאַטער — פֿאַרקילונג.
קאָטיש — וואָגן.
קאָמיש — לעכערלאַך, צום לאַכן.
קאָמעדיאַנט — קונצן־מאַכער.
קאָנורע —ביידעלע פֿאַר אַ הונט; ווינקל.
קאַנצעלאַריע — אָפּיס.
קאָסיען — שניידן.
קאָסע — מעסער.
קאַפּיושאָן—קאָפּ־צודעק פון אַ מאַנטל.
קול (קאָל) — שטימע.
קונדס (קונדס) — שטיפער.
קוראַזש מאַכן — באַרימען זיך.
קזשאַק — שטרויך, קוסט.
קיזשאַק — לאָשיק, פערדעלע.
קיטל — לאַנגע ווייסע העמד.
קימערן זיך — דאגה'ן, זיין באַאומרואיקט.
קירעוועט — קערט, דרייט.
קלאַמער — קייטעלע צום פֿאַרשליסן.
קלאַקען — קלאַפּן מיט'ן שנאָבל.
קללה־ות (קלאָלע) — שילט־וואָרט, זידל־וואָרט.
קלעם — צרה.
קנאה (קינע) — איפערזוכט, פֿאַרדראָס פֿאַרוואָס אַ צווייטער האָט.
קעסט — שפּייז.
קעפּן — אַראָפּנעמען דעם קאָפּ, טייטן.
קראַלן — נעגל.
קראָפּעווע — אַ גראָז וואָס בריט אָפּ, ווען מען רירט זיך צו דערצו מיט'ן האַנט.
קרוב (קאָרעוו) — אַן אייגענער, אַ פריינד.
קריעם — שטיקער אייז.

ר

ראַנגלען זיך — קעמפן, שטרייטן.
ראַנד — ברעג, עק.
ראַפּטום — פּלוצלונג, מיט אַמאָל.
ראש־חודש (ראָש־כוידעש) — דער ערשטער טאָג פון יעדן חודש.
רבי (רעבע) — לערער, מלמד.
רוח (רואַך) — שד, טייוול.
רוים — פּלאַץ, לופט.
רוימט איין — זאָגט אַ סוד אין אויער.
רוצח (רויצעיאַך) — גזלן, האַרטהערציקער מענטש.
רחמים (ראַכמים) — רחמנות.
רחמנות (ראַכמאָנעס) האָבן — דערבאַרימען זיך.

ריזלען — לויפן, קייקלען זיך.
ריח־ריחות (רעיאַך־רעיכעס) —
רכילות (רעכילעס) — באַרעדעריי.
רכילות טרייבן — דערציילן עפּעס שלעכטס אויף איינעם.
רענצל — פּאָרטפעל פאַר די ביכער.
רעש'ן (ראַאשן) — טומלען.
רפואה (רעפוע) — מעדיצין, הייל־מיטל.
רשע (ראָשע) — שלעכטער מאַן.

ש

שאַרלאַך־רויט — טונקל־רויט, זייער רויט.
שבועות (שוואועס) — דער יום טוב פון גרינס, און פון געבן די תורה, 7 וואָכן נאָך פסח.
שבת־שירה (שאַבעס־שירע) — דער שבת, ווען מען לייענט אין דער תורה דאָס געזאַנג. וואָס די אידן האָבן געזונגען, ווען זיי זיינען אַריבער דעם ים־סוף.
שוטה (שויטע) — נאַר.
שויבערן — צעדרייען, צעוואַרפן.
שורה־ות (שורע) — ליניע; ריי.
שותף (שוטעף) — אָנטיילנעמער אין אַ געשעפט.
שטאָק־פינסטער — זייער פינסטער.
שטאָקעט — צוים פון שטעקעלאַך, וואָס שטייען אָפּגערוקט איינס פונ'ם אַנדערן.
שטייגן — אויפהייבן זיך.
שטיצן — העלפן.
שטרויך — נידעריק פאַרצווייגט ביימל; קוסט.
שטרייטן — שפּאַרן זיך.
שייטלאַך — שטיקער האָלץ.
שייך (שאַיעך) — איז שייך — האָט צו טאָן.

שימערדיקע — לויכטנדיקע, גלאַנציקע.
שיעור (שיר) — מאָס.
שישקע — פרוכט פון אַ טענענבוים און פון אַ יאָלקע.
שלאַנק — הויך און גלייך.
שלאַקס־רעגן — גוס־רעגן.
שלום־עליכם (שאָלעם אַלעיכעם) — דער פסעוודאָנים פונ'ם שרייבער שלום נחום ראַבינאָוויץ.
שלמה (שלוימע) —
שם (שעם) — נאָמען.
שמאי (שאַמאַי) —
שמאַכטן — זיין הונגעריק און דאָרשטיק.
שמערץ — ווייטיק.
שנאָרער — אַ מענש, וואָס האַלט אין איין אויסבעטן נדבות פאַר זיך.
שפּאַנגען — פליטערלאַך; פעדים.

שכל (סעיכל) — קלוגשאַפט, חכמה.
שמחה־ות (סימכע) — פרייד.
שנאה (סינע) — פיינדשאַפט.
שרה (סאָרע) —

ת

תבואה (טוואוע) — דאָס ברויט פון פעלד.
תורה (טוירע) — לערנען, וויסן, ביבל.
תיכף (טייקעף) — גלייך, באַלד.
תכשיטין (טאַכשיטן) — צירונג.
תנ"ך (טאַנאַך) — די ביבל.
תפילין (טפילן) — רימענע קעסטעלאַך. אין וועלכע עס ליגן אויפגעשריבענע אויף פאַרמעט קאַפּיטלאַך פון חומש. און וועלכע די פרומע אידן טוען אָן ביים דאַווענען אין דער פרי.